STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05427

# A. ALMI BUKH

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Pauline W. Ledeen*
*in honor of*
*Aaron Lansky and his dedicated helpers*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# א. אַלמי־בוך

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 159

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

# א. אַלמי בוך

לכבוד א. אַלמיס ווערן אַ בן־שבעים

צונויפגעשטעלט פון אַ קאָלעגיע
אונטער דער רעדאַקציע פון
**אברהם זאַק**

מיט אַ ביבליאָגראַפיע
צוזאַמענגעשטעלט פון
**יעפים ישורין**

אַרויסגעגעבן דורכן
**צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע**
בוענאָס־איירעס, 1962 — התשכ״ב

די צונויפשטעלערס פון דעם א. אַלמי־בוך האָבן אין דער זאַמלונג אַריינגענומען אַ קליינעם אָפּקלייב פון אָפּשאַצונגען פון דעם יובי־לאַר און זיינע ווערק, וואָס זענען פאַנאַנדערגעוואָרפן אין פאַרשיי־דענע צייטונגען און זשורנאַלן. זיי האָבן אויסגעלאָזט יענע אָפּ־האַנדלונגען, וואָס זייערע מחברים האָבן זיי שוין אַריינגענומען אין זייערע אויסגעוויילטע ווערק אין בוכפאָרעם — ווי דאָס איז, למשל, דער פאַל מיט א. לעיעלעס־גלאַנצס וואָגיקע אָפּשאַצונגען, וואָס זע־נען אַריין אין זיין בוך „וועלט און וואָרט".

# אינהאַלט

קיצור־אַלמי־ביאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — 9

**יצחק האָראָוויץ:**
אַ שמועס מיט א. אַלמי — — — — — — — — — — — — — 11

**אברהם רייזען:**
וועגן אַ הקדמה אין 1930 — — — — — — — — — — — — 19

**אברהם זאַק:**
א. אַלמיס יחידותדיקער וועג — — — — — — — — — — — 24

**ב. ג. זאַק:**
אַלמיס מענטשן, אידייען און לידער — — — — — — — — — 38

**אברהם ביק:**
א. אַלמי — דער קריטיקער און פּאָלעמיקער — — — — — — 44

**מאַרק שווייד:**
פון דער אַמאָליקער וואַרשעווער אָרימקייט — — — — — — 49

**יוסף הלל לעווי:**
א. אַלמי — דער דיכטער און דענקער — — — — — — — 54

**פּראָפ. דב סדן:**
די וואַנט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 68

**ד"ר א. מוקדוני:**
א. אַלמיס פילזייטיקייט — — — — — — — — — — — — 73

**ש. ניגער:**
אמר א. אַלמי — — — — — — — — — — — — — — — — 80

**ש. ל. שניידערמאַן:**
אַלמיס צער און צאָרן — — — — — — — — — — — — — 87

**חיים ליבערמאַן:**
גיהנום אָדער גן־עדן? — — — — — — — — — — — 93

**ד"ר ל. זשיטניצקי:**
פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס אין אַלמיס לידער — — — 105

**משה גראָסמאַן:**
וועגן א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען" — — — — — — — 113

**ש. איזבאַן:**
דער דיכטער פון פּראָטעסט — — — — — — — — — 116

**מלך ראַוויטש:**
זינט 1907 — — — — — — — — — — — — — 122

**ש. טענענבוים:**
א. אַלמי — דער אַלזייטיקער שאַפער — — — — — — — 127

**ישראל גיטלסאָן:**
נאָטיצן פון אַ לייענער — — — — — — — — — — 133

**יצחק וואַרשאַווסקי (באַשעווים):**
אַ קעמפער פאַר העכערע ענינים — — — — — — — 138

**יצחק האָראָוויץ:**
א. אַלמי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ — — — — — — — 141

**לייבוש לערער:**
אין דער וועלט פון אידייען — — — — — — — — — 150

**מרדכי יפה:**
האַרמאָניע פון פּילזייטיקייט — — — — — — — — 157

**ד"ר יוסף בערנפעלד:**
אַ בריוו וועגן „חשבון און סך־הכל" — — — — — — — 166

**נ. שמן:**
איובדיקער סך־הכל פון מענטש — — — — — — — — 171

**יעפים ישורין:**
א. אַלמי־ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — 177



א. אַלמי

# קיצור אַלמי־ביאָגראַפיע

**געבוירן:** 2טער יאַנואַר, 1892, אין וואַרשע.

**פּאָעטישער דעביוט:** אין 1907, מיט אַ ליד „ווי לאַנג האָבן רויזן", אין „ראָמאַנצייטונג", וואַרשע.

**פּובליציסטיש־פעליעטאָניסטישער דעביוט:** אין 1910, אין דער טאָגצייטונג „דער מאָמענט", וואָס האָט אין יענעם יאָר אָנגעהויבן צו דער־שיינען אין וואַרשע.

**באַזעצט זיך אין אַמעריקע:** 1טער יאַנואַר, 1913.

**ס'ערשטע בוך אין פּראָזע:** „די צווייטע עקסיסטענץ", אַ וויסנ־שאַפטלעכע שטודיע פון ספּיריטואַליזם, ניו־יאָרק־מאָנטרעאַל, 1921.

**ס'ערשטע בוך לידער:** „ביי די ראַנדן", ניו־יאָרק, 1923.

**די צאָל ווערק:** 26. דערפון זענען: 13 בענד עסייען אויף פילאָסאָ־פישע, וויסנשאַפטלעכע, קינסטלערישע און רעליגיעזע טעמעס; 6 זאַמלונ־גען לידער; 3 בענד דערציילונגען און פעליעטאָנען; 2 בענד זכרונות; 1 באַנד פאָלקס־מעשיות אין פּויליש און 1 באַנד עסייען אין העברעיִשער איבערזעצונג.

**בראָשורן** (אין יידיש, ענגליש און העברעיִש): 8.

# אַ שמועס מיט א. אַלמי

פון

## יצחק האַראָוויץ

איך קען אַלמין אַ שיינע פּאָר יאָר. איך קען אים נישט נאָר ווי אַ שרייבער, נאָר אויך ווי אַ נאָענטן, אינטימען פריינד. איך זאָג דאָס, ווייל גאָר ווייניק שרייבער, און נאָך ווייניקער לייענער קענען אים פון דער נאָענט. און ווי זאָל מען אים קענען נאָענט, אַז הגם ער שרייבט שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט, און ער האָט שוין זיין אייגנס עטלעכע־און־צוואַנציק ביכער, האָט ער נאָך צו קיין יובילייען פאַר זיך נישט דערלאָזט, אין דער עפנטלעכקייט איז ער פערזענלעך קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן, און אין דער „יידישער גאַס" זיך קיינמאָל נישט געקהלט, ווי אַנדערע שרייבער. אַפילו ביי די פּראָפעסיאָנעלע אָדער אינטימע אסיפות פון קאָלעגן האָט מען אים זעלטן געטראָפן.

דאָס מיינט נישט, אַז אַלמי שטייט־אָפּ פון אונדזער עפנטלעכן לעבן. ער איז פאַרבונדן מיט דעם מער אפשר ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, וואָס קהלען זיך יאָ. נישטאָ כמעט קיין געזעלשאַפטלעכע געשעעניש, וואָס אַלמי זאָל פריער אָדער שפּעטער נישט רעאַגירן דערויף אין זיינע עסייען און אַרטיקלען. נאָך מער: אים אינטערעסירן אַלע געביטן פון גייסטיקן און סאָציאַלן אויסדרוק. אַז מ׳לייענט זיינע ביכער, געפינט מען אין זיי נישט בלויז פאָלקס־לעגענדעס, מעשׂות און זכרונות, נאָר אויך פּאַרטיפּטע אָפּ־האַנדלונגען וועגן ספּיריטואַליזם, השארת־הנפש, אָריענטאַלישע און מערב־פילאָסאָפיע, אויך עסייען וועגן ליטעראַטור, פּסיכאָלאָגיע, וויסנשאַפט און סאָציאָלאָגישע פראַגן.

אפשר דערפאַר, וואָס אַלמיס גייסטיקע געאָגראַפיע איז אַזאַ ברייטע, אַזאַ אוניווערסאַלע, יאָגט ער זיך נישט נאָך דעם ביסל עולם־הזה, וואָס מען

קריגט אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט קהלשע ספערן. אָבער ווי זיינער אַ נאָענטער פריינד, ווייס איך פון נאָך אַ סיבה. דער זעלבער אַלמי, וואָס איז שטענדיק גרייט מיט זיין שריפטלעך וואָרט, וואָס קעמפט מיט דער שאַרפ־סטער קריטיק קעגן יעדער פאַלשער אידעאָלאָגיע און קעגן יעדן אידעאָ־לאָגישן פעלשער, איז אין תוך אַ שטילער, באַשיידענער מענטש. ער איז, קען מען זאָגן, כמעט אַ שעמעוודיקער. אַזוי איז ער דאַכט זיך איינער פון אונדזערע אַרטיקולירטסטע שרייבער, זיין געשריבן וואָרט פליסט אַזוי גרינג און נאַטירלעך, אָבער אַז ער קומט אין געזעלשאַפט, איז ער שטיל און צוריקגעצויגן. נאָך ווינציקער קענט איר פועלן ביי אים ער זאָל זיך אויפשטעלן „נעמען אַ וואָרט". איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען מ׳זאָל אים פאַרנאַרן צו אַ זיצונג און צווינגען צו רעדן, וואָלט ער באַלד אויפן אָרט קראַנק געוואָרן.

מחמת די אַלע טעמים, האָב איך געטראַכט, אַז מיין פּאַסיקסטער ביי־טראָג צו דעם ספּעציעלן אַלמי־נומער פ.א.ש. וועט זיין — אַ שמועס מיט אים אַליין. דאָס וועט העלפן אַרויסצוקריגן פון אים אַ פּאָר ענטפערס, וואָס איך בין זיכער אַז זיינע לייענער און פאַרערער וואָלטן וועלן הערן.

— ליבער אַלמי, קודם־כל וויל איך אייך גראַטולירן צו אייער 65סטן געבוירנטאָג. עס גלייבט זיך נישט, אַז אַ מענטש אין אייער יוגנטלעכן עלטער זאָל שוין זיין 65... פּונקט אַזוי איז כמעט אומגלייבלעך, אַז איר שרייבט שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט.

— יאָ, ס׳איז אַקוראַט אַ האַלבער יאָרהונדערט — זינט 1907 — ווען אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג" איז געדרוקט געוואָרן מיינס אַ ליד. דאָס איז, הייסט עס, נישט קיין יובל פון מיין שרייבן, נאָר פון מיין געדרוקט ווערן. וועיל שרייבן — לידער — האָב איך אָנגעהויבן פריִער.

— דאָס בין איך זיך משער פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן". ווו ס׳ווערט געזאָגט, אַז צו עלף יאָר האָט איר שוין באַזוכט פּרצן. אַ ייִנגל פון עלף יאָר וועט דאָך נישט קומען צו פּרצן, סיידן ער האָט אַ ליד אין קעשענע...

— יאָ, טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אָנגעהויבן שרייבן לי־דער זינט איך האָב זיך אויסגעלערנט דעם אלף־בית.

— איר ווייסט, אַלמי, ווען איך קלער פון אייערע עטלעכע־און־צוואַנציק ביכער, וואָס דעקן אַזוי פיל שעפערישע געביטן און פאָרמען, ווי אויך פון אייערע נאָך נישט אויפגעזאַמלטע עסייען און לידער, גלייבט זיך קוים, אַז דאָס אַלץ קומט פון דער פעדער פון איין שרייבער. איך מיין, ערשטנס, אייער פּראָדוקטיווקייט און, דערעיקרשט, די פילזייטיקייט פון אייערע ליטעראַרישע פּראָפילן.

— איך באַטראַכט מיין פילזייטיקייט ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. די וועלט איז פילזייטיק, אַלזייטיק, פילפאַרביק, פילקלאַנגיק, ליכט און פינצטערניש, געבורט און טויט. פון אויבנאויף זעען מיר אומעטום קאָנטראַסט, קאָנפליקט, ווידערשפּרוך, אָבער פאַרטיפונג אַנטפּלעקט פאַר אונדז האַרמאָניע. דער מענטש — און אַוודאי דער מענטש, וואָס לעבט אַ פול לעבן, עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל — איז אין הסכם מיט דער נאַטור. זיין אינערלעכע נאַטור איז האַרמאָניש מיט דער אויסערלעכער, אַרומיקער נאַטור: ער איז פילזייטיק, אַלזייטיק, אומעטיק, פריילעך, גוטמוטיק, ברוגז, פאַרליבט, אַנטוישט, גלויביק, סקעפּטיש — ווי אַמאָל. דאָס אַלץ צוזאַמען איז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. אַז אַ מענטש ווערט פאַרגליווערט אין איין צושטאַנד, אין איין שטימונג, ווייסט מען, אַז ער איז פּסיכיש קראַנק.

אָבער אין דער וועלט פון ליטעראַטור איז עס געווען, און איז נאָך איצט אין אַ גרויסער מאָס, פּונקט קאַפּויער. יענער וואָס איז פאַרגליווערט אין איין צושטאַנד, אָדער אין איין זשאַנר, ווערט באַטראַכט פאַר נאָרמאַל; דאַקעגן קוקט מען ווי אויף אַן אומנאָרמאַלער דערשיינונג אויף יענעם, וואָס גיט פאַרשיידנאַרטיקע אויסדרוקן צו דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיין פּערזענלעכקייט. דערפון דער קאָנפליקט צווישן דעם קינסטלער און דעם לעבן, וואָס האָט אָפט געפירט צו טראַגישע רעזולטאַטן. נאָרדוי האָט דאָס באַמערקט (אין זיין „ענטאַרטונג") אָבער ער האָט, ליידער, זיין אָבסערוואַציע דערפירט „אַד אַבסורדום".

— אַלמי, לויט מיין מיינונג איז דער קאָנפליקט נישט צווישן דעם קינסטלער און דעם לעבן, נאָר צווישן אים און די אָנגענומענע קאָנווענציעס אין דער וועלט. דער קינסטלער דינט בלויז די אמתע כוחות פון לעבן,

ווי ער נעמט זיי אויף בחוש, אוממיטלבאַר, און דערפאַר מוז ער אָפט קו־מען אין קאָנפליקט מיט דאָגמעס און קאָנאָניזירטע באַגריפן.

— יאָ, דאָס מיין איך אייגנטלעך. דער איינזייטיקער שרייבער איז פאַר דער קריטיק אַ סך באַקוועמער, ווי דער פילזייטיקער. די קריטיק האָט ליב אויפצוהענגען פלאַמבעס: טראַגיקער, הומאָריסט, פּאָעט, עסייאיסט. אַ פילזייטיקער שרייבער גיט דער קריטיק פילזייטיקע אַרבעט, אָפט איי־בער אירע כוחות... דערפאַר האָבן קריטיקער געקרימט מיט דער נאָז אויף די פילזייטיקע, אָבער די וואָרט־קינסטלער אַליין, יענע, וואָס זענען גע־ווען געפאַנגען אין זייער איינציק געביט, האָבן געהאָלפן זינגען דעם פזמון קעגן פילזייטיקייט. די פילזייטיקע שרייבער זענען טאַקע אַ מינאָריטעט, אָבער זיי וואַקסן ביסלעכווייז אין צאָל. פילזייטיקייט איז, ווי איר זעט, ליבער האַראָוויץ, אַ ברכה, וואָס נישט יעדער שרייבער איז מיט איר גע־בענטשט. צווישן מיינע ווערק, די פּאָעטישע און פּראָזאַישע, אויף די פּאַר־שיידענע טעמעס, איז נישטאָ דער מינדסטער ווידערשפּרוך. מיינע ביכער קריגן זיך נישט. זיי לעבן בשלום אין דער ביכער־שאַפע. זיי זענען אַלע דער גלייכבאַרעכטיקטער אויסדרוק פון איין שעפערישן דראַנג.

— איך האָב דערמאָנט אייער פילזייטיקייט נישט חלילה ווי אַ מינוס, נאָר פּשוט ווי אַ חידוש פון אייער שעפערישער ענערגיע. אייער פילזיי־טיקייט באַשטייט דערעיקרשט אין אייערע ליטעראַרישע פאָרמען און טע־מעס, וואָס דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר אייך ווי אַ דיכטער און עסיי־איסט. דיביידע שעפערישע אויסדרוקן זענען אָרגאַניש געבונדן. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַ סך דיכטער און עסייאיסטן האָבן איינציי־טיק געשריבן אין ביידע פאָרמען, ווי למשל, לי האַנט, אַלעקסאַנדער פּאָופּ, עדגאַר עלען פּאָ, עמערסאָן, טשאַרלס לאַמב, צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי. וואָס שייך דעם עסייאיסט קען מען אים בכלל קיין פלאַמבעס נישט אויפהענגען. דער עסיי איז די פאָרם פון אַלע פאָרמען, דער סטיל פון אַלע סטילן. ממילא טרעפט מען דעם עסייאיסט אויף אַלע געביטן און אין אַלע פאָרמען פון גייסטיקן אויסדרוק. ווען מ׳זאָל וועלן אויף אים אויפהענגען פלאַמבעס, וואָלט מען אים באַדאַרפט רופן פילאָ־סאָף, פּסיכאָלאָג, היסטאָריקער, קריטיקער, סאָציאָלאָג, דיכטער, וכדומה. אָבער צו־וואָס איינשפּאַנען די לאָגיק אין אַ פאַלשן פרעמיס?

איך וויל איצט קומען צו אַן אַנדער פראַגע. איר האָט געשריבן אַ סך עסייען און אַרטיקלען פון אַ פּאָלעמישן כאַראַקטער. פּאָלעמיק שיינט צו זיין אייער קרעפטיקסטער אויסדרוק. ס׳איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס מיר קומט אָפט אויס צו לייענען שאַרפע און ביטערע ענטפערס צו אייך. וואָס דענקט איר וועגן דעם?

— מיינע פּאָלעמישע אַרויסטריטן זענען אין הסכם מיט מיין פיל־זייטיקן אויפנעם פון וועלט און מענטש. איך טרעט דעריבער אַרויס קעגן מענטשן און אידעאָלאָגיעס, וואָס זעען בלויז שוואַרץ און ווייס, ווי מאַרקס, למשל, וואָס האָט געזען בלויז צוויי קאָלירן: שוואַרצע טייוואָלים (אַלע גישט־פּראָלעטאַריער) און ווייסע מלאכים (די פּראָלעטאַריער). ווי נאָר די לעצטע וועלן איבערנעמען די וועלט, וועט אַלץ זיין כולו ליכט, כולו אמת וצדק. איך בין כסדר אַרויסגעטראָטן קעגן פּאַרטיקע מאָסן, מיט וועלכע מען מעסט מענטש, וועלט, געשעענישן און די קונסט. איינזייטיקייט האָט מיך שטענדיק דענערווירט. אָט, למשל, די ריכטונגען, שולעס אין דער קונסט, מיט זייערע חוצפּהדיקע תביעות, אַז בלויז דאָס, וואָס ווערט געשאַפן לויט די כללים פון דער באַטרעפנדיקער ריכטונג, איז די ריינע, די עכטע קונסט. קעגן די פּאָעטישע ריכטונגען האָב איך געוואָרפן די פראַזע: „דער פּזמון מיט די איזמען איז גאָרנישט ווערט. איז מען אַ פּאָעט, איז מען, און איז מען נישט, העלפן נישט קיין איזמען״... מיך האָט קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן ווער און וויפל ס׳זענען געשטאַנען הינטער אַ ריכטונג, אַן איזם, אין סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן, אָדער אין דער ליטעראַטור. כ׳בין אַרויס אין מלחמה, ווויסנדיק, אַז מ׳וועט מיך נישט שוינען, אָבער מיין פּאָלעמיק איז אַלע מאָל דיקטירט געוואָרן פון דעם אמת, ווי איך האָב אים געזען — אין זיין פילפאַרביקייט.

איר ווייסט דאָך פּלאַטאָנס וואָרט: „צווישן סאָקראַטן און דעם אמת קלייב איך אויס דעם אמת״. אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער פּאָליטיק, איז עס, ליידער נישט אַזוי. צווישן דעם אמת און דעם „פירער״, קלייבט מען אויס דעם פירער. מיין רבי, מיין טעאָרעטיקער, מיין מנהיג — גערעכט, צי אומגערעכט. און אַז איר דערוועגט זיך אָנצורירן די קרוין פון דעם „געזאַלבטן״, באַפאַלט מען אייך — און דאָס טוען אַפילו יענע, וואָס זענען שאַקירט פון דעם פּערזאָנען־קולט ביי די קאָמוניסטן.

— דאָס, ליבער אַלמי, פירט מיך צו אַן אַנדער פראַגע. איר האָט אָפט געשריבן וועגן גלויבן. איר האָט אַפילו באַנוצט אַזאַ פּאַראַדאָקס, אַז „דער אַטעיִסט גלייבט, אַז ער גלייבט נישט". קענענדיק אייך, ווייס איך, אַז אין תוך זענט איר אַ גלויביקער מענטש. כ׳מיין נישט, פאַרשטייט זיך, אין אָרטאָדאָקסישן זין. דער פאַקט וואָס איר האָט זיך פאַרטיפט אין רעליגיעזע פילאָסאָפיעס, געפאָרשט ספּיריטואַליזם, השארת־הנפש, איז אַ באַווייז, אַז איר גלייבט אין ספּיריטועלע כוחות, אויך אין אַ קאָסמישן סדר, אָדער שכל, וואָס פירט און רעגירט אַלץ און אַלעמען. אין דער זעלבער צייט מערקט זיך ביי אייך אַ קריטישער צוגאַנג צו גלויבן, אַ פאַרזוך צו דערפירן גלויבן צום אייגענעם באַוווסטזיין. בין איך גערעכט מיט דעם דאָזיקן איינדרוק?

— אַוודאי קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס דער זאָג, אַז „דער אַטעיִסט גלייבט, אַז ער גלייבט נישט". אָבער דער אמת איז, אַז אויך דער אַטעיִסט איז אַ גלויבער. ער גלייבט, אַז דורכן איבערבייטן איין וואָרט אויף אַן אַנדער וואָרט — דאָס וואָרט ג אָ ט אויף דעם וואָרט נ אַ ט ו ר — האָט ער פאַרענטפערט דאָס גרעסטע פּראָבלעם. ער גלייבט נישט אין דאָגמאַטישער רעליגיע, איז די וויסנשאַפט געוואָרן ביי אים אַ רעליגיע. ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט ער געמיינט, אַז די וויסנשאַפט וועט פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען ברומו של עולם, אָבער די וויסנשאַפט אַליין בייגט איצט איר קאָפּ פאַר דער קאָסמישער מיסטעריע. אָבער ס׳זענען נאָך דאָ היינט אויך אַטעיִסטן־מאַטעריאַליסטן, וואָס האַלטן זיך ביים אָפּגעלעבטן וויסנשאַפטלעכן גלויבן, בעת אַזעלכע ריזן פון דער וויסנשאַפט ווי אַ יי נ ש ט יי ן, ד ז ש ע י מ ס ד ז ש י נ ס, פּ ל אַ נ ק, ע ד י נ ג ט אָ ן — צו דערמאָנען פיר פון אַ סך צענדליקער — זענען מודה, אַז דווקא די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג האָט זיי געפירט צו גאָט. ביי איינשטיינען: „דער איבערמענטשלעכער באַוווסטזיין"; ביי דזשינסן: „דער מאַטעמאַטישער פאַרשטאַנד, וואָס רעגירט די וועלט", און ביי די אַנדערע — פּשוט: גאָט.

ס׳ווערט פאַר אונדזערע אויגן מקוים פראַנציס בייקאָנס וואָרט: „אויבערפלאַכלעך וויסן פירט אַוועק פון רעליגיע; טיפער וויסן, פירט צוריק צו איר" — און מיט רעליגיע מיינט ער דאָס רעליגיעזע געפיל אין

מענטשן. און בייקאָן, דער פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט, האָט אויך געזאָגט: „אָנשטאָט צו זאָגן, אַז גאָט איז נישט אַזוי ווי מיר שטעלן זיך אים פֿאָר, זאָגן טייל מענטשן, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט".

נאָך עפּעס: גלויבן און אומגלויבן זענען צוויי זייטן פֿון איין מטבע: אויב איר גלייבט אין עפּעס, מוזט איר פֿריִער נ יש ט גלייבן אין אַ סך אַנדערע „עפּעסן", דער עיקר יענע, וואָס קומען אין קאָנפֿליקט מיט אייער „עפּעס". אין מיין פֿריִער יוגנט האָב איך נישט געקאָנט גלייבן, אַז גאָט איז אַזוי מענטשלעך־קליין, ווי ער קומט אַרויס אין דער פֿאָרמאַליס־טישער רעליגיע; אַז גאָט וויל, אַז איך זאָל דאַוונען, אַז ער באַשטראָפֿט און באַלוינט. אָבער איך האָב אויך בשום־אופֿן נישט געקאָנט גלייבן, אַז די וועלט איז אַ צופֿאַל, אָן שכל, אָן אַ פּלאַן, אָן אַ ציל און צוועק. אַלץ וואָס מיר שאַפֿן — פֿון אַ נאָדל ביז אַן עראָפּלאַן — איז געשאַפֿן מיט שכל, מיט אַ פּלאַן און פֿאַר אַ באַשטימטן צוועק — איז עס דאָך די גרעסטע חוצפּה פֿון דעם מענטשן צו באַהויפּטן, אַז דער גאַנצער באַשאַף, מיט די אַלע מיליאָנען מיליאַסן שטערן און פּלאַנעטן איז באַשאַפֿן געוואָרן אָן אַ שכל, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ צוועק.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין גלויבן — און זיך אין מיר פֿאַרפֿעס־טיקט — דורך דעם אומגלויבן אין אַלערליי דאָגמאַטישע גלויבנס, אָבער־גלויבנס, איינרעדעניש. אָבער גלייכצייטיק ראַנגל איך זיך ביטער קעגן געוויסע אַנדערע גלויבענישן אין מיר, ווי השארת־הנפֿש. איך וויל זיך באַפֿרייען דערפֿון מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל איך האַלט, אַז איין עקזיסטענץ איז די והותר, אויב נישט איבעריק; צווייטנס, ווייל דער פֿרייער מענטש אין מיר שוידערט פֿון דעם געדאַנק, אַז מיר געפֿינען זיך אין אַ פֿאַרכישופֿטן קרייז פֿון עקזיסטענץ, פֿון וועלכן מיר קאָנען קיינמאָל נישט אַרויס.

צום סוף וויל איך מאַכן אַ באַמערקונג. ניין, איך האַלט זיך נישט פֿון דער ווייטנס. איך לעב און אָטעם מיט אַלץ, וואָס קומט פֿאָר ביי אונדז און אומעטום, און איך באַטייליק זיך אין דעם גאַנצן געשען — שריפֿט־לעך. אמת, איך גיי ווייניק און איך ווייז זיך ווייניק. פֿאַרוואָס אַזוי? עפּעס איז דאָ אין מיר, רופֿט עס פֿאָביע, אָדער אַן אַנדער נאָמען, איך ווייס נישט...

— אַלמי, אפשר איז עס די וואַנט, די דיקע, גרויע וואַנט פון אייער אַלטער היים אין וואַרשע, וואָס איר באַשרייבט אין אייערע זכרונות? די וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן אייך און דער וועלט...

— אפשר...

(א. אַלמי, יובילײ־אויסגאַבע פּ. א. ש., 17טער מאַי, 1957)

# װעגן אַ הקדמה אין 1930

אַ בריװ פון

## אברהם רייזען

מיין ליבער אַלמי:

אויף אייער באַשיידענער פראַגע, צי איז כדאי אַרויסצוגעבן (אין בוכפאָרם) אייערע אַרטיקלען, װאָס איר האָט פאַרעפנטלעכט איז דער לעצטער צייט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, קאָן איך מיט דער אויפריכטיקער איבערצייגונג ענטפערן: יאָ, אַװדאי! עס מאַכט גאָרנישט אויס, װאָס אין פיל פון אייערע אַרטיקלען — אָדער עסייען — באַרירט איר בלויז אַזוי־גערופענע טאָג־פראַגן.

איך רעד שוין נישט (דערפון), װאָס יעדן שרייבער איז טייער זיין „װאָרט" און ער װיל עס פאַרהיטן פון „אונטערגאַנג". פאַר דעם לעזער גופא איז װיכטיק און אינטערעסאַנט אין אַ צייט צו לייענען אָט־די אַלע אַרטיקלען געזאַמלטערהייט. דאַן באַקומט ער שוין אַ בילד נישט פון טאָג־פראַגן, נאָר פון אַ געװיסער צייט, פון אַ פעריאָד און אַמאָל אַפילו פון אַן עפּאָכע.

שיין װאָלטן מיר אויסגעזען, װען דאָס, װאָס װערט געדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן פון אונדזערע װאָרט־פירער, װאָלט געבליבן בלויז אין די צייטונגען, װעלכע װערן קוים אָפּגעהיט אין עטלעכע גרויסע ביבליאָטעקן.

עס װאָלט אונדז — אין דער ייִדישער ליטעראַטור — געפעלט אַ דריי־פיר בענד פון פרצן, מ. װינטשעװסקין, פון נאַמבערגן, פון אַשן, מ. אַלגין און ד"ר א. גינזבורג, ד"ר א. קאַראַלניק, דער לעבעדיקער, ד"ר מוקדוני — זיי װאָלטן אונדז אינגאַנצן געפעלט, און אַפילו ש. ניגער,

וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן (?), האָט דאָך אויך זייַנע קריטיקן און אָפּהאַנדלונגען אין צייטונגען פאַרעפנטלעכט. אויך די העברעער וואָלט געפעלט גאַנץ אחד־העם, עטלעכע בענד פון י. ח. ברענער, און אַפילו גרשון שאָפמאַן שרייבט שוין אויך אין „העולם” אויף טאָג־פראַגן און וועט זיי זאַמלען אין אַ בוך.

אויך אין דער דייטשער ליטעראַטור וואָלט געפעלט אַ האַלבער היינע און גאַנץ בערנע... אויך זיי האָבן געשריבן אין צייטונגען און אויף טאָג־פראַגן.

און אפשר וואָלט דער ענגלישער (ליטעראַטור) געפעלט קאַרלייל און עמערסאָן.

נאַטירלעך, אָט־די אַלע קלענערע, גרעסערע און גאָר גרויסע נעמען, וואָס איך רוף דאָ אָן — סיי די ייִדישע, סיי די נישט־ייִדישע — זענען שטאַרק פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע. אָבער אויך איר (זענט) אין דער ייִדישער ליטעראַטור איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע שרייבער. איך לייען זייער גערן אַלץ, וואָס איר שרייבט, און נישט נאָר, ווי מען מיינט — איירע שיינע לידער און נישט נאָר איירע קלוגע מעשהלעך.

דווקא אין איירע עסייען און אַרטיקלען האָט איר אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מען קאָן נישט אַלעמאָל זאָגן אין אַ ליד, צי אין אַ קלענער דערציילונג.

ס'הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז איך בין מסכים מיט אַלע איירע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. אין סאָציאַל־פּאָליטישן זין געהערן מיר, ווי איר ווייסט, צו גאַנץ אַנדערע לאַגערן. אויך אייער שאַרפער ענטפער ש. ניגערן — הגם גערעכט זענט איר געווען — איז מיר נישט געפעלן. אָבער איירע באַלויכטונגען פון געוויסע ווינקלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, איירע דרייסטע אַרויסטרעטונגען קעגן אונדזערע מעכטיקע און פון דער אַנדערער זייט אייער אָננעמען זיך פאַר די, וואָס זענען הילפלאָז אַליין זיך צו שיצן — דאָס האָב איך שטענדיק אָפּגעשאַצט און באַוווּנדערט.

איך באַוווּנדער אויך אייער בקיאות אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

מיט איירע מיינונגען וועגן רעליגיע — מיט איירע מיסטישע אָנ־

שוויונגען — בין איך נישט אַלעמאָל מסכים. אָבער אינטערעסאַנט, פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, זענען זיי און דורכשמועסן זיך וועגן דעם מעג מען אַוודאי...

אייער עסייען־בוך „מענטש און וועלט" האָט מיך באמת באַגייסטערט. געדענק איך דאָך אייך ווי אַ קליין ייִנגל, פון אָרעמע עלטערן אין וואַרשע — און אייער וויסן, אייער בילדונג (וועגן אייער טאַלאַנט רעד איך שוין נישט!) — האָט איר דערגרייכט מיט אייער אייגענער פלייסיקייט. איך שעץ עס גוואַלטיק אָפּ. מיט דעם אַליין, מיט אייער וויסן און זעלבסט־בילדונג, קענט איר און דאַרפט דינען אַלס מוסטער פאַר פילע פון אונדזערע יונגע שרייבער, און אפשר אויך פאַר אַ טייל פון עלטערן דור.

בכן, אויב עס ווענדט זיך נאָר אין מיין הסכמה — און צו וואָס דאַרפט איר זי? — גיב איך זי אייך מיט דער טיפסטער איבערצייגונג. פאַרקערט, זאָל צוקומען נאָך אַן אינטערעסאַנט בוך. עס מאַכט בונטער די ייִדישע ליטעראַטור בכלל. און ווי געזאָגט, טאָג־פראַגן, איבערהויפּט אין אַזעלכע טעג ווי אונדזערע — האָבן אַ באַטייט פאַר דער צוקונפט און אפשר אויך פאַר דער אייביקייט. די צוקונפטיקע דורות וועלן פון אַט־די ביכער אויף טאָג־פראַגן — זייער פיל לערנען און פאַר אונדז זענען זיי אַוודאי באַלערנ(דיק) און אינטערעסאַנט.

מיט גרוס,

אייער

א ב ר ה ם ר ײ ז ע ן

ניו־יאָרק, 28סטער דעצעמבער, 1930

(פּריוואַט)

מיין ליבער אַלמי,

בעסער קאָן איך נישט. אויב עס האָט פאַר אייך אַ ווערט, דערלויב איך אייך עס אָפּצודרוקן וואָרט פאַר וואָרט אין אייער בוך. ענדערן טאָרט איר גאָרנישט, סיידן אַרויסוואַרפן, אָדער צוגעבן אַ פּאָר נעמען פון די, וואָס איך רעכן אויס, וואָס האָבן געשריבן וועגן טאָג־פראַגן אין צייטונגען.

א. אַלמי־בוך

אפשר זענען קארלייל און עמערסאָן טאַקע נישט קיין געלונגענע באַווייזן? ענטפערט!

אייער

אברהם רייזען

171 קראָטאָנאַ פּאַרק נאָרט, בראָנקס, נ. י.

פּ. ס. איך בעט אייך, אַז אין אייער בוך זאָל גאָרנישט זיין קעגן דער „פרייהייט" און איבערהויפּט קעגן סאָוויעטן־לאַנד. איר דאַרפט עס בכלל נישט.

א. ר.

נאָכבאַמערקונג:

אברהם רייזענס בריוו פון 1930 איז, ווי מיר ווייסן, נישט אַריין אין אַלמיס בוך, נאָר ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין 1959 אין פ. אַ. ש., ניו־יאָרק, און אין „היימיש", תל־אביב, צו רייזענס אָ יאָרצייט, באַגלייט פון אַלמיס אַזאַ באַמערקונג — און אויפקלערונג:

„דעם בריוו האָט אברהם רייזען געשריבן ווי אַ הקדמה צו מיין בוך „ליטעראַרישע נסיעות" (פאַרלאַג גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1931).

„אָבער דאָס איז געווען דער פּועל־יוצא פון אַ מיספאַרשטייעניש. אין אַ בריוו צו אים מכח פאַרשיידענע ענינים, דער עיקר וועגן אַ פּאָטאָ־גראַפיע, וואָס מיר האָבן גענומען אין קראָקע מיט מאָריס ראָזענפעלדן (אין 1908), האָב איך פאַרבייגייענדיק דערמאָנט דאָס בוך „ליטעראַרישע נסיעות", וואָס איך גרייט־צו, און דערביי באַמערקט, אַז איך שלאָג זיך מיט דער דעה, צי איך זאָל איך בוך אַריינגעמען צווישן די עסייען אויך אַרטיקלען וועגן צייט־פראַגן. וואָס איז זיין מיינונג?

„רייזען האָט עס, ווי עס זעט אויס, אויסגעטייטשט ווי אַן אָנצוהער־רעניש אויף אַ הקדמה... זיין הקדמה האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנ־הייט, וואָרן איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט, אַז מען זאָל מיך אָננע־מען ביי דער האַנט און אַרויספירן פאַרן עולם. אויב אַ הקדמה, שרייב איך זי אַליין... האָב איך רייזענען געשריבן דעם אמת, דערביי אויך באַטאָנט, אַז איך קאָן אים נישט גאַראַנטירן נישט צו „טשעפּען" די „פרייהייט"

און דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד... דער מאַנוסקריפּט איז, מיט רייזענס הסכּמה, געבליבן ביי מיר. דער אָריגינאַל געפינט זיך אין ייִוו״אָ.

„די ווערטער אין קלאַמערן זענען אַזעלכע, וואָס רייזען האָט על־פּי טעות אויסגעלאָזט. זיין באַמערקונג וועגן ש. ניגערן איז מיר נישט קלאָר״.

א. אַלמי

# א. אַלמיס יחידותדיקער וועג

(רעפלעקסן און זכרונות צו זיין יובל)

פון

אברהם זאַק

אַ בלעטער טאָן דעם ספר החיים פון א. אַלמין הייסט פאַר מיר אויך — אַ מיש־אויפטאָן אַן אייגן בלעטל זכרונות. אַ מיש־אויפטאָן מיין ערשט קאַפּיטל וואַרשע. ליטעראַריש וואַרשע. דעם אָנהייב פון אַלמיס פרילינג און אויך פון מיינעם.

א. אַלמי (דעמאָלט א. ח. שעפּס) האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן אַביסל פריער פאַר מיר — אין 1907, אין דער „ראָמאַנצייטונג"; איך — אין 1908, אין ווילנער „דער טאָג אויף שבת". אַז איך בין זומער 1909 געקומען פון מיין היים־שטעטל (פון מיין כרך אמדור) קיין וואַרשע, איז אין מיין ליטעראַרישן באַגאַזש געווען נאָר צוויי אָפּגעדרוקטע זאַכן; אייגנטלעך, אַנדערטהאַלבן זאַכן: אַ ליד אין דערמאָנטן זשורנאַל און אַ האַלבע סקיצע אין וואַרשעווער זשורנאַל „יוגנט־וועלט". אַ האַלבע — ווייל דער זשורנאַל האָט זיך אין מיטן דערינען אָפּגעשטעלט... און אַלמי האָט שוין דאַן געהאַט אָפּגעדרוקט אַ ריי זאַכן: אַחוץ אין „ראָמאַנצייטונג" אויך אין אַנדערע אויסגאַבן פון יענער צייט אין וואַרשע און אין קראָקע.

אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט שוין אַלמי געהאַט דורכגעמאַכט אַ שטיקל וואַנדערונג; איז שוין געהאַט געווען אין נאָענטן אויסלאַנד: אין קראָקע, אין ווין, אין טשערנאָוויץ. אין טשערנאָוויץ איז ער גראָד געווען בעת דער באַרימטער יידיש־קאָנפערענץ (אין 1908). אין קראָקע און אין טשערנאָוויץ האָט אים שטאַרק מקרב געווען אברהם רייזען, וואָס האָט תמיד אַרויסגעוויזן פאָטערלעכע ליבשאַפט צו

יונגע שרייבער. אברהם רייזען האָט דעם יונגן דיכטער באַקענט מיט על־טערע שרייבער (צוו. אַנד. מיט מאָריס ראָזענפעלדן — אין קראָקע), געהאָלפן אים דאָ־דאָרט אָפּצודרוקן אַ ליד; האָט אַליין געדרוקט אַלמיס לידער אין זיין זשורנאַל „קונסט און לעבן״.

אַזוי אַז ווען איך האָב זיך געטראָפן אין וואַרשע מיט אַלמין, איז ער פאַר מיר שוין געווען אַ מער ליטעראַריש דערפאַרענער. אַלמי איז פּאַקטיש געווען מיין ערשטער חבר אין וואַרשע. כ׳האָב זיך אויך באַקענט מיט זיין היים, מיט דער אָרימער דירה פון זיינע טאַטע־מאַמע אויף גענשע־גאַס. די אומעטיקסטע וואַרשעווער גאַס, איבער וועלכער עס האָבן זיך אַלע טאָג, אויסער שבת, לאַנגזאַם געצויגן די יידישע לוויות, די שוואַרצע עגלות, מיט די פערד איינגעהילט אין שוואַרצן געוואַנד, וועלכע זענען געגאַנגען טריט ביי טריט צום גענשער בית־עולם...

אַלמי איז מיר באַלד געוואָרן נאָענט צום האַרצן. שרייבער־אָנפאַנגער האָבן זיך געזוכט. יעדער איינער האָט גוט געדענקט יענעמס לידער. אַמאָל אַפילו אויף אויסווייניק... עס איז כלל נישט געווען צווישן זיי כמעט קיין שרייבערישע קנאה, נישט־פאַרגינערישקייט, נאָר להיפּוך — ברייטערלעכע אהבת נפש... דעריבער האָט זיך אין יענע יאָרן געקענט שאַפן אמתדיקע פריינטשאַפט; אַ חברשאַפט, וואָס קען דויערן אַ לעבן לאַנג.

און אַזוי טאַקע האַלט אויך אָן מיין חברשאַפט מיט א. אַלמין שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — הגם דער גורל האָט אונדז צעטיילט אויף באַזונדערע קאָנטינענטן. א. אַלמי האָט אין האַרבסט 1912 אויסגעוואַנדערט פון וואַרשע קיין אַמעריקע און איך בין געבליבן אַ וואַרשעווער. און כאָטש אויף אַזאַ דיסטאַנץ, זענען אָבער תמיד געווען פעדים, וואָס האָבן אונדז פאַרבונדן.

פאַרשטייט זיך, אַז, ווי אומעטום ביי שרייבער, זענען אויך איז דעמאָלטיקן וואַרשע געווען שרייבערישע קרייזלעך. נישט קיין קרייזלעך, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, נאָר עס האָט זיי פשוט אָפּגעטיילט דער שרייבערישער סטאַזש: געווען שרייבער עלטערע, שרייבער שוין מיט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אברהם רייזען, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג; געווען שרייבער יינגערע ווי י. מ. ווייסנבערג, יואל מאַסטבוים, משה סטאַווסקי, יונה ראָזענפעלד, מנחם, י. י. טרונק און אַנד. און געווען

גאָר די ייִנגסטע, ווי אפרים קאַגאַנאָווסקי, א. אַלמי, יהושע פּערלע, מאַרק שווייד, שלמה גילבערט און אַנד. אונדזער דעמאָלטיקער קרייזל פון די גאָר יונגע שרייבער האָט געמאַכט זיין נעסט ביי יהושע פּערלען. פריִער אין זיין „קאַוואַלערסקן" צימער אויף אָרלע גאַס, ווו אויף אַלע אונדזערע צו־זאַמענקונפטן איז תמיד בייגעווען זיין „מוזע" — די זייער באַחנטע, לאַנג־צעפּיקע שרה; שפּעטער, נאָך פּערלעס חתונה־האָבן מיט זיין שרהן — אין זייער דירה אויף נאָוואָליפּיע. די שטענדיקע איינגייערס צו פּערלען זע־נען, אַ חוץ אַלמי און איך, אויך געווען זיינע ראַדאָמער „ראַדאַקעס" — די יונגע שרייבער גדליהו ווייסבאַרד, יוסף ראָזענפעלד, שפּעטער מ. ד. גיסער און אַנד. אַהין פלעגן אויך אַריינקומען די פאָלקלאָר־זאַמלער פּנחס גראַובאַרד, שמואל לעהמאַן, וואָס נח פּרילוצקי איז זייער אָנרעגער גע־ווען. (אגב האָט נח פּרילוצקי יעדן פון אונדז געגעבן די מיסיע צו זאַמלען פאַר זיינע פאָלקלאָר־אוצרות פאָלקס־ווערטלעך, רעדנסאַרטן, צונעמען פון שטעט וכדומה). צו פּערלען פלעגן זיך אַמאָל אויך ווייזן אפרים קאַ־גאַנאָווסקי און מאַרק שווייד.ביידע זענען געווען גאָר אָפטע איינגייערס אויף צעגליאַנע 1, ביי פּרצן. שווייד איז אַפילו געווען אַ געוויסע צייט זיין סעקרעטאַר. אגב איז שווייד אויסער דיכטער אויך אַקטיאָר, און אַז אויף פּרצעס איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ טעאַטער־סטודיע, איז שווייד געווען איינער פון אַנסאַמבל. אויב נישט אַזוי אָפט ווי קאַגאַנאָווסקי און שווייד, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט יעדער פון די יונגע אַרויפ־קומען מיט זיינע „זאַכן" צו פּרצן: מיט אַ ליד, מיט אַ סקיצע, צי מיט אַ פּאָעמע. עס פלעגט אויטלעכן אַ צי טאָן אויף צעגליאַנע 1, כדי צו זען פּרצן, כדי צו הערן זיין מיינונג, זיינע אָנווייזונגען, זיין דערמוטיקונג. פון צעג־ליאַנע 1 פלעגט אַ יונגער שרייבער אַרויסגיין אַ דערהויבענער —

מיט פּרצעס ברכה...

ליבע, זיסע ראָמאַנטישע יאָרן געווען. ס'האָט אַ דיכטער געוווסט, גע־פילט בחוש, אַז יעדעס ליד, וואָס ער שרייבט, איז פאַר עמיצן, צו עמיצן. געווען אַ טייערע ייִדישע יוגנט, געטרייע, געשווירענע לייענער, וואָס פלעגן אויפנעמען די שאַפונגען פון די יונגע און אוודאי און אוודאי פון די עלטערע, פון די שוין באַרימטע און אנערקענטע שרייבער. אין דער „לי־טעראַרישער אַלייע" אין זאַקסישן גאָרטן פלעגט די יוגנט דיסקוטירן וועגן

דער ייִדישער ליטעראַטור; פלעגט דעקלאַמירן אויסנווייניק לידער פון דעם און פון יענעם פּאָעט. ס׳האָט אַ שרייבער דעמאָלט געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן פ אַ ר װ ע מ ע ן צו שרייבן... ווען מען פאַרגלייכט, אַ שטייגער, יענע פרילינגס־יאָרן מיט אונדזער היינטיקן מצב אין דער ייִדישער ליטעראַטור; מיט דער ירידה פונעם לייענערטום — ווערט זייער טרויעריק אויפן האַרצן... ייִדישע ביכער דערשיינען נאָך נישט ווייניק, אָבער — לייענער! לייענער! ווו און וויפל זענען היינט די לייענער? די קוראים נכבדים פון אַמאָליקן שטייגער און שניט?... נישט בחינם דער איכה־טאָן ביי אַ סך היינטצייטיקע ייִדישע שרייבער.

**
*

עס פאַרגעסן זיך נישט די זומער־פאַרנאַכטן אין דער „ליטעראַרישער אַלייע" אין זאַקסישן גאָרטן. אָפט פלעגט זיך דאָרט פּרץ באַווייזן אין זיין פּעלערינע, באַגלייט פון שרייבער ווי אַ רבי פון חסידים. יוגנט פלעגט אים מאַכן אָוואַציעס. אַלעמענס בליקן האָבן אים נאָכבאַגלייט מיט טיפער פאַרערונג. דאָ־דאָרט אויף די בענק זענען געזעסן יונגע שרייבער, אַרומגערינגלט פון פאַרערערס. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „פאַרערערינס" פון די דיכטער מיט די גרויסע טשופּרינעס. דאָ האָט מען געקענט זען די יונגע צעבליטע וואַרשעווער „הזמיר"־מיידלעך און די מיידלעך געקומענע פון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען עס האָט זיי געצויגן צו דער גרויסער ייִדישער מעטראָפּאָליע — צו וואַרשע. מ׳איז געווען יונג. ס׳איז געווען די צייט פון אונדזער פרילינג. האָט מען געשפּילט ליבעס מיט די „פאַרערערינס" — אָדער די „ליטעראַרישע ביילאַגעס", ווי מ׳האָט זיי גערופן — און געשריבן סענטימענטאַלע ראָמאַנסן...

ווי איצט זע איך פאַר די אויגן דעם דעמאָלטיקן לעבנסלוסטיקן אַלמין, זיין אַמאָליקן יוגנטלעכן אויסזען, זיין געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע און שטאָלצן גאַנג. איצט זענען שוין די קעפּ ביי די שרייבער פון יענעם דור אָדער גאָר נאַקעט, אָדער באַדעקט מיט פראָסט און שניי...

עס פאַרגעסן זיך מיר אויך ניט אונדזערעביידנס אָפטע בלאָנקענישן איבער די נאַכטיקע וואַרשעווער גאַסן און אין יונגער האָפערדיקייט די פאַר־

מעסטן אונדזערע מיט אימפּראָוויזירן שטיפערישע פּערזן, אָדער אַמאָל גאַנצע סטראָפעס, איבער דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעכאַפּט מיט די בליקן אויף דער גאַס. אין שאַרזש איז אַלמי (אין דעם פאַל — עליאַש) תמיד געווען אַ מייסטער בחסד עליון. דערויף זאָגן עדות זיינע הומאָריסטישע יוגנט־לידער און פּאַראַדיעס (זע זיינע ביכער: „אין עליאַשס קיניגרייך" און „פּאַראַדיעס"). אַלמי האָט געשאַפן זייער טרעפלעכע און שאַרפזיניקע פּאַראַדיעס אויף העכער פופציק ייִדישע שרייבער!

***

ס'האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז מיר ביידע — אַלמי און איך — האָבן געהאַט אין וואַרשע איין רעדאַקטאָר: צבי פּרילוצקי. ביידע זענען מיר געווען זיינע סעקרעטאַרן. איך — פריִער, אין „אונדזער לעבן"; אַלמי — שפּעטער, אין „מאָמענט". און אַז אַלמי איז אין 1912 אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך ווידער פאַרנומען דעם זעלביקן פּאָסטן. אַזוי אַז אונדז איז אויסגעקומען איינצוזאַפּן אַ געוויסן פּעריאָד איין און די זעלבע אַט־מאָספער; אויספירן איין און די זעלבע רעדאַקציאָנעלע פונקציעס. צבי פּרילוצקי איז געווען זייער אַ צעשטרייטער, דער עיקר אין דעם יאָרידל פון רעדאַקציע. אַז אַלמי האָט סוף 1910 אָנגעהויבן אַרבעטן אין „מאָ־מענט" (נאָך פּרילוצקיס איבעררייסן מיטן „אונדזער לעבן") פלעגט אים פּרילוצקי מחמת צעשטרייטקייט רופן: „זאַ־אַ־ק"... און אַז איך האָב ווי־דער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס סעקרעטאַר ביי צבי פּרילוצקין אין „מאָמענט", נאָך אַלמיס אַוועקפאָרן, פלעגט דער רעדאַקטאָר שוין מיך רופן: „שע־ע־פּס"... אַזוי אַז אַפילו אונדזערע נעמען האָבן זיך אויסגעמישט אינאיי־נעם...

מיט אַלמין בין איך געווען שריפטלעך פאַרבונדן די אַלע יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות. אין יענער צייט זענען אויך אין וואַרשע דערשינען אַ ריי ביכער פון זייער שעפערישן אַלמי. און טייל ביכער זענען דערשינען אונטער מיין השגחה. דער געשעפט־פירער פון די ביכער איז געווען אַלמיס פאָטער ע"ה, וועלכער האָט געהאַט גענומען אויף זיך די אַלע קלאָפּאָטן און לויפעניש אַרום די ביכער, און וואָס שייך קאָרעקטור און השגחה פלעגט עס אַלמי מיר אָנפאַרטרויען.

בשייכות דערמיט געדענקט זיך מיר, אַגב, אַזאַ כאַראַקטעריסטישער טרויעריקער פאַל:

שוין האַרט פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין 1939 — איז אין וואַרשע דערשינען אַלמיס אַ באַנד עסייען א״נ „קריטיק און פּאָלעמיק״ — אויך אונטער מיין השגחה (זיין פאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט און מיט דער געשעפטלעכער זייט פונעם בוך האָט זיך פאַרנומען אַלמיס אַ שוועסטער). אין דאָזיקן בוך איז געווען אַן אַרטיקל א״ט „סטאַלין און היטלער״. אַלמי, וועלכער האָט שוין דעמאָלט זיך גוט געקענט אויף ב יי ד ע דיקטאַטאָרן, האָט אויך סטאַלינען אָנגערופן מיט זייער שאַרפע עפּיטעטן, ווי: „רוצח״, „תליון״... בין איך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: כ׳האָב געוווּסט, אַז צוליב די דעליקאַטע באַציִונגען מיטן גרויסן און שטאַרקן מזרח־שכן, וועט די צענזור זיכער נישט דערלאָזן מ׳זאָל פאַרטשעפּען עפנטלעך אַזוי דראַסטיש דעם ראש פון שכנישן לאַנד. כ׳האָב פשוט מורא געהאַט, אַז ווען איך לאָז דורך די שאַרפע אויסדריקן, איז דאָס בוך אין געפאַר קאָנפיסקירט צו ווערן. האָב איך געהאַלטן פאַר בייטיק בעסער פריִער, פאַרן דרוקן, זיך פאַרשטענדיקן מיטן צענזאָר, און בין טאַקע אַוועק מיט אַ קאָרעקטור־אָפּצוג פון יענעם מאמר אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט. דער צענזאָר האָט איבערגעקוקט און אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, מיט זיין רויטער בליישטיפט, פאַרשטראָכן די צו שאַרפע עפּיטעטן אויפן אַדרעס פון סטאַלינען. „דער מחבר איז הונדערט פראָצענט גערעכט — זאָגט מיר מיט אַ שמייכל דער צענזאָר — סטאַלין איז טאַקע אַ רוצח און תליון. אָבער... פּאָליטיק״... וואָס שייך אָבער די זייער שאַרפע שטעלן אויף היטלערס אַדרעס, האָט ער זיך דערויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט. צי האָט ער עס נישט באַמערקט, אָדער די פּוילישע פּאָליטיק האָט אַנדערש דיקטירט — דאָס ווייס איך נישט, און יענע שטעלן זענען געדרוקט געוואָרן ווי דער מחבר האָט געשריבן, אָן שינויים. שפּעטער, ווען די היטלערישע האָרדעס זענען אַריין אין וואַרשע, באַלד אין דער ערשטער וואָך, קומט צו מיר צוגיין אַלמיס שוועסטער מיט אַ שווער האַרץ: באשר בכן אין שטוב ביי זיי ליגן נאָך אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון ברודערס לעצטן בוך, אין וועלכן היטלער ווערט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן. און ווען, חלילה וחלילה, די „געסטאַפּאָ״ ווערט געוויר דערפון און מען

געפינט ביי זיי די עקזעמפּלאַרן, צעשיסט מען באַלד די גאַנצע שטוב מענטשן... איז וואָס זשע טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיב איך איר?...

הגם עס איז געווען אומוואַרשיינלעך, אַז דער ענין זאָל דערגיין צו דער „געסטאַפּאָ", פון דעסטוועגן האָב איך זיך נישט אונטערגענומען איר צו געבן אַן עצה... אָט האָב איך דאָך אַליין מבער געווען פון שטוב אַ דייטשישע בראָשור „רייכסטאַגבראַנד", וואָס איז געדרוקט געווען ערגעץ אויסער די גרענעצן פון היטלער־דייטשלאַנד. דוכט, אין בעלגראַד.

— ווער ווייס... — זאָג איך איר אין פאַרלעגנהייט, — טוט ווי איר פאַרשטייט... אין אַזאַ צייט איז שווער צו פּסקנען אַזאַ מין שאלה...

איז אַלמיס שוועסטער אַוועק פון מיר און מיט איר גרעסטן צער און ווייטיק דורכגעפירט אין אויוון אַן „אויטאָ־דאַ־פע" איבער אַלע עקזעמפּלאַרן פון ברודערס בוך...

אָבער דער דאָזיקער „אויטאָ־דאַ־פע" האָט דאָך נישט געראַטעוועט פון אומקום אַלמיס אַלע משפחה־מענטשן: זיי זענען סיי־ווי אַוועק, ווי אַלע ייִדן, אין די גאַז־קאַמערן... און אַלמיס ביכער וואָלטן סיי־ווי געבליבן אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ...

אַן אַנדער וויטיקלעכער פאַל איז אַגב אויך געשען דעמאָלט מיט אַ בוך פון אַלמיס ניו־יאָרקער קאָלעגע יצחק האָראָוויץ. איך דערצייל עס דאָ, ווייל יצחק האָראָוויץ איז געווען איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן און צוזאַמענשטעלער פונעם דאָזיקן בוך לכבוד אַלמיס יובל. ג ע ו ו ע ן... ווייל באַלד נאָך דעם ווי דאָס בוך איז אַריין אין דרוק, איז יצחק האָראָוויץ געוואָרן אַ שוכן־עפר.

בכן: אין זעלבן פאַטאַלן 1939 האָט אין וואַרשע אויך געזאָלט דערשיינען יצחק האָראָוויצעס בוך „טעג און נעכט מיט פאַנאַיט איסטראַטי". אַלמי האָט מיך געהאַט אָנגערעגט איך זאָל זיך מטפל זיין מיטן דאָזיקן בוך פון זיין חבר. דאָס בוך איז שוין געווען אויסגעזעצט און מאַטריצירט און האָט שוין געזאָלט אַריינגיין אין דרוק. פּונקט האָט אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה און אַלץ איז פאַראַליזירט געוואָרן. כ׳געדענק: אין מיין עגמת־נפש צוליב האָראָוויצעס פאַרלוסט האָב איך נאָך אין ערשטן טאָג פון קריג, נאָכן ערשטן לופט־אָנגריף אויף וואַרשע, בעת די פּאָסט איז נאָך כלומרשט געווען אָפן, אַוועקגעשיקט דעם מחבר אַן עקספּרעס־בריוו מיט טרייסט־

ווערטער, אַז די מלחמה וועט דאָך מסתמא אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געענ־דיקט ווערן און דאַן וועט דאָס בוך תיכף אַריין אין דרוק...

אַזוי נאַיִוו איז מען עס געווען אין די ערשטע צעטומלטע טעג אין וואַרשע, אינעם אָנהייב פון אונדזער גרויסן בראָך...

אַפילו שפּעטער מיט אַ יאָר, אין מיין סאָוויעטישן גיהנום אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, האָב איך ממעמקים געשריבן צו מיינע נאָענטע אין גראָדנע, זיי זאָלן אַלאַרמירן מיין חבר אַלמי ער זאָל אין אַמעריקע „מרעיש עולם זיין" פאַר מיינעטוועגן... כ'האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן (זע מיין „קנעכט זענען מיר געווען"). אַפנים אויך לגבי היטלערס שותף, לגבי סטאַלינען, איז מען נאָך געווען אַביסל נאַיִוו...

דער לעצטער פּאַראַגראַף מיינט צו זאָגן, אַז תמיד, אין אַלע סיטואַ־ציעס, האָב איך אין אַלמין געזען מיין ערשטן חבר פון וואַרשע.

עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז אַפילו אין מיינע איצטיקע אַרגענטי־נער יאָרן, אַ דאַנק אונדזער אַלטער חברשאַפט און די פעדים, וואָס פאַר־בינדן אונדז, זאָלן עטלעכע אַלמיס ביכער ווידער דערשיינען אונטער מיין השגחה. ס'איז שוין אויך מהאי טעמא פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דאָס איצ־טיקע יובל־בוך זאָל דערשיינען אונטער מיין אויפזיכט: „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט"...

***

א. אַלמי איז דורך זיין גאַנץ לעבן געבליבן פּאָעט און עסייִסט. הגם שוין פון זיינע יינגסטע יאָרן איז ער אין זיין שאַפונגס־וועג מיטגע־ריסן געוואָרן פון אַלערליי זשאַנערן (בעלעטריסטיק, עסייִסטיק, פּובלי־ציסטיק, פעליעטאָן, רעפּאָרטאַזש, שאַרזש), אָבער פּאָעזיע איז זיין ערשטע ליבע און ער איז תמיד טריי געבליבן אויך זיין פּאָעטישן זשאַנער. זיינע נשמהדיקע עמאָציאָנעלע אויסגוסן קומען צום אויסדרוק ביי אים אין ליד. דערויף זאָגן עדות זיינע זעקס לידער־זאַמלונגען, דערשינען אין זיינע פאַר־שיידענע עטאַפּן. אַלמי איז אַ געטרייער תלמיד פון דער קלאַסישער פּאָ־רעט, אַ געטרייער אַפּהיטער פון דער דיכטערישער דיסציפּלין אינעם פערז־בוי. זיין ליד האָט ווילקלאַנג, מוזיק. עס לאָזט זיך זינגען. און לידער זע־נען דאָך טאַקע אין תוך גענומען געזאַנג. וואָס רייפער אַלמי איז געוואָרן

אין זיין דיכטונג, איז זיין ליד געוואָרן מער פאַרטיפט. אַלמיס אַ ליד האָט, אַחוץ פּאָעטישער שטימונג, אויך אַ פילאָסאָפישע סענטענץ. זיינע לידער זאָגן עפּעס. דער דיכטער קומט נישט בלויז מיט שטימונגען, בלויז מיט דיכטערישע אימאַזשן. ווייל אַלמי איז אַחוץ דיכטער אויך דענקער, און דאָס איז זיכער משפּיע אויף דער פאַרטיפונג פון זיין דיכטונג. איז דאָך אַלמי שוין געווען אַ גריבלער, מיט פילאָסאָפישע נטיות און מעדיטאַציעס זינט זיינע יונגע שאַפונגס־יאָרן. ס'האָבן אים תמיד געפאַנגען די פּראָבלעמען פון לעבן און טויט; די אָריענטאַלישע פילאָסאָפיע און איר מיסטיציזם. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון קומען זיינע ווערק: „די צווייטע עקזיסטענץ", „די רייד פון בודאַ", „די כינעזישע פילאָסאָפיע", „אויפן וועג פון די געטער" און אַנד.

און נישט נאָר די אָריענטאַלישע פילאָסאָפיע — אויך די מערב־פילאָסאָפן ברענגען אים שפּעטער צו פאַרשיידענע פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס און מעדיטאַציעס און ער פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען און עסייען וועגן ברוך ספּינאָזאַ, עמנואל קאַנט, שלמה מיימון, אַנרי בערגסאָן, סאַנטאַיאַנאַ און אַנד'.

אַ רושם האָט געמאַכט אַלמיס פאָרשונגס־אַרבעט „דאָס געהיימעניש אַרום ספּינאָזאַס טויט". אַלמי איז אין זיין פאָרשונג געקומען צו אַן אויסטערלישער אַנטדעקונג אין ספּינאָזאַס ביאָגראַפיע. וועגן דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך אַפילו אַלבערט איינשטיין אָפּגערופן מיט לויב.

כדאי צו אונטערשטרייכן: אין זיינע אָפּהאַנדלונגען אויף פילאָסאָפישע טעמעס האָט אַלמי דערגרייכט דעם קלאָרסטן סטיל. מעג זיין טעמאַטיק זיין פון גאָר קאָמפּליצירטע מאַטעריעס, געפינט אַלמי תמיד דעם קלאָרסטן אופן און די פשוטסטע ווערטער מבאר צו זיין דעם ענין — אַזוי אַז אַפילו „אַ קינד קאָן עס פאַרשטיין"... אין דער הינזיכט איז אַלמי דער סאַמע היפוך פון יענע שרייבער, וואָס שרייבן זייערע וויסנשאַפטלעכע עסייען מיט דער שווערסטער „עברי", אָן שום נוצן און אָן שום נויטיקייט, סיידן נאָר כדי צו מאַטערן און דורכזעם אָפּשטויסן דעם לייענער און כדי זיך צו ווייזן ווי אַ „טיפער וויסנשאַפטלער"... אין דער אמתן איז דווקא דער קלאָרער, פשוטער סטיל — אַ גאָטס מתנה פאַר שרייבער, פונקט ווי אַ פאַרפּלאָנטערטער סטיל איז דער גרעסטער מינוס! אַזוי האָט,

למשל, טאָלסטאָיס פשטותדיקער אופן פון אויסדרוק לחלוטין נישט פאַר־מינערט אויף אַ האָר דעם הויכן קינסטלערישן ניוואָ פונעם מחבר פון „מלחמה און שלום", נאָר פונקט פאַרקערט: עס האָט דערהויבן זיין רום ביי זיין אייגענעם פאָלק און אין גאָר דער וועלט...

אין זיינע פּאָלעמיקעס איז אַלמי שאַרף און אָנגרייפעריש און ער קעמפט קאָנסעקווענט פאַר זיינע טעזעס. נישט מקנא צו זיין יענע קעגנער, וואָס פאַלן אַרונטער אונטער די פיילן פון זיין פעדער. אַלמיס פּאָלעמיק איז דורכגעדרונגען מיט לאָגיק, קלאָרקייט און שאַרפער סאַטירע.

אַ גאַנצע ריי אַרבעטן אַלמיס זענען געווידמעט יידישע שרייבער און פּראָבלעמען פון יידישער ליטעראַטור. און נישט נאָר יידישער. אַלמי האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון זיינע שעפערישע יאָרן אַ סך, אַ סך צענ־דליקער אַרבעטן וועגן שרייבער און די דאָזיקע אַרבעטן זענען על פי רוב שוין אַריין אין זיינע ביכער. איך געפינט ביי אים אָפּשאַצונגען וועגן י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, מאָריס ראָזענפעלד, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, דוד עדעלשטאַט, נח פּרילוצקי, א. לוצקי, ז. סעגאַלאָ־וויטש, אברהם רייזען, זישע לאַנדוי, יוסף באָוושאָווער, לעאָן קאָברין, פּרץ הירשביין, י. י. זינגער, משה נאַדיר, ד"ר א. קאַראַלניק און נאָך פיל, פיל אַנדערע יידישע שרייבער. אַלמיס גאַנץ לעבן איז געקניפּט און געבונדן מיט יידישער ליטעראַטור. זינט זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך אויסגע־לעבט אין רעדאַקציעס, אין סביבה פון פען־מענטשן — אַזוי אַז ער האָט נישט נאָר גוט געקענט די ווערק פון שרייבער, נאָר אויך די מחברים פּער־זענלעך, זייערע מעלות און זייערע שוואַכקייטן... דערויף זאָגן עדות זיינע בייסיקע סאַטירעס אויף דעם און אויף יענעם...

***

ווי שוין אויבן באַטאָנט: אַלמי איז אַחוץ עסייִסט אויך פּאָעט, ליריקער. אין זיינע לידער שפּיגלט ער אָפּ זיין אינערלעכע נשמהדיקע וועלט — די וועלט פון וויזיע און חלומות.

אויך אונדזער חורבן השלישי באַקומט זיין פּאָעטישן אויסדרוק ביי אַלמין. אין זיינע לעצטע צוויי לידער־זאַמלונגען: „געזאַנג און געוויין"

און „לעצטע געזאַנגען״ — וויינט אויס דער דיכטער זיין ווינד־און־ווי איבער אונדזערע טראַגישע יאָרן פון חורבן און אומקום.

א. אַלמי — וואָס איז אויך „אין טרעבלינקע נישט געוועזן״ — האָט אָבער פון דער ווייט מיטגעפיבערט די פּיין פון יענע גרויזאַמע קאָשמאַרן. זיין טיפער ווייטיק שרייט אַרויס פון זיינע פערזן:

אויף יענער זייט ים איז דער קריג,
אויף יענער זייט ים שרייט דער האַס...
און איך ליג אין שטוב דאָ און ליג
און האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס...

איך האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס
און איך שפּיר מיטן בלוט און געביין:
אין מיר איז דער קריג און דער האַס,
אין מיר איז דער חורבן־געוויין...

און אין זיינע יסורים רייסט זיך אַרויס ביים דיכטער אַ פּראָטעסט צום הימל:

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ גאָט?
דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אַ שטאָט,
דער פּולווער, וואָס צעררייסט אַ לייב —
זיי זענען דיין — דיין צייט־פאַרטרייב.

און ווייטער קומען אַזעלכע שטאַרקע אַקצענטן:

מיך עקלט דער, וואָס ליגט אין שטויב
און שיקט דיר פאַר זיין צער א לויב,
אַ לויב פאַר בלוט, פאַר ווי און ווינד,
פאַר אַ געקוילעטע ווייב און קינד...

די לעצטע סטראָפע שלאָגט־אָן אין טאָן פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״.

**
*

הגם אַלמי וווינט שוין לאַנגע יאָרן אין ניו־יאָרק, אין דער גרעסטער ליטעראַרישער מעטראָפּאָליע, דאָך געהערט ער נישט צו קיין שום ליטע־ראַרישע קלייזלעך. ער פּראַוועט תמיד שבת פּאַר זיך, איז שטענדיק גע־גאַנגען זיין שרייבערישן וועג אַליין. ווי אַלמי אַליין שרייבט אין דער הקדמה צו זיין לידער־בוך „לעצטע געזאַנגען", איז עס נישט געווען „מחמת וועלכע עס איז זייטיקע כוונות און חשבונות, נאָר מחמת אַזוי איז זיין טבע פון קינדווייז אָן. דאָס איז אַ טבע, וואָס הגם זי טוט קיינעם נישט די מינדסטע רעה, רופט זי אָבער אַרויס אַלערליי חשדים. עפּעס איז נישט גלאַט מיט אַ שרייבער, וואָס געהערט נישט צו קיין שום קלייזל, אָדער קרייזל, אַפילו נישט אין אַ ליטעראַרישער גרופּע; וואָס קהלט זיך נישט, לאָזט זיך נישט הערן אויף פאַרזאַמלונגען און לעבט זיך אויס בלויז שרייבעריש"...

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט (אין אַ שמועס מיט אים, געדרוקט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט") זאָגט זיך אַלמי אַרויס וועגן זעלבן ענין:

„גרופּעס, קלייזלעך זענען בעצם אַ געזונטע זאַך, אויב די אָנגעהע־ריקע זענען באַזעלט פון געמיינשאַפטלעכע שעפערישע אידייען. די מיינ־סטע מענטשן האָבן ליב צו דאַוונען בציבור, בעת אַנדערע, ווי וויניקע, געפינען זיך און גאָט — ביחידות. אויב אָבער אַ גרופּע, אַ ליטעראַרישע, צי אַ פּאָליטישע, פּראָקלאַמירט איר געמיינזאַמע אידייע ווי די איינציק־אמתע און באַקעמפט מיט אַלע מיטלען אַנדערע, וואָס דענקען, שרייבן אַנדערש, ווערט זי געפערלעך ווי יעדע סעקטע, אָדער פּאָליטישע קליקע".

אַזוי שרייבט אַלמי אַליין וועגן זיין יחידותדיקן וועג. אין זיין דאָזי־קער איינשטעלונג, אָדער בעסער: נייגונג, איז ער געווען עקשנותדיק. מ'האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַלמיס אַן אַרויסטריט אין דער עפנטלעכקייט בחברותא מיט אַנדערע שרייבער. ס'איז דאָך נישט דער־פאַר, ווייל אַלמי איז אפשר נישט קיין רעדנער (מיר איז עס אומבאַקאַנט, ווייל אויך איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו הערן אַלמין פון אַ טריבונע...); אָבער פאַראַן דאָך אַ סך שרייבער — אומבאַ־האָלפענע רעדנער; גיט מען זיך דאָך אַן עצה: לייענט מען אַ רעפעראַט פון פּאַפּיר. אויך פּראָפעסאָרן, מיניסטאָרן און פּרעזידענטן טוען דאָך דאָס־

זעלביקע. הייסט עס טאַקע, אַז אַלמי האָט עקשנותדיק און בכוונה אויס־געמיטן טריבונעס און עפנטלעכן פרסום, מאַניפעסטאַציע.

אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע:

בעת אין 1954 איז אין בוענאָס־איירעס דערשינען אַלמיס לידער־זאַמלונג „לעצטע געזאַנגען", האָט דער קלוב „טלאַמאַצקע 13" אַראַנ־זשירט לכבוד דעם מחבר — ווי פאַר אַ שרייבער פון וואַרשע, אַ בן־עיר —אַ באַערונגס־אָוונט. אַז כ'האָב נאָכדעם צוגעשיקט אַלמין אַ פּאָר צייַ־טונגס־אויסשניטן מיט די נאָטיצן וועגן דעם אָוונט, האָט מיר מיין חבר געענטפערט, אַז ער איז זייער געריךט פון דער באַערונג; אָבער ער איז זייער צופרידן, וואָס ער גופא איז דערביי נישט געווען; וואָס עס איז געשען הינטער זיינע אויגן... ווייל ער לאָזט זיך קיינמאָל נישט מאַכן קיין באַערונגען מיט זיין פּערזענלעכער באַטייליקונג...

אָבער אויב יחידותשאַפט אין אונדזערע קרייזן שאַדט אָפט די שרייַ־בערישע ערדישע אינטערעסן — איז עס אָבער זיכער אַ מעלה פאַרן שרייַ־בערס שעפערישקייט. און אַלמי האָט אין משך פון זיין שעפעריש לעבן (העכער אַ האַלבער יאָרהונדערט!) געשלאָגן רעקאָרדן מיט זיין ליטעראַ־רישער פּראָדוקטיווקייט. זיין ליטעראַרישער אַקטיוו — דאָס זענען זיינע צאָלרייכע ביכער און בראָשורן. עד היום שטייט אַלמי אויף דער וואַך פון זיין שרייבערישן באַרוף און לאָזט זיך הערן אָפט מיט זיין קינסטלערישן וואָרט. זיין סטאַבילע קרעטשמע איז זינט יאָרן די „פרייע אַרבעטער־שטימע", וווּ מ'טרעפט תמיד אַלמיס מוטיקע עסייען און אַרטיקלען. אַלמי רעאַגירט אויף אַלע וויכטיקע דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַטור און קולטור. אָפט איז ער שאַרף און קריגעריש, ער קאָן נישט פאַרשווייגן קיין עוולות, נישט פון יחידים, נישט פון אינסטיטוציעס. שאַפט ער זיך דאַדורך קעגנער און רייסט איין מיט אַ וועלט. אָבער אַלמי גיט נישט אויף זיין קעמפערישקייט קעגן נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אונדזער וועלטל.

די ירידה פון יידיש לשון אין אַמעריקע — און נישט נאָר אין אַמע־ריקע — האָט ביי אַ סך שרייבער אַרויסגערופן יאוש־שטימונגען. ביי דעם צופיל־עמפינדלעכן אַלמי איז די דאָזיקע שטימונג דערגאַנגען צו היפּער־טראָפיע און ער האָט זיין זעקסטע לידער־זאַמלונג באַטיטלט: „לעצטע געזאַנגען". אָבער היות אַ פּאָעט איז דאָך בכלל אַ שטימונגס־מענטש, און

שטימונגען בייטן זיך אָפט אַפילו לויט צייט און וועטער — ווען זיך מסתמא אויך אַלמיס יאוש־שטימונגען נאָך ענדערן צום גוטן, זיך אויס־לייטערן אַביסל, און קיינער וועט אים נישט האַלטן ביים וואָרט, ווען נאָך די „לעצטע געזאַנגען" וועט ער אַרויסקומען מיט אַ בוך נ יי ע געזאַנ־גען... וואָס שייך פּראָזע האָט אַלמי — נאָך די „לעצטע געזאַנגען" — שוין אַרויסגעגעבן צוויי וואָגיקע ביכער: „אין געראַנגל פון אידייען" און „חשבון און סך־הכל". און ועוד ידו נטויה... אַלמי האָט נאָך ליגן אַנדערע ווערק צו פאַרעפנטלעכן. אַז סך־הכל איז ער איצט (לויטן שאַבלאָן־גע־וואָרענעם זאָג) „יונג"־געוואָרן זיבעציק יאָר — עד מאה ועשרים! אין זיין איצטיק ליטעראַרישן שאַפן פילט איר נאָך אַלץ זיין קלאָרקייט, פרישקייט, דרייסטקייט. לייענענדיק אים, האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז דאָס רעדט אַ שרייבער, וואָס איז נאָך אין סאַמע בלי פון זיין שאַפן. און דאָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין פּריוואַט־לעבן (אָן משפחה) איז פאַר־בונדן מיט טראַגישע מאָמענטן, וואָס האָבן אים גורם געווען זיין אַליינקע לעבן (זע אַלמיס בוך „חשבון און סך־הכל").

מיט אַ צוויי יאָר צוריק לערך האָב איך מיין ערשטן חבר פון וואַרשע באַזוכט אין ניו־יאָרק אין זיין „קאַוואַלערסקער" דירה אויף דער 75סטער גאַס. איך האָב זיך אומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און עס האָט אויף מיר געווייעט מיטן עלנט פון אַליינשאַפט. אַלמי האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיין פריינד, וועלכער העלפט אים אַמאָל אַרויס ביינאַכט, בעת („מ'איז דאָך נאָר אַ מענטש"...) ער דערפילט זיך אַמאָל קראַנק — דאָס איז דער טע־לעפאָן... דורכן טעלעפאָן רופט ער דאַן אַרויס אַ מעדיקער...

ס'איז אַ גבורה אַזוי צו קאָנען לעבן און אָפּצוהיטן דעם שרייבערישן כח היצירה.

אַזוי לעבט און אַזוי שאַפט אַלמי ביחידות.

זאָל־זשע אַלמי נאָך לאַנג, לאַנג אָנגיין מיט זיין גבורה און באַריי־כערן די יידישע ליטעראַטור.

פּיריאַפּאָליס (אורוגוואַי), 1961.

# א. אַלמיס מענטשן, אידייען און לידער

פון

ב. ג. זאַק (מאָנטרעאָל)

עס איז געוואָרן שוין אַ געוויינלעכער פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז דער צוגאַנג צו יעדער ליטעראַרישער אַרבעט דאַרף אין עצם זיין באַרעכנט אויף צוויי זאַכן, וואָס מען דאַרף געדענקען. דאָס איז אויף דעם, וו אָ ס אַ שריפטשטעלער, אָדער דיכטער זאָגט, און ווי אַ ז ו י ער זאָגט עס. און מען קאָן פון דעם פּאַראַדאָקס נישט אַוועקגיין. עס איז נייטיק צו געפינען דעם תמצית פון די ביידע, און זיך עס קלאָר מאַכן, ווייל דער „וואָס" און „ווי אַזוי" זענען אַ וויכטיקער עיקר — דער וויכטיקסטער.

נישט תמיד, פאַרשטייט זיך, גייען ביידע באַדינגונגען צוזאַמען. אָפט באַגעגענען מיר בלויז פאָרעם, סטיל, ד"ה „ווי אַזוי" עס ווערט געזאָגט, מיט גאַנץ ווינציק אינהאַלט. דער אינהאַלט ווערט אַ טפל־זאַך, ווערט פאַרבלאַסט און זעט זיך קוים אָן. איז אָבער פאַראַן עטוואָס אַ חוץ אינ־האַלט, און דאָס איז די פ אָ ר ע ם אין וועלכער דאָס ווערט איבערגעגעבן. די רייכקייט אָדער פיינקייט פון איין זייט פאַרדעקט און באַהאַלט די אָרעמקייט פון דער אַנדער זייט. און דאָס גלייכן טרעפט אַמאָל, וואָס אַ שרייבער האָט וואָס צו זאָגן, אָבער אים פעלט דער אָטעם, די פעיקייט פאַר דעם. זיין פען איז אומבאַהאָלפן, פלאָנטערט זיך און קאָן נישט אי־בערגעבן און אַרויסברענגען דאָס וואָס ער וויל זאָגן, אָדער פילט צו זאָגן. אָבער — „לע סטיל, ס'ע ל'האָם" — דער סטיל איז דער מענטש, ווי די פראַנצויזן זאָגן, און דאָס איז דורכן סטיל מערסטנס וואָס מיר זעען אַרויס דעם שריפטשטעלער.

באַנוצן מיר די אייגענע קריטעריע בנוגע צו אַלמיס אַרבעט, זעען

מיר, אַז אי ער האָט וואָס צו זאָגן, אי ער זאָגט עס אויף אַן אינטערעסאַנטן, אייגנאַרטיקן שטייגער. די אייגנאַרטיקייט אין אַלמיס שאַפן איז זייער כאַראַקטעריסטיש. דאָס מערקט זיך נישט בלויז אין זיין סטיל און שריי־בערישער מאַניר, נאָר אַפילו אין געוויסע טעמעס, פאַר וועלכע ער האָט אַ באַזונדערן פאַרצוג, און איבערהויפּט אין זיין צוגאַנג צו זיי. אַ שרייבער קאָן יאָ און נישט זיין סוביעקטיוו ביים אויסקלייבן אַ טעמע, איבער וועל־כער ער שרייבט. אָבער אַלמי איז אין די מערסטע פאַלן דאָס יאָ. ער שרייבט בלויז איבער דאָס וואָס איז אים נאָענט, און וואָס גייט זיך מער־וויניק צונויף מיט זיינע פּערזענלעכע געפילן און נייגונגען.

זיין „מענטשן און אידייען" וואָס אַנטהאַלט אַ טייל פון זיינע קריטישע אַרטיקלען, עסייען און אָפּהאַנדלונגען, וועלכע ער האָט אין די לעצטע פּאַר יאָר פאַרעפנטלעכט, גיט אונדז אַן אַריינבליק אין זיין פּערזענלעכער וועלט. מיר זעען דאָ פאַר זיך אָפּגעשפּיגלט נישט בלויז דעם שריפטשטע־לער, נאָר אויך דעם מענטש וואָס פאַלט אַזוי אָפט אַריין אין אַ טאָן פון פּעסימיזם, וואָס פילאָסאָפירט און גריבלט זיך אין אַ פלאַנטער פון גע־דאַנקען וועגן ציל און תכלית, און וועגן דעם וואָס עס עקזיסטירט נישט בלויז אין אונדז, נאָר אויך אויסער אונדז, ווייטער פון אונדז...

וואָס טיפער אַלמי לאָזט זיך אַריין אין דעם, אַלץ מער דערפילט ער זיך ווי אין אַ לאַבירינט — און ער ווייזט אונדז דעם דאָזיקן לאַבירינט — וואָס זיינע פאַרדרייטע, געהיימע וועגן פירן צו אַ ווייטן ערגעץ, וווּהין מען קאָן נישט דערלאַנגען. צווישן די דאָזיקע פאַרדרייטע וועגן און גענג, וואָס פירן צום ווייטן ערגעץ, מוזן מיר שטיין־בלייבן ווי פאַרלאָרענע, וועלכע זעען נישט נישט דעם אָנהייב און נישט דעם סוף, און פלאָנטערן זיך ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז, נישט וויסנדיק פאַרוואָס און צוליב וואָס, און ווי אַזוי.

„דיין בליק רייסט זיך צום פענצטער, אין דער נאַכט אַריין, ווו ליכ־טיקע פינטעלעך שפּאַרן דורך די פינצטערניש", מאָלט ער די מיסטעריע אַנטקעגן וועלכער מיר שטייען... „אַזאַ געדיכטע פינצטערניש, אַזאַ אומ־געהייערער חלל — אומענדלעכקייט — און דאָ און דאָרט אַ פינטעלע, אַ ציטערדיק פלעמל... אַ פּחד באַפאַלט דיך... ס'איז דער פּחד פאַר דער אומגעהייערער, אומבאַגרייפלעכער מאַכט, וואָס איז שולט אינעם באַשאַף.

ס'איז די אימה פון אומוויסן, וואָס מיר האָבן געירשנט פון דעם ווייטן אורמענטש" (ז' 14).

אָט אַזוי שטעלט ער אונדז פאַר אונדז אַליין פאַר אויף דעם קליינעם ערדיקן פינטעלע, אויף וועלכן מיר געפינען זיך, אין דעם גרויסן אוניווער־סאַלן חלל, וואָס רינגלט אונדז אַרום. און מיט עטלעכע בלעטלעך ווייטער, אין דעם אייגענעם עסיי „דער גרויסער פּלאַן", שרייבט ער:

„...דו ווייסט אַז סוף־כל־סוף ווייסן מיר אַזוי ווייניק, און אַז אַפילו די „דערשיינונגען" וואָס אַנטפּלעקן זיך פאַר דיין אויג, זענען נישט מער ווי נעמען פאַר וויזיעס און אילוזיעס. און דו ווייסט נישט, וואָס עס איז „אמת" און וואָס אויסדאַכטעניש... און וואָס איז דאָס, אייגנטלעך, אַזיינס טאַקע דער „אמת"? און וואָס איז אילוזיע?" (ז' 26).

און אַזוי כסדר. אַלמי האָט ליב צו פילאָסאָפירן וועגן דעם, צו גריב־לען און פּלפּולען זיך וועגן די סודות פונעם אַרום, וועגן די סודות פון אונדזער זיין וואָס רופן ביי אים אַרויס אַזוי פיל טראַכטעניש. און נישט בלויז דאַן ווען ער שרייבט וועגן אַן אַבסטראַקטן ענין פאַלט ער אַריין אין דעם טאָן. וועגן וואָס ער זאָל נישט שרייבן, שווימען פאַר אים אויף די אייגענע ספיקות און פראַגן, אין וועלכע ער פּלאָנטערט זיך. לייענען מיר מיט אַ פּאָר צענדליק זייטלעך ווייטער („שווער צו זיין אַ גרינבערג") דערפאַר ווידער ביי אים:

„און אַזאַ בטלן איז יעדער פון אונדז — ווען מיר בלייבן אַליין מיט זיך, ווען מיר טראַכטן: ווער בין איך? בין איך — איך? און צו וואָס און פאַר וואָס בין איך איך? אַ סך שטימען שרייען אין אונדז, אַ סך ווילנס רייסן זיך אין אונדז, אין היפּוכדיקע ריכטונגען. דורך אונדזערע אָפענע אויגן קוקן פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן אויף דער וועלט" (ז' 63).

און מאָדנע, ווי ער אַליין ווייזט אונדז דעם דאָזיקן קאָנטראַסט פון „היפּוכדיקע ריכטונגען", און ווי דורך זיינע אויגן, לויט דעם אויסדרוק וואָס ער באַנוצט, „קוקן פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן". דער אייגענער אַלמי איז נישט תמיד אַזאַ ערנסט־פאַרטראַכטער און אַזאַ שטרענגער פּוב־ליציסטישער חקרן. גאַנץ אָפט דערזעען מיר פאַר זיך אַ אַלמי, וועלכער שמייכלט, און אין וועמעס שרייבן עס שפּילט אַ פיינע איראָניע און אַ געזונטער, לעבעדיקער הומאָר. מכח וואָס ער זאָל נישט שרייבן, רופט

זיך אויך אָפּט אָפּ אין אים דער פּעליעטאָניסט, וועלכער לאָזט זיך נישט פאַרשטופּן, וועלכער וויל קומען צום וואָרט.

אין די פּאָר צענדליק עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע ער האָט צונויפגענומען אין דעם איצטיקן בוך, האָט ער באַוויזן די דאָזיקע שטריכן בולט אַרויסצוברענגען. מיר זעען אויך אַז ער איז אַ שריפטשטע־לער וואָס האָט אַ סך געלייענט, און אַז דאָס וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער אויפגענומען, תופס געווען, פאַרדייעט, און ער באַמיט זיך עס איבער־צוגעבן, פאַרטייטשן. ער איז אָבער נישט קיין פּאָפּולאַריזאַטאָר, נאָר אַן אינטערפּרעטירער פון געדאַנקען און אידייען — זיינע אייגענע, ווי פון דער וועלטס גייסטיקע אוצרות. איז אין דעם בוך דערפּאַר דאָ פון און וועגן אַלצדינג, וואָס קאָן אַריינגיין אין די ראַמען פון דער בעסערער עסייִסטיק און פּובליציסטיק, און דאָס אַלץ געשריבן אין זיין באַקאַנטן פּליסיקן, לעבעדיקן סטיל.

איך וויל דערביי מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועג א. אַלמיס ניי בוך „געקליבענע לידער״.

„אַלץ איז ביי אים שטימונג, און פון אָט דער שטימונג דורכגעדרונגען, דורכגעזאָפּט. דער שפּיץ־פּאָדעם פון זיין שאַפן קוועלט פון זיין אייגענעם געמיט אַרויס, און פלעכט זיך ווי אין אַ קרייז ווו אַלץ איז פול מיט שווער־קייט, מיט בענקשאַפט און ווו די רעיונות זענען געלאָדן מיט דער משא פון באַהאַלטענע מענטשלעכע אַנגסטן״.

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל וואָס איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט אין דער דאָזיקער צייטונג, שרייבנדיק וועגן אַלמיס דעמאָלט דערשינענעם בוך לידער „ביי די ראַנדן״ (זיין ערשטע לידער־זאַמלונג, 1923). אַלמי דער שריפטשטעלער, ווי אַלמי דער דיכ־טער, האָט זינט יענער צייט זיך נישט געביטן. ער איז פאַרבליבן דער אייגענער, און די כאַראַקטעריסטיק איז אויף אים אַנגעמאָסטן היינט אויך.

אין דער פּאָעזיע, ווי אין זיין פּראָזע, קוקט ער דורך ברילן וואָס זענען דאָס לעבן אַרום אין אַ סקעפּטישן ליכט. סקעפּטיציזם, פילאָסאָפישער ביטול, יאוש, און אַפילו מרה־שחורהדיקייט, זענען אַ נאַטירלעכער שטריך ביי אים. ער האָט אָבער אויך אַן אויג פאַר קינסטלערישע פאָרמען. אַלמי איז פּאַקטיש אַ מייסטער אין איבערגעבן און פאַרטייטשן אין זיינע לידער

די דינסטע ביואַנסן פון געדאַנק און געפיל, אין וועלכע מענטשלעכע מע־לאַנכאָליע, מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך עטוואָס ווייטס, אומבאַשטימטס און איבערהויפּט מענטשלעכער יאוש — קאָנען זיך אויסדריקן.

אין דעם דאָזיקן באַנד „געקליבענע לידער" שפּיגלען זיך אָפּ די אייגענע פּסיכאָלאָגישע מיינונגען און טעאָרעטישע באַגריפן, און דער זעלביקער געדאַנקענגאַנג, וואָס ער זוכט דורכצופירן אין די אויבנדערמאָנטע עסייען. אַלמי דער מעלאַנכאָליקער איז אויך אַן אינטעלעקטואַליסט. ער איז אַ דענקער, אַ גריבלער, וואָס בלאָנדזשעט און זוכט, און איז דערצו אַן אוניווערסאַליסט. און אָט אַזוי ווי ער, גלייבט ער, בלאָנדזשעט און זוכט און וואַרט די גאַנצע וועלט, דער שוואַרצער אין אַפריקע, דער הינדו, די אינדיאַנער פרוי. אַלעמען נעמט אַרום איין בענקשאַפט —

אָט אַזוי ווי איך אין דער שטילער שעה,
לעבן פענצטער דאָ אין דער אונטער־שעה,
וואַרט די גאַנצע וועלט.

— — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי ווי איך, איטלעכער אַליין
טוליעט זיך אין נאַכט צו דעם האַרץ, וואָס וואַכט
איבער מענטש און ערד.

(„ווי איך").

אָבער נישט אַלעמאָל קוקט ער אַרום זיך דורך די אייגענע סקעפּטישע ברילן. זיין לייכטע, שפּילעוודיקע פּעדער קאָן נישט פאַרטראָגן די שווערקייט מיט וועלכער זיין געמיט איז געלאָדן. מיר זעען אין איר אָפּט דעם שאַרפן קאָנטראַסט צו זיין פּסיכאָלאָגישער געשטימטקייט. אַלמי זוכט נאָכאַנאַנד דעם „ארכימעדעס־פּונקט", אין וועלכן מיר זאָלן קאָנען זיך אָנשפּאַרן. אָבער מיר פּילן דאָס נישט אין זיין שרייבן; זיין מוג־טערער טאָן און פיינער, ריטמישער סטיל לאָזן דערפון זיך נישט באַאייב־פלוסן.

אָט די דאָזיקע לעבעדיקע ריטמישקייט פילט זיך אין זיינע לידער נאָך מער ווי אין זיינע עסייען און אַרטיקלען. אויך אין זיינע לידער פילאָסאָפירט ער. טייל פון זיי זענען פאַקטיש אויף די אייגענע טעמעס וואָס אַ

סך פון זיינע עסייען. אָבער די שפּראַך פון זיינע לידער צייכנט זיך אויס מיט איר אינעווייניקסטער מוזיק, מיט איר באַזונדערקייט פון אויסדרוק. די טעכניק פון זיין פּאָעזיע, צי ער שרייבט מיט אָדער אָן „ווייסע פערזן", איז אַ געשליפענע.

אַלמי איז אַ דיכטער, וואָס פילט און ט ר אַ כ ט, אַ דיכטער וואָס זוכט כסדר די ווייטע, אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן, צו וועלכע זיין געדאַנק טראָגט אים אַוועק, און ער פאַרטייטשט עס קינסטלעריש. אַזעלכע לידער ווי „קרעאַטור", „אין די בערג" און אַנדערע, זענען די פּראָדוקטן פון אַ בריליאַנטענער פעדער, און זיי גיבן אים אַ פּלאַץ צווישן די בעסערע ייִדי־שע דיכטער.

אין דעם אַרויסגעגעבענעם באַנד „געקליבענע לידער" האָט אַלמי אַריינגענומען אויך אַזעלכע, וואָס זענען שוין פריִער דערשינען אין בוך־פאָרעם. צו וואָס אָבער ער האָט זיי איבערגעדרוקט נאָכאַמאָל, איז נישט פאַרשטענדלעך.

(„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 2 דעצעמבער, 1934)

# א. אַלמי - דער קריטיקער און פּאָלעמיקער*

פון

אברהם ביק

א. אַלמי איז אַ פילזייטיקער שריפטשטעלער, וואָס שטייט שטענדיק מיטן פּנים צו מענטש און וועלט, צו די אידייען און פּראָבלעמען פון אונ־דזער צייט, ווי פון די פאַרגאַנגענע עפּאָכעס. ער רעאַגירט אויף אַלע גע־שעענישן: אין דער געזעלשאַפט, אין דער ליטעראַטור, אין די וויסנשאַפטן און אין דער פילאָסאָפיע.

זיין נייַ ווערק „קריטיק און פּאָלעמיק" (וואַרשע, פאַרלאַג ש. צוקער) פּולסירט דעריבער מיט פּראָבלעמען און אידייען. עס הייבט זיך אָן מיט פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען וועגן מענטש, אוניווערס, אייביקייט און פאַרגאַנגלעכקייט און עס פאַרענדיקט זיך מיט פּאָלעמישע אַרטיקלען וועגן קאָמוניזם, סטאַליניזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

צווישן די דאָזיקע צוויי דיקע ווענט זענען אַריינגעפּרעסט אָפּהאַנד־

---

* די לייענערס וועלן זיך מסתמא חידושן פאַרוואָס מיר האָבן דאָ אַריינגענומען אַן אָפּהאַנדלונג פון א ב ר ה ם ב י ק, דעם קאָמוניסטישן רב, וואָס האָט געגעבן אַ „הכשר" אויף אַלע קאָמוניסטישע שווינדלערייען, אינטריגעס און רציחות — סטאַליניס־טישע און כרושטשעוואַטע; אויף דער פאַרטיליקונג פון ייִדישן וואָרט און פון די ייִדישע שרייבערס אין קאָמו־פאַשיסטישן סאָוויעטן־לאַנד, און אויף אַלע אַנדערע פינצטערע מעשים דאָרט.

מיר דרוקן־איבער די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג פון אברהם ביק — נישט בלויז דערפאַר וואָס זי איז געדרוקט געוועז א יי ד ע ר דער מחבר איז באַגאַנגען מאָראַלישן זעלבסט־מאָרד דורך שמדן זיך אויף אַ קאָמוניסט, נאָר אויך כדי צו ווייזן ו י דער דאָזיקער

לונגען וועגן יידישע שריפטשטעלער, קלאַסיקער און מאָדערנע. אַזוי ווי אַלמיס צוגאַנג צו פילאָסאָפישע און וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען זענען אונדז שוין באַקאַנט פון אַנדערע ווערק זיינע, וועלן מיר זיך דאָ באַשעפטיקן מיט אַלמיס קריטישע און פּאָלעמישע אַרבעטן, וואָס זענען טאַקע דער עיקר אין זיין איצטיק ווערק.

אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער לעבט ער זיך אַריין אין דעם מהות פון יעדן שעפער, סינטעטיזירט זיינע מעלות און חסרונות, זיינע שפּרוכן און ווידערשפּרוכן — און עס וואַקסט אויס פאַר אונדזערע אויגן אַ גאַנץ געשטאַלט. אין זיין קריטיק איז ער מער סינטעטיש ווי אַנאַליטיש, הגם זיין קריטישער אַנאַליז באַציט זיך אויף ספּעציפישע מאָטיוון פון דעם שרייבער אויף באַזונדערע כאַראַקטער־ווערטן און אויף באַזונדערע וועזנטלעכע אייגנשאַפטן פון דעם „העלד" אָדער פּערזענלעכקייט. אָבער דורך דעמאָנסטרירן אָט די „צופעליקייטן" אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז די קינסטלערישע שלימות פונעם שריפטשטעלער און זיין ווערק. דאָס איז אַ סינטעטישער מעטאָד פון אַלמיס קריטיק. דורך דעם דאָזיקן מעטאָד דערגרייכט ער אַ טאָפּלטן ציל: ער האַרמאָניזירט די אידייען און מאָטיוון פונעם שעפער און — ער בלאָזט אַריין אַ נייע נשמה אין אַ ווערק, אַן אידייע, וואָס דערפרישט און באַלעבט.

אין זיין הקדמה צום בוך „קריטיק און פּאָלעמיק" זאָגט א. אַלמי:

---

אָרטאָדאָקסישער רב און בן הרב האָט אַליין זיך באַצויגן צום קאָמוניזם און צו מאַרקסיזם בכלל ע ר ב — טאַקע געציילטע טעג ממש פאַר — זיין מאָראַלישן זעלבסטמאָרד.

ביז יענעם מאָמענט האָט קיינער נישט געקענט אַפילו חושד זיין, אַז דער דאָזיקער יונגער אָרטאָדאָקסישער רב, וואָס ער האָט אַ שטיקל צייט אַ גלאַנץ געטאָן מיט פיינע עסייען און געוווּנען די פריינטשאַפט פון אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע אַנטי־קאָמוניסטן און רעליגיעזע נאַטורן ווי חיים ליבערמאַן און באַוויגן א. אַלמין צו שרייבן אַ הקדמה צו זיין, ביק׳ס, בוך וועגן רעליגיעזן סאָציאַליזם — אַז ער, דער דאָזיקער שטיל־בנעימות־דיקער מענטש, זאָל פעיִק זיין אויף אַזוינס — צו ווערן דער פּריסטער און פּאַרטיידיקער פון דעם מאָדערנעם מולך.

אַ רעטעניש, אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש! זיין עסיי וועגן א. אַלמיס אַ בוך, וואָס ווערט דאָ איבערגעדרוקט, איז פאַרעפנטלעכט געוועזן אין „יידישן זשורנאַל" פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, דעם 2טן פעברואַר, 1940, און אין אַ צאָל אַנדערע צייטונגען אין אַמעריקע און אין אייראָפּע.

„אָן ווידערשפּרוכן איז קיין האַרמאָניע נישטאָ. האַרמאָניע איז נישט איינס, נאָר פאַראייניקונג פון אַ סך מאָטיוון און אָן אַ שיעור ניואַנסן". און ווען מען לייענט איבער דאָס ווערק מוז מען מודה זיין, אַז אַלמי אַליין דעמאָנסטרירט אָט דעם אמת, סיי אין זיין אייגן שרייבן, סיי אין דעם שרייבן פון די קאָלעגן, וועלכע ער באַהאַנדלט. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אייניקע ציטאַטן. אין זיין עסיי וועגן ד"ר א. קאַראַלניק שרייבט אַלמי: „זיין אייגנאַרטיקער ספּעציפישער סטיל איז נישט נאָר אין גאַנצן געבוי, נאָר אין יעדן ציגל, אין דעם מינדסטן שטיינדעלע פון דעם בנין. זיינע געדאַנקען, ווי סתירותדיק זיי האָבן געמעגט זיין צווישן זיך, האָבן ערגעץ זיך געקניפּט און געבונדן, פאַרקייטלט זיך אין איין גרויסער פילפאַרביקער אידייען־קייט". אַזאַ טרעפלעכע באַמערקונג זאָגט עדות אויף אַלמיס סינטעטישן באַנעם פון קאַראַלניקן.

געטריי צו זיין סינטעטישן מעטאָד פון זוכן אידייאישע פאַרבינדונגען ביים וואָרט־קינסטלער, איז אַלמי אויך אין זיינע פיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן זישע לאַנדוי און ברוך גלאַזמאַן. די קריטעריע, וואָס מיט איר מעסט אַלמי דעם עסטעטיש־קינסטלערישן ווערט לאַנדויס, איז אויך מער סינטעטיש, ווי אַנאַליטיש. ער זעט די וואָרצלען פון לאַנדויס עסטעטיש־קינסטלערישן באַנעם אין אַן אידייע — אין חסידיזם: „אין חסידיזם — שרייבט אַלמי — אַנטפּלעקט זיך דער ריינער עסטעטיזם, די בענקשאַפט צו שיינקייט, וואָס פּראַלט אַרויס אין פרייד".

אין אַלמיס עסיי וועגן גלאַזמאַנען עפענען זיך פאַר אונדז נייע אָפּגרונטן און האָריזאָנטן פון גלאַזמאַנס שאַפן. אַלמי פּראָקלאַמירט גלאַזמאַנען פאַר אַ דורכויס־אינטויִטיוון שרייבער, פאַר אַ שרייבער וואָס דער הויפּט־כוח פון זיין שאַפן איז אַן אינטויִטיווער — און די ערשטע פּופּצן יאָר פון גלאַזמאַנס שאַפן זענען געווען כולו אינטויִציע. אָבער די מאַטעריאַליסטישע אָריענטאַציע, דער יסוד פון דעם מאַרקסיזם, איבערהויפּט דעם קאָמוניסטישן, וואָס צו אים האָט זיך גלאַזמאַן אין די לעצטע יאָרן געקלאַמערט, האָט אַטראָפירט גלאַזמאַנס אינטויִטיווע שעפערישקייט. א. אַלמי האַלט, אַז אין גלאַזמאַנען איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכער געראַנגל, ווו פּראָלעטאַרישע אָריענטאַציע קעמפט קעגן קינסטלערישער אינטויִציע". ווען גלאַזמאַן איז אַרויף אויף דער קאָמוניסטישער ליניע, איז ער

אַראָפּ פון קינסטלערישן וועג. אַלמיס „נבואה״, אַז גלאַזמאַנס קינסטלע־רישע אינטויציע וועט גובר זיין די אַרויפגעצוווּנגענע „אָריענטאַציע״, איז טאַקע מקוים געוואָרן, ווען גלאַזמאַן האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער „פרייהייט״ און דערמיט פון קאָמוניזם.

אין זיינע שיינע גרונטיקע עסייען וועגן יוסף באָוושאָווער און דוד עדעלשטאַט באַטאָנט אַלמי דעם סינטעז פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און נאַטור־זוכעניש, פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג און פּערזענלעך־לירישע שטימונגען; פון אידעאַליסטישן אַסקעטיזם, וואָס איז בתוך רעליגיעז, און בונטאַרישן מאַרטירערטום. אָט דער ווונדערלעכער סינטעז פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און נאַטור־בענקשאַפט — דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון פון באָוושאָווערס פּאָעטישן גאַנג, אָבער אויך נישט פרעמד עדעלשטאַטן.

טיפע פאַרשטענדעניש ווייזט אַלמי אַרויס לגבי אברהם רייזענען, דעם דיכטער און דערציילער. דורך אים, דורך רייזענען, באַווייזט אונדז אַלמי די שוואַכקייט פון אונדזער אָפיציעלער קריטיק צו פּלפּול, — אַ שוואַכ־קייט, וואָס שטייט ווי אַ מחיצה צווישן איר און רייזענס כמעט ביבלישער פּשטות.

אָבער נישט נאָר אין זיין קריטיק קומט צום אויסדרוק אַלמיס סינ־טעטישקייט, נאָר אויך אין זיין פּאָלעמיק. די קריטיק איז ביי אים אָפט פּאָלעמיק און די פּאָלעמיק ווערט ביי אים צייטנווייז פאַרוואַנדלט אין — קריטיק. אַ היפּשער טייל פון אַלמיס נייעם ווערק איז געווידמעט דער פּאָלעמיק מיטן מאַטעריאַליזם, מיטן מעסיאַניזירטן מאַרקסיזם. געטריי צו זיין אינדיווידואַליסטיש־מיסטישן וועלט־און־מענטש באַנעם, פּאָלעמי־זירט אַלמי סיי מיטן מאַרקסיזם וואָס איז לויט זיין טיפסטער איבערציי־גונג נישט נאָר להיפוך דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און דעם גאַנג פון דער געשיכטע, נאָר איז אויך דורכויס אומוויסנשאַפטלעך; סיי מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם בכלל.

אין זיין קאַמף מיטן מאַרקסיזם לייגט אַלמי גרויסע האָפענונג אויפן רעליגיעזן סאָציאַליזם, וואָס טראָגט זיך איצט ווי אַ פּריש ווינטל איבער דעם פאַרשטיינערטן באָדן פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. אַלמי זוכט אַ הימל פאַרן מאַרקסיזם און ער געפינט אים אין רעליגיעזן איב־האַלט. ער האַלט, אַז דער יסוד פון סאָציאַליזם מוז זיין דאָס רעליגיעזע

אין וועלט און אין מענטש. אָן אַזאַ יסוד מוז דער סאָציאַליזם אומפאַרמייד־לעך דערפירן צום סטאַליניזם און „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם״.

אַלמיס נייע ווערק — „קריטיק און פּאָלעמיק״ — איז אַ ווערטפולער ביישטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור. אַזאַ קריטיק און פּאָלעמיק זענען שעפעריש, ווייל זיי זענען דער פועל־יוצא פון אַ לעבעדיקן יידישן קוק אויף דער געשיכטע.

(„יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 2טער פעברואַר, 1940).

# פון דער אַמאָליקער וואַרשעווער אָרעמקייט

פון

## מאַרק שווייד

די זכרונות און בילדער און עפּיזאָדן, מיט וועלכע אַלמי האָט אָנ־געפילט דעם ערשטן באַנד פון זיינע מעמואַרן, האָבן היינט אַ באַזונדערן ווערט צוליב דעם, וואָס אין זיי ווערט געשילדערט ייִדיש לעבן אין וואַרשע אין די לעצטע יאָרן פון דער רוסיש־פּוילישער אימפּעריע.

דאָס איז אַ שילדערונג פון יענער צייט פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, ווען עס האָט אויפן באָדן פון דער ביטערער אָרעמקייט אויפגעבליט דאָס שיינע געוויקס פון אַ מאָדערנער ייִדישער קולטור. נישט די צייט פון דער פּוילישער רעפּובליק, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דעם ערשטן וועלט־פייער, איז געווען די ייִדישע בליונגס־צייט. דאָס איז גיכער געווען אַ צייט פון דעמאָקראַטיזירונג און אויסשפּרייטונג. אונטער דעם אויפגעלעבטן אָדלער פון דיקטאַטאָרישן און רעפּובליקאַנישן פּוילן זענען ייִדן, אַזוי צו זאָגן, געוואָרן טעטיק אין דער ברייט.

די עפּאָכע פון ייִדישן אויפגאַנג און פונאַנדערבליונג האָט זיך גע־ענדיקט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. העכסטנס קאָן מען רעכענען, אַז אָט די שיינע צייט האָט אָנגעהאַלטן ביז פּסח, 1915, ווען עס האָט אויף אייביק פאַרמאַכט זיינע אויגן י. ל. פּרץ.

וועגן אָט יענער צייט און יענער סביבה שרייבט אַלמי אין זיין בוך.

עס ווערט אַלץ שפּעטער אויפן זייגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור

און דערווייל האָט מען נאָך אַלץ ווייניק געשריבן פון יענער צייט און יע־
נער אומגעבונג.

דערפאַר איז אַלמיס בוך זכרונות אַן אַנגעלייגטער גאַסט. פאַר איי־
נעם, וואָס האָט טיף איינגעאָטעמט יענע לופט, בלאָזט פון די בלעטער
מיטן אַלטן וואַרשע. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס די בלעטער זענען נישט
געדיכט גענוג אויסגעפּילט מער מיט דער סביבה, ווי מיט פּערזענלעכע
עפּיזאָדן.

עס איז אָבער שווער פאַר דעם צו האָבן טענות צום שרייבער, וועלכער
האָט, ווי עס ווייזט אויס, באַצוועקט צו געבן „מאָמענטן" פון זיין אייגע־
נעם אויפשטייג אַלס שרייבער פון דער טיפער אָרעמקייט אין די וואַרשע־
ווער געטאָ־גאַסן.

אַלמי, וואָס האָט דאָרט געלעבט און אַ לאַנגע צייט געשריבן אונטער
זיין אייגענעם נאָמען, א. ח. שעפּס, איז נישט קיין „פּראָווינצער" אָדער אַ
„ליטוואַק", ווי מ'האָט אין וואַרשע גערופן כמעט יעדן איינעם, וואָס איז
נישט געבוירן געוועזן אין וואַרשע. ער איז אַ וואַרשעווער געבוירענער, ווע־
מען עס זענען נישט נאָר באַקאַנט די גאַסן, געסלעך, פּאַרקן און ווינקלען,
נאָר אויך די מענטשן, זייער שפּראַך און זייער שטייגער־לעבן.

די באַשרייבונג פון די פאַרשיידענע הויפן און די געוויינלעכע און
אומגעוויינלעכע שכנים, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געשטאָרבן, איז
לעבנס־געטריי און אמתדיק און לאָזט איבער אַן אומפאַרגעסלעכן איינ־
דרוק. דער שמוץ און די אָרעמקייט, די שווינדזוכט, די פּיצטערניש אין די
הייזער, די פאַרשטיקטע שטיבער אָן לופט אין דער געגנט אַרום דער טרוי־
עריק־באַרימטער און מיט בענקשאַפט דערמאָנטער סמאָטשע־גאַס, דאָס
אַלץ שילדערט אַלמי נישט מיט דער ראָמאַנטישער פאַרהערלעכונג פון די
שפּעטער־אַנגעקומענע „ליטוואַקעס", נאָר מיט דער אומגעדולד פון איי־
נעם וואָס איז אין דער' פאַרהאַסטער אַטמאָספערע פון דחקות געבוירן און
זוכט מיט זיינע כמעט קינדישע כוחות פון זיך דעם יאָך אַראָפּצוואַרפן.

צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט נאָך אַ רייכפאַרביק לעבן גייט־אויף אַ
געפיל פון ביטערקייט איבער דעם ווי טיף אין דעם געזעלשאַפטלעכן יידישן
לעבן אין פּוילן ס'איז געווען פאַרוואָרצלט דער אונטערוועלט־מענטש מיט
זיין אייגענעם לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט געקענט לעבן פון פאַרברעכן

און דערביי געפינען וועגן ווי צו טאָן גוטס צו זיינע מיט־מענטשן. די קאַ־טערינקע־שפּילער און גאַסן־זינגער, גנבים און גאַסן־פּרויען, דער סאַדיס־טישער מלמד מיט זיין זון, דער זיידע, דער קאַליקע אויף ביידע פיס — די אַלע העלפן שפּינען דעם חושכדיקן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס באַוויזן זיך אָפּטמאָל ליכטיקע געשטאַלטן, ווי זיין באָבע חיה, טייל פון די שכנים אויף דער דזשעלנע־גאַס און טייל אויף דער אייזן־גאַס, און שפּעטער ווען עס גייען אויף אין זיין לעבן ליכטיקערע מענטשן מיט טיפערע געדאַנקען.

פון אַ באַקאַנטשאַפט מיט כאַצקעלע שפּיגלגלאַס, דעם באַרימטן קע־שענע־גנב, און פון קאַטערינזשעס, פּראָסטיטוטקעס און מעסער־שטע־כער אויף דער ניזקע־גאַס, ווו עס האָבן זיך צווישן עולם אַלעמאָל געמישט אויך פרומע יידן, האָט ער גענומען אַ גרויסע מאָס אייגענעם ווילן און אָנשטרענגונג און לעבנס־חכמה צו שרייבן אין די קינדער־יאָרן לידלעך פאַר קאַטערינקע־שפּילער און דערגרייכן צו פּאָעזיע, זשורנאַליזם און שריפטשטעלעריי. אָבער דאָס איז געווען אַלמיס וועג, ווי ער שילדערט אים אָפּט מיט ערנסט, אַמאָל מיט פּאַטאָס און גאַנץ אָפּט מיט אויסגע־צייכנטן הומאָר, אין די „מאָמענטן" פון זיין לעבן.

אַלמי איז איינער פון די „אַליינינקע". ער גייט זיין וועג אַליין, אָן וועלכער עס איז גרופּע, און דערביי איז ער אַ פאַרשיידנאַרטיקער שרייבער, וואָס נוצט פולשטענדיק אויס זיין פאַרשיידנאַרטיקייט. צווישן די ביכער וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן איז פאַראַן אַ בוך וועגן ספּיריטואַ־ליזם, אַ בוך וועגן רעליגיע, ביכער הומאָר, פּאַראָדיעס און אַנדערע, און זיין פאַרשיידנאַרטיקייט און זוכעניש ווערט פאַרשטענדלעכער און קלאָ־רער, ווען מען באַקענט זיך נעענטער מיט זיין הינטערגרונט, ווי ער גיט אים איבער אין זיינע זכרונות.

פון די באַשרייבונגען פון די וואַרשעווער „קאַליעקעס", די ייִנגלישע „גענגס", פון זיין פּאַטערס בריוו־שרייבן פאַר דערשלאָגענע פרויען, פון דעם וואָס מען האָט אים געשלעפּט אָפּשפּרעכן עין־הרעס, ווייל ער איז גע־ווען אַ בכור, און פון אַנדערע פאַרפּלאָנטערונגען אין די געדיכטענישן פון וואַרשעווער פאָלקס־לעבן, פון דעם אַלעם איז צו זען וואַרשע מיט די אויגן פון אַ קינד און אַ דערוואַקסענעם בחור, וועלכער האָט זיך אַליין אַנטוויקלט

צו דער געוואוינהייט פון טראַכטן און צו דער געזעלשאַפט פון דער ייִדי־שער אינטעליגענץ אין יענעם וואַרשע.

אַזוי ווי זיין פאַטער, וועמען אַלמי באַשרייבט ווי אַ וואַנדראָווניק, וועלכער איז עטלעכע מאָל געפאָרן קיין אַמעריקע זוכן פּרנסה און איז כסדר צוריקגעקומען צו דער היימישער אָרעמקייט, אַזוי איז ער אַליין אויך אַוועק פון דער היים, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון 16 יאָר און האָט, מיט אַ פּעקעלע פאַרבונדן מיט אַ שנירל, זיך אַוועקגעלאָזט קיין קראָקע, קיין ווין, איבער אַנדערע שטעט אין אייראָפּע און איז דערנאָך צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער האָט אָבער שוין אַלס ייִנגל געמאַכט ליטעראַרישע פאַרבינדונגען און איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען אין וואַרשעווער „מאָמענט".

פון דעמאָלט אָן נעמען די זכרונות אָן אַ ליטעראַרישן כאַראַקטער. ער לאָזט איבער דאָס וואַרשעווער פאָלקס־לעבן אַלס דעם הינטערגרונט פאַר זיין שרייבערישער טעטיקייט און ער הייבט אָן דערציילן עפּיזאָדן פון די ליטעראַרישע קרייזן. די עפּיזאָדן זענען אינטערעסאַנט און באַלייכטן די ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע סביבה. ער גיט אינטערעסאַנטע שיל־דערונגען פון אַזעלכע באַקאַנטע זשורנאַליסטן ווי די פּרילוצקיס, צבי און נח, פאָטער און זון; ב. יאושזאָן, איינער פון די דערפאָלגרייכסטע און באַ־קאַנטסטע זשורנאַליסטן פון יענער צייט, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ישׂראל; ער גיט אַ פיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם באַליבטן הלל צייטלין, וועלכער איז אומגעקומען אַ קדוש. ער שילדערט דוד דרוקן, זאַגאָראַדסקין און אַ צאָל אַנדערע.

אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל שילדערט ער פּרצס באַציִונג צו דער יוגנט און ווי ער האָט זי פּערזענלעך דערמוטיקט. אויך הלל צייטלין און זיין היים ווערן געשילדערט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אויסער זיינע באַגעגענישן מיט שרייבער, יונג און אַלט, מיט דינע־זאָנען און ספּעקטאָרן און אַ צאָל יונגע שרייבער, באַדויערט אַלמי דעם גורל פון אַט די צוויי גרויסע שרייבער, וועלכע ווערן כמעט מער נישט דערמאָנט. ער שטעלט אַרויס די גערעכטע טענה, אַז זיי פאַרדינען זיכער נישט אַזוי פאַרשוויגן צו ווערן.

צווישן די אינטערעסאַנטע בילדער פון יענער צייט זענען די שילדע־רונגען פון די פּאָליטישע בירזשעס אין וואַרשע, ווו די אויפקומענדיקע

פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן רעקרוטירט זייערע מיטגלידער און ווי עס זע־נען אָפּטמאָל פאָרגעקומען טראַגי־קאָמישע קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער.

די שטימונג פון דער יוגנט נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער רע־וואָלוציע פון 1905 און די יאָרן נאָכדעם ווערט איבערגעגעבן אין דעם אינטערעסאַנטן קאַפּיטל וועגן סאַניניזם. זיינע אייגענע פּאָליטישע אָנ־שויונגען גיט אַלמי איבער אין דעם קאַפּיטל וועגן ציוניזם און אַנאַרכיזם.

אַ שאָד וואָס נישט דאָס גאַנצע בוך איז געווידמעט צו די זכרונות פון וואַרשע. ס'וואָלט געגעבן דעם בוך אַ באַשטימטע גאַנצקייט. די לעצטע קאַפּיטלען, אין וועלכע אַלמי שילדערט זיינע ערשטע אימיגראַנטן־יאָרן אין אַמעריקע, געהערן אייגנטלעך צו אַ צווייטן באַנד פון די זכרונות. דאָ אין דעם בוך איז דער אַמעריקאַנער טייל אַזוי ווי אַ פאָרהאַנג, וואָס פאַר־הענגט די געשעענישן אין פּוילן.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ פּאַטעטישער שילדערונג פון דעם טויט פון אַ לעבנסלענגלעכן פריינד, דוד דרוק, אין זיין איינזאַמער וווינונג אויף ריווערסאַיד דראַיוו.

אַן אינטערעסאַנטער שטריך אין אַלמיס שרייבן איז, אַז זיין חוש פאַר הומאָר פאַרלאָזט אים קיינמאָל נישט. צעוואָרפן איבערן בוך, דאָ און דאָרט, זענען אַ סך פּרעכטיקע הומאָריסטישע עפּיזאָדן, וואָס גיבן אָפּט דערלייכטערונג אין געשפּאַנטע מאָמענטן.

(„פאָרווערטס", 9טער יולי, 1950).

# א. אַלמי, דער דיכטער און דענקער

פון

## יוסף הלל לעווי

I

אינעם פרילינג פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער אָנגעהויבן צו בליִען און פונאַנדערצושפרייטן זיינע דופטנדיקע קנאָספּן, נאָך אין שניי און רעגן, אין שטורעם־ווינט און אין זונענשיין, אין אַ וועלט פון אויפקום און ווערן.

אַ שלאַנקער מיט אַ בלאַסן פּנים, גרויסע רונדע אויגן, שוואַרץ אַזוי ווי זיינע געלאָקטע האָר פון קאָפּ, מיט אַ שטילן אינטימען קול. אַזוי האָב איך זיך אין קראָקע אינעם יאָר 1908 מיט א. אַלמי (אליהו חיים שעפּס) דאָס ערשטע מאָל געזען און זיך באַלד מיט אים נענטער באַקענט. זיין אָרי־גינעלקייט האָט מיך שטאַרק צוגעצויגן. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דער מחבר (שוין דעמאָלט פון אַ סך פיינע ראָמאַנטישע און פרייהייט־לידער) בסך־הכל ערשט 15 אָדער 16 יאָר אַלט געווען.

אין דער ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטישער וויג פון קראָקע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אויסגעוויגט און אויסגעוואַרעמט די „מלאָדאַ פּאָלסקאַ״, פאַר־כישופט פונעם היסטאָרישן „וואַוועל״, פון דער פּוילישער ווייסל, „קאָ־פּיעץ־קאָשציושקאָ״ און די „פּאַניענסקע סקאַלי״ אונטער די קלאַנגען פון מאָניושקאָ און שאָפּען, און פאַרבן פון שעמיראַנסקי און וויספּיאַנסקי, און צעזונגען מיט די לידער פון אַדאַם מיצקעוויטש און יוליוש סלאָוואַצקי — אין דעם דאָזיקן פוילישן „עלדאָראַדאָ״ ווו ס׳האָבן געלעבט און געשאַפן די באַרימטע פוילישע קלאַסיקער: הענריק שענקיעוויטש, סטאַניסלאַוו וויס־פּיאַנסקי, סטעפאַן זשעראָמסקי, אַנדזשעי פשערוואַ טעטמאַיער, יעזשי זשו־

לאַווסקי, סטאַניסלאַוו פּזשיבישעווסקי, מיט דעם באַרימטן קריטיקער וויל־העלם פעלדמאַן, (וואָס איז לסוף פון זיין פרוי אַזוי טראַגיש אָפּגעשמדט געוואָרן אויפן טויטנבעט) — אין דעם דאָזיקן פּוילישן פאַנטעאָן פון ליטע־ראַטור און קונסט איז א. אַלמי געווען דער ערשטער וואָס האָט מיר אַ לע־בעדיקן גרוס פון וואַרשע געבראַכט. אַ גרוס פון דעם ניי־דערוואַכטן יידיש־ליטעראַרישן לעבן אונטער די ריזיקע אָדלער־פליגלען פון אונדזער גרעסטן יידישן קלאַסיקער, י. ל. פּרץ. און דעם דאָזיקן גרוס האָט ער מיר געבראַכט מיט מילדקייט, זאַנפטקייט און טיפקייט פון זיין יונג־צע־פלאַטערטער לירישער נשמה.

קראָקע, דאָס האַרץ פון דער מאָדערנער פּוילישער ליטעראַטור און קונסט, איז אויך געוואָרן אויף אַ קורצער צייט דער „אַזיל" און די „עליט" פון דער יידישער ליטעראַטור, אַדאַנק דעם צושטראָם פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן נאָך דער אַנידערגעשלאָגענער רוסישער רעוואָלוציע אינעם יאָר 1905, ווייל ס'האָבן דעמאָלט דאָרטן געלעבט און געשאַפן — שלום אַש, אברהם רייזען, א. אַלמי, פישל בימקאָ, בן־א. סאָקאָטשעווסקי, זרובבל, משה טייטש, אברהם וויעוויאָרקע, מאיר ווינער, הערשעלע, כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), נחמן מיפּעלעוו, משה ערליך, בער באָראָכאָוו, ד"ר יצחק שי־פּער, שמואל יעקב אימבער, ד"ר ברענדער, יעקב קענער, מרדכי געביר־טיק, ברוך שאַפּיר, יואל דעמביצער, משה זילבורג, מאַרק אָרענשטיין, ד"ר פישל וואַשיץ, א. ווייטער. די דאָזיקע מיט נאָך אַ ריי פון גאַנץ פּראָמינענ־טע געסט, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט זיך אין קראָקע אויפגעהאַלטן, האָבן שטאַרק משפּיע געווען אויף דעם יידיש־קולטורעלן ניוואָ פונעם דע־מאָלט אָפּגעשטאַנענעם גאַליציע.

די געסט זענען געווען: י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מאָריס ראָזענפעלד, יונה ראָזענפעלד, ד"ר נתן בירנבוים, פריץ מרדכי קויפמאַן און אַנדערע. טאַקע די דאָזיקע השפעה פון איין זייט און די השפעה פון גרשום באַדער, דער רעדאַקטאָר פונעם דעמאָלטיקן „לעמבערגער טאָגבלאַט", פון דער אַנ־דערער זייט, האָבן עס אַן אַקער אויפגעטאָן דעם פאַרוואָרלאָזטן קולטור־רעלן באָדן גאַליציעס, אַזוי אַז ס'האָבן זיך דאַן גענומען פונאַנדערבליען און רייפן די גאַליציאַנער טאַלאַנטן: מלך ראַוויטש, י. ה. לעווי, מ. י. קלי־פּער, דוד ליימאַן, מ. ל. האַלפּערן (פרידאַ האַלפּערן זיין פּסעוודאָנים), א.

מ. פוקס, דוד קלינגהאָפּער, בער האָראָוויץ, אַדעלשלעגער, מ. ווירט, אימן, אשר באַראַש, אורי־צבי גרינבערג און נאָך אַ סך אַנדערע, וועלכע קומען מיר גראָד נישט אויפן זינען.

מיט א. אַלמיס דערשיינען אין קראָקע האָט אַ נייע ערע אָנגעהויבן אין לעבן פון דער שאַפערישער יוגנט, און באַזונדערס אין מיין אייגענעם לעבן. אַלמי האָט די קראָקעווער אַרבעטנדיקע יוגנט באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע פיינע לירישע און ראָמאַנטישע לידער פון ליבע און פרייהייט, און מיך פּערזענלעך מיט א. רייזען, ביי וועלכן מיר פלעגן זיין גאָר אָפטע געסט און זיך ביי אים גאָר היימיש געפילט.

צו דער דעמאָלטיקער צייט האָט אַלמי זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דעם חודש־זשורנאַל „קונסט און לעבן" וואָס רייזען האָט רעדאַקטירט. און אַל־מיס לידער האָבן אויף יעדן אַ שטאַרקן רושם געמאַכט, באַזונדערס מיט זייער טיפער זינלעכקייט, דעם רייכן ריטם און ריים. ווען אַלמי האָט מיר די דאָזיקע לידער אַפּירגעלייענט, בין איך אַזוי נתפעל און גערירט געוואָרן פון זייער שיינקייט, אַז ווען איך וואָלט זיך דעמאָלט נישט געוועז געשעמט פאַר אים, וואָלט איך זיך צעוויינט. די געפערלטע ווערטער און קלאַנגען האָבן זיך נאָך ביז היינט נישט אויפגעהערט צו וויגן אין מיין האַרצן, איך הער און פיל זיי נאָך אָפּטמאָל פונקט אַזוי שטיל און ציטערדיק ווי ער האָט זיי מיר דעמאָלט זינגענדיק אַפּירגעלייענט.

אין וועלטן פון טרויער, פיין, רעזיגנאַציע האָט אַלעמען אַריינגע־בראַכט דאָס ליד „און טרוימסטו אַ ווילע". ס'איז געווען אַ טיפער לי־רישער אויסדרוק פון אַ יוגנטלעך אומבאַוווסטן צער, נאָך דער אין בלוט־דערטרונקענער רעוואָלוציע אינעם דעמאָלטיקן צאַרן־רוסלאַנד, וואָס האָט די גאַנצע אינטעלעקטועלע און שרייבערישע וועלט אויפגעשווידערט. עס איז באמת וווּנדערלעך, וואָס דער דעמאָלט 15 אָדער 16 יאָריקער אַלמי האָט פון זיך שוין אַרויסגעבראַכט אַזעלכע טיף דורכגעפילטע קלאַנגען אויף אַ פשוט ווירטואָזישן אופן.

איך וואָלט דאָ געקענט אַ סך שנירלעך פון אַזעלכע טייערע לידער־פּערל פונאַנדערציען, פון וועלכע מיין ווייניקייט מיט פיל אַנדערע גאַלי־צישע דיכטער האָבן זיך פשוט געלערנט: פריי, ריטמיש, קלינגענדיק און זינגענדיק — צו זינגען און צו זאָגן, גלאַטיק אָן אָנשטרענגונג, מיט דער

איינפאַכסטער שפּראַך די טיפסטע געדאַנקען און געפילן אַרויסצוברענ־גען. געדאַנקען־קלאָרקייט, עמאָציאָנעלע בילדלעכקייט, פּרייער פּשוטער סטיל און אויפריכטיק לירישע טיפקייט — דאָס איז א. אַלמיס אָנהייב געווען.

אָבער וועלכע אויסקלייבן, אַז אַלע רייצן און מאָנען?

II

אַז אַלמי האָט ביז גאָר פיינט דאָס קריכן אויף גלייכע ווענט, און דאָס טאַנצן אויף שטאַרק געשפּאַנטע שטריק, זענען די בעסטע עדות: די איינפאַכע אין דער פאָרעם, אָבער טיפע אין געדאַנק — די אוניווערסאַלע לידער פון דעם בוך „געזאַנג און געוויין“ (אַרויסגעגעבן פון שרייבער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1943). דאָס דינע לידער־ביכל פון סך־הכל 47 זייטלעך זאָגן מער ווי אַ סך לידער־ביכער מיט זייערע רעוואָלוציאָניזירטע און ני־היליזירטע ווערסיפיקאַציעס, מיט די אַלע כלומרשט ניי־געשאַפענע ווער־טער און פאָרמען.

עס איז איבער אַלמין שוין אַ סך געשריבן און געאויסערט געוואָרן אויף דעם חשבון פון זיין אַלזייטיקייט און גרויסע פּראָדוקטיוויטעט, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק, מחמת תמיד איז אַלמי גרינטלעך, פּינקטלעך און עקזאַקט. דער פּשוטער אופן פון זיין עסייִסטיק, דיכטונג און בכלל אַלע זיינע פּראָזע־שאַפונגען זענען עדות אויף זיין אַלזייטיקער אָריגי־נאַליטעט.

ווען אַלמי זינגט איבערן געטאָ צעגיסט ער זיך נישט ווי די אַלטע מקוננים. ער קלאָגט נישט, שרייט נישט און שטורעמט אויך נישט, נאָר כמעט פון אַ טיפער אַלימפּישער רו ווערט געפירט זיין געדאַנק און געפיל ווען ער זינגט:

לענג־אויס צעקרימטע געסלעך — די דיקע געטאָ־מויער,
דער ווינט רייסט בייז דעם שווערן, שוואַרצן שלאָס.
ס'איז מיטן נאַכט. ווער קלאַפּט? עס קלאַפּט אַ האַנט אין טויער:
שטייט אויף געפּייניקטע, שטייט אויף צו חצות.

## א. אַלמי־בוך

שטייט אויף צו קללה אויפן שונא און צו תפילה, —
שטייט אויף און קלאָגט אַרויס פון זיך דעם צאָרן און דעם גיפט.
זעט: אויפגעוויקלט איז דער הימל־רוים ווי אַ מגילה
און ס׳ברענט דורך פינצטערניש די שטערנשריפט.

די שריפט דערציילט, דערציילט פאַרצייטישע באַלאַדן —
צי הערט איר ניט די טריט די שווערע דורך דעם געטאָ־צוים?
חיילות... מחנות... אנטיוכוס... נבוזרדן...
טריומף־געשריי: פון פרס און פון רוים.

די זעלבע שטערן האָבן דעמאָלט אויך פאַרשריבן:
דעם אָנהייב און דעם סוף פון קריגער־מאַרש דורך שטאָט און פעלד.
פאַרטריבן זענען די, וואָס האָבן אייך געטריבן,
און איר — אין געטאָס — זייט געוואָרן וועלט.

מען מוז שוין באמת אַ סך פאַרמאָגן כדי אַזוי פיל אומרו אַזוי רויִק אויסצודריקן. אומעטום איז אַלמי דער דיכטער אַ דענקער, און דער דענקער איז דיכטעריש אויסגעוויגן און אויסגעמאָסטן ביז צו די העכסטע אָק־טאַוון און טיפסטע ניואַנסן. ער קאַרגט מיטן וואָרט, אָבער זיין וואָרט איז רייך אין געפיל און געדאַנק. אינעם ליד: „וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אַ גאָט?“ דריקט אַלמי אויס זיין לירישן פּאַנטעיִזם, ווען ער זינגט:

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אַ גאָט?
דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אַ שטאָט,
דער פולווער, וואָס צערייסט אַ לייב —
זיי זענען דיין — דיין צייט־פאַרטרייב.

נישטאָ איז דאָך קיין אַנדער קוואַל
פון ליכט און פרייד, פון גיפט און גאַל,
פון ווילדן אויפברויז און פון רו
חוץ דיר, אַ גאָט — דען אַלץ איז — דו.

יאָ, אַלץ איז דו, און דו ביסט אַלץ:
דער בוים, דאָס גראָז, דאָס ברויט, דאָס זאַלץ,
און אויך דער חלף אויפֿן האַלדז
און ס׳חיהשע געברום דעם וואַלדס.

קלאַסיש איז דאָס ליד „די געלע לאַטע“. דאָרט ווערט אין אַ צימצום פֿון וואָרט, בילד און געפֿיל אויסגעדריקט די גאַנצע דעגענעראַציע פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָרטן ווערן גאָט, מענטש און וועלט דעגראַדירט אויף אַ קאַלטן שניידנדיק פּראַסטיקן אופֿן:

צום הימל האַלט אַזוי געווענדט דיין שטאָלצן בליק,
און מיט דיין בליק קריץ אויס די בלאָע דאַטע:
יאָר גיינצן־פּערציק — צייט פֿון ראַדיאָ, עראָפּלאַן
און געלער לאַטע.

דער זעלביקער סאַרקאַסטישער טאָן ווייעט אויך פֿון דעם ליד „איוב“:

דורות לעשן זיך ווי שטערן,
צינדן זיך שוין מער נישט אָן;
מיט קינס צייכן אויפֿן שטערן
זיצט אל שדי אויפֿן טראָן.

ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט זינגט אַלמי דאָס ליד „באַהעפֿטונג“, וואָס דריקט אויס דעם אייביקן דראַנג פֿונעם פֿאַרגענגלעכן נאָך דער אייביקייט, פֿון דער אייביקער אומרו נאָך האַרמאָנישער רו. ס׳איז אַ מין וועלן אויפֿלייזן זיך אין קאָסמאָס, אָדער דעם קאָסמאָס אין אייגענעם איך...

צי וויל דאָס גרעזל זיין אַ וואַלד?
איך וויל זיין — מיליאָנען;
איך וויל מען זאָל אין מיין געשטאַלט
מיין אייביק פֿאָלק דערקאָנען.

איך האָב געוואָלט אין זיך אַליין
די גאַנצע וועלט באַהאַלטן;
געזען בלויז אייגענעם געביין
אין אַלערליי געשטאַלטן.

שווער צו זיין איין גראָז אין פעלד,
איין בוים, אָן ברידער־ביימער.
און שווערער נאָך — אַ מענטש אָן וועלט,
אַ ווייטער און געהיימער...

מיט קלאַסישער שיינקייט שטראַלט דאָס ליד „יעקב גייט". עס לייענט זיך שפּילנדיק, שפּרודלדיק און שימערירנדיק. ס'איז אַ מין אידישע האַרמאָניזאַציע פון יידיש־יידישער פאַנטאַסטיק און ווירקלעכקייט.

איך קען זיך נישט אָפּהאַלטן דערפון עס נישט צו ציטירן הגם איך פאַרנעם אפשר צופיל פּלאַץ מיט ציטאַטן, איז אין דעם פאַל בעסער צופיל ווי צו ווייניק. ווייל דאָס וואָס איין אמתע דיכטערישע שורה זאָגט — זענען אַפילו צען קריטיקן פון בעסטן סאָרט נישט ביכולת צו דערזאָגן.

ויצא יעקב — יעקב גייט,
ווערט אויף וועגן אַזאַ פרייד.
אַזאַ פרייד, אַזאַ געזאַנג —
אין זיין גאַנג.

פון באר־שבע ביזקל חרן
בלאָזט דער ווינט, ווי אין אַ האָרן:
מאַכט אַ וואָרע, זייט געגרייט —
יעקב גייט!

בייגן ביימער איין די צווייגן
מיט די טייטלען, ניס און פייגן,
כיבוד פיינעם ווי עס פּאַסט
אַזאַ גאַסט.

זינגען זאַנגען אים אַ זמר.
קינדער, רינדער, עופות, לעמער,
הוליען — טוליען זיך מיט פרייד
צו זיין קלייד.

קוועלן קוואַלן, לאַכן זאַכן —
שטויבן, דרויבן אויף די שליאַכן,
און ס׳באַגלייט דעם פאַסטעכס פלייט:
יעקב גייט!

דאָס דאַזיקע ליד איז באמת אַ פּערל אין דער יידישער פּאָעזיע. עס סטימולירט גרויס און קליין, און וואָלט זיך געדאַרפט געפינען אין יעדן שול־ביכל און אין יעדער אַנטאָלאָגיע.

פון אַ גאַנץ באַזונדערער פּאָלקסטימלעכער שיינקייט און בשמימדיקן אַראָמאַט איז געווירצט און געפלאָכטן די פּאָעמע: „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״. עס קלינגען פון איר אַרויס די פיינע צעשפּילטע טענער פון אַ חסידיש־לומדישער אידעאַליזאַציע, אויסגעמישט מיט פּאָעטיש־פּאַטעטישן מגידיזם. די פּאָעמע איז געוועבט מיט די גאָלדענע פעדים פון ליבע פון חסידיזם, מיט דער עלעגישער חכמה פון קהלת און די משלים־רייכקייט פון די „פּרקי אָבות״. איך וועל ברענגען בלויז אַ פּאָר סטראָפן פון דער דאַזיקער פּאָעמע, ווי אַן אילוסטראַציע:

אַלע טעג זענען הייליק,
יעדער טאָג האָט אַ חלק
אין מי פון יצירה.
אַלע טעג זינגען שירה —
דורך אַרבעט, דורך מי,
צום בורא יהי.

דאָ ווייעט פריש די הייליקייט פון יעדער שורה, וואָרט און אות. ס׳איז אַ מין אַפּאָטעאָזירן פונעם בראשית און דעם אין סוף.

עקספּרעסיוו און פאַסצינירנדיק איז אויך דאָס ליד „סוד און דרוש״:

## א. אַ ל מ י ־ ב ו ך

יעדער פויער איז אַ למדן
אין דער ערד, אין אירע זאַמדן,
ווי ס׳איז דער בן־תורה — אויבן.
ביידע זענען גלייך דערהויבן.

ס׳איז די ערד, דעם פויערס ספר
און ער וייס: ס׳איז אפר... עפר.
מענטשנס מי און בוראס רצון
מאַכן שורות תבואה שפּראָצן.

דער זעלביקער סטיל, כּישוף און ריטם ליגט אויך אין די לידער „יידיש גרינס״ און „על הניסים״. און ווי שוין געזאָגט: איז די גאַנצע פּאָעמע אָנגעזאָפּט מיט דופּטיקער אידילישער היימלעכקייט און הייליקייט.

בכלל לאָזט זיך זאָגן, אַז אַלמיס געזאַנג איז כּמעט תמיד לויטער און דורכזיכטיק ווי אַ טיפער פלוס וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם הימל מיט דער ערד. זיין שפּראַך איז איינפאַך, פאַרשטענדלעך. קיינמאָל נישט פאַרקרימט און פאַרדרייט מיט די מכלומרשטע צעשפּאָלטענע ווערטער־זשאָנגליזמען, וואָס ווילן נאָר דערוועקן און מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ מין געהיימנישפולער טיפקייט און גרויסקייט, וואָס דער לייענער קען זי קיינמאָל נישט דערגיין און פאַרשטיין, מחמת דער דיכטער האָט זי אויך נישט באַזעסן, אָדער זי יאָ פאַרמאָגט און נישט געקענט קלאָר אַרויסברענגען. אַלמיס גרעסטע קונסט בלייבט טאָקע זיין פּשטות. מיט אַ ווירטואָזער געשיקטקייט קען ער אויסדריקן דעם טיפסטן געדאַנק און געפיל. מיט דעם איינפאַכסטן וואָרט. ער איז אָפּט אַזוי העל ווי די זון, און טונקל ווי די וואָלקנס פון הימל וועלכע שוועבן איבער דער ערד.

דיכטונג איז ביי אים אַ צונויפגעוועב פון געפיל און געדאַנק, וואָס מוז פון דעם דיכטערס אינטעלעקט קריסטאַליזירט און האַרמאָניזירט ווערן.

אַלמי — האָב איך תמיד דעם איינדרוק — פאַרשטייט די דיכטונג ווי קלאָבונד, וועלכער האָט געזאָגט: „אַז זי קומט פון גאָט, און לעבט אין

גאָט, זי שאַפט מאַגיש די גרויסע פאַראייניקונג צווישן זאַכן און גייסט, צווישן דענקען און זיין, צווישן וועלט און שעפער. זי דערזעט אין פאַר־ביקן אַפגלאַנץ דאָס לעבן, און די נאַטור האָט ביי איר נישט קיין קערן און קיין שאָל. מען וואָלט געקענט ספינאָזאָס אַ וואָרט באַנוצן: „די דיכ־טונג איז נישט קיין פאַרשטופע צו אַ נשמהדיקער עולם־הבא, נאָר זי איז דער עולם־הבא גופא. אָדער דער עולם־הבא איז גאָר דער אַנדערש דער־זעענער עולם־הזה... גאָט איז דער גייסט, און זיינע מלאכים זענען די דיכטער". אַלמי וויל נישט דערוועקן דעם איינדרוק, אַז ער רייסט זיך צו זיין דאָס וואָס ער איז נישט.

ווייל נישט מיט קיין געקינצלטע און פוסטע פאָרמאַליסטיק, סטי־ליסטיק, ווערסיפיקאַציע און הוילע ווערטער אַפערירט אַלמי, נאָר מיט דער פאַרבונדנקייט פונעם אוניווערז; מיט אַלע זיינע ווירקונגען וואָס זענען גורם די אַלע אַקטואַליטעטן פון מענטש און וועלט. אַלמי האָט פיינט דעם עקסטראַוואַגאַנטיזם, דאָס פאַזירן, קלעטערן אויף שטאָלצן. מיטן איינפאַכסטן וואָרט ברענגט ער אַרויס דעם טיפסטן געדאַנק און געפיל, די אינערלעכסטע מוזיק פון דער פאָעזיע. און פונקט אַזוי צעבליט און צעוואַקסן ווי זיין פאָעזיע איז אויך זיין עסייִסטיק, דיאַלעקטיש לייכט און זינלעך טיף. די קנויל פון געפילן און געדאַנקען האַלט ער אין איין פאַרוויקלען און אויפוויקלען; פילאָסאָפיש לאָגיש, און ליריש דראַמאַטיש. ווייל ער איז אַ שטענדיקער זוכער און פאָרשער, אַ נאַטוראַליסט און אַ ראָמאַנטיקער, אַ ראַציאָנאַליסט און איראַציאָנאַליסט, אַן אינדיווידואַ־ליסט און קאָלעקטיוויסט, אַ סקעפּטיקער און אַ מיסטיקער, אַ געבוירענער אַנאַרכיסט וואָס איז אין זיך כולל אַלע געוואַלטן, און איז קעגן יעדער געוואַלט...

III

אינטויִציע און ערודיציע גייען ביי אַלמין פאַראַלעל. ער איז פיל־זייטיק, אָבער קיינמאָל נישט אויבנאויפיק. זיינע שאַפונגען טראָגן אין זיך דעם רייץ פון פריש־צעבליטע פירות; אי זיי זענען שיין, אי זיי זענען נוצלעך. באַזונדערס שאַרף איז זיין עסטעטישער חוש פאַר דער גרויסער

מענטשלעכער קונסט; אָבער נישט סתם פאַר דער גוייִשער „קונסט פאַר קונסט״, נאָר פאַר דער ייִדישער קונסט לשמה... וועלכע לייכט אונז איז תמיד באַלויכטן מיט דעם פלאַם פון גערעכטיקייט און גוטסקייט...

אַלמי, דער דיכטערישער דענקער, איז אַ כסדרדיקער קעמפער פאַר אידייען אין דעם רוב פון זיינע שריפטן, ער קעמפט פאַר דער ייִדיש־ייִדי־שער טראַדיציאָנעלישקייט און איר פאָלקסטימלעכקייט, פאַר דעם פרייען סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישן געדאַנק; ער קעמפט פאַר דער טיפערער רע־ליגיאָזיטעט אין לעבן און פאַר דער לעבנדיק־טיפער רעליגיע. ער קעמפט פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווייל זי דריקט אַמשטאַרקסטן אויס די לענגסטע צייט פון נאַציאָנאַלן לעבן וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט דורכגעלעבט (נישט אין ארץ־ישראל און נישט אויף העברעיִש), נאָר אין גלות מיט אַלע זיינע האָפענונגען און אַנטוישונגען, נצחונות און מפּלות, פּחדנות און העראָיִזם.

זיין פאַרטייאיש און דיכטעריש קרעדאָ איז זיין איבערפאַרטייִ־אישקייט און ריינע פּאָעזיע, וועלכע איז און בלייבט דער אייביקער טיפסטער קוואַל פון דער פילאָסאָפיע.

## IV

זיינע ערשטע זאַכן האָט א. אַלמי פּובליקירט: אין „ראָמאַנצייטונג״, וואַרשע 1907, אָבער פריִער נאָך געשריבן לידער זינט דעם עלטער פון 9—10 יאָר, וואָס גאַסנזינגער האָבן ביי אים אָפּגעקויפט (פאַרשטייט זיך פאַר אַ נישט צו הויכן פּרייז) און זיי דערנאָך געזונגען אין די הייזער. שפּעטער פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, דערונ־טער פּרצעס זאַמלביכער „אידיש״. אין נאָוועמבער 1910, ווען ס׳הייבט אָן דערשיינען אין וואַרשע „דער מאָמענט״, ווערט אַלמי דאָרט אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער, אַ פעליעטאָניסט און רעדאַקטאָר פון דער הומאָריס־טישער אָפּטיילונג. ער דרוקט דאָרט אויך פּובליציסטישע אַרטיקלען און אַ סעריע מעשיות פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע״ פון 1863, וועלכע ש. הירשהאָרן האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש און זיי זענען דערנאָך אַרויס אין בוך־פאָרעם (אויף פּויליש). 1908 קומט אַלמי אין קראָקע. פאַרעפנט־

לעכט זיינע לידער אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט", „אידישער אַרבייטער", „לעמבערגער טאָגבלאַט" און א. רייזענס „קונסט און לעבן", און איז שטאַרק משפיע אויף דער קראָקעווער יידישער יוגנט און יונג־גאַליציע.

סוף 1912 האָט אַלמי אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָרט געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָגבלאַט", דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין „קונדס", „דאָס אידישע פאָלק", „פרייע אַרבייטער שטימע" (שטענדיקער מיטאַרבעטער פאַר קרוב 30 יאָר), אין „טאָג", „פאָרווערטס", „אידישער קעמפער", „אונדזער וועג", „מאָרגן־זשורנאַל". יאָרנלאַנג געשריבן אַ וועכנטלעכן „קאָלום" אין „ניו־פּאַלעסטיין", „הדואר", „קענעדער אָדלער", „אידישע צייטונג", „שפּיגל" (אַרגענטינע), „צוקונפט" און אין „אַמעריקען היברו", געווען רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „דער קוואַל", „עפּאָכע" (צוזאַמען מיט י. י. סיגאַל), „היומען סאָסייטי" (אַרויסגעגעבן פון ספּינאָזאַ־אינסטיטוט פון אַמעריקע). דער דאָזיקער אינסטיטוט האָט אויך אין יאָר 1948 אַרויסגעגעבן: „מיי קרעדאָ", וואָס אַנטהאַלט אַ רעזומען פון זיינע אידייען, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק. פאַרעפנטלעכט 25 בענד עסייען אויף פילאָסאָפישע און קינסטלערישע טעמעס, 6 בענד לידער, דריי בענד עסייען אין ענגליש, קורצע דערציילונגען, פעליעטאָנען און פּאַראַדיעס. ער האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור (דער ערשטער אויף דעם געביט) דעם אָריענט מיט אַזעלכע ווערק ווי: „בודאַ", „אויפן וועג פון די געטער", „די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע".

א. אַלמי האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די פילאָסאָפיעס פון אינדיע, כינע, פּערסיע און דאָס אַנטיקע מצרים. ער איז אויף דעם געביט געווען אַ פּיאָנער. פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע בוך אין יידיש וועגן השארת הנפש („די צווייטע עקזיסטענץ").

געשריבן וועגן א. אַלמין האָבן פאָלגנדיקע שרייבער און קריטיקער: ש. ניגער, לודוויג לוויסאָן (אין ענגליש), ד"ר א. מוקדוני, הלל צייטלין, יעקב באָטאָשאַנסקי, משה גראָסמאַן, ח. פרידלאַנד (דער העברעישער פּאָעט), ד"ר א. ראָבאַק (ענגליש), נח פּרילוצקי, ש. ל. שניידערמאַן, אברהם רייזען, ד"ר ה. ל. גאָרדאָן, ש. איזבאַן, ש. טענענבוים און אַנדערע. די קריטיקער פון כמעט אַלע וויכטיקע ענגלישע צייטונגען האָבן זיך מיט גרויס לויב אָפּגערופן וועגן אַלמיס ענגלישע ווערק.

א. אַלמי איז אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער פילאָסאָפישער אַסאָציאַציע, צו וועלכער עס געהערן אויך פילאָסאָפן פון אייראָפּעיִשע און אָריענטאַלישע לענדער. לעצטנס האָט אַלמי אויך אויפגערודערט די אינטעלעקטועלע וועלט מיט אַן עסיי, ווו ער באַווייזט אַז ברוך ספינאָזאַ איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט, נאָר איז דערמאָרדעט געוואָרן, און אַז דער מאָרד איז פאַרשוויגן געוואָרן, כדי נישט צוצעשטערן די לעגענדע פון דער קריסטלעכער טאָלעראַנץ, וואָס האָט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס דעם קרבן פון דער ייִדישער אומטאָלעראַנץ.

די אָפּהאַנדלונג איז געדרוקט געווען אין „הדואר" און די ענגלישע און ייִדישע פרעסע האָט עס באַלד אויפגעכאַפּט. די אָפּהאַנדלונג איז אויך אַרויס אויף ענגליש, אין אַ בראָשור. באַוווּסטע ספינאָזאַ־פאָרשערס האָבן זיך אויסגעדריקט: אַז ווען אַפילו איינער זאָל נישט אָננעמען אַלמיס באַווייזן, שטעלט ער אָבער אַרויס אַזעלכע אומגעריכטע קשיות, אַז מען וועט מוזן רעווידירן די ספינאָזאַ־ביאָגראַפיעס, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די קרוב 300 יאָר זינט ספינאָזאָס טויט.

די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַלמיס עטלעכע בראָשורן אין ייִדיש און ענגליש און אַ גרעסערע בראָשור „פּאַן־אָריענטאַליזם" (1939) ווו אַלמי שלאָגט פאָר אַ נייע אָריענטאַציע אויפן אָריענט, אַנשטאָט אויפן אָקצידענט.

V

אַזוי ווי עס רוקט זיך אָן א. אַלמיס 60־יאָריקער יובליי און ווען איך דענק צוריק מכוח מיין יוגנט מיט מיינע מיטצייטלער, גייט מיר אויף ווי אַ גאָלדענער שטערן מיין טייערער יוגנט־פריינד א. אַלמי מיט זיינע פרישצעבליטע דופטנדיקע און קלינגענדיקע לידער. עס נעמען מיך געפאַנגען זיינע רעוואָלוציאָנער־לירישע אַקאָרדן, וואָס שטראַלן פון זיך אויס די גרויסע אמונה און טיפן בטחון אין מענטש, ייִד און וועלט־באַפרייונג. עס פאַרוויגט מיך זיין שטילע רו און אומרויִקע שטילקייט, זיין איינזאַמע פרייקייט און פרייע איינזאַמקייט, זיין גלויבן אין ליבע און די ליבע פון גלויבן.

און ווידער שפּאַציר איך מיט מיין ליבן יוגנט־פריינד אַלמי פּעסט גע־אָרעמט אויף די קראָקעווער „בלאָניעס". מיין פריינד רעדט און עס ווערן פאַרשוווּנדן אַלע גרענעצן און ראַגאַטקעס, וואָס טיילן פאַנאַנדער פעלקער און לענדער. עס ווערט בטל דאָס געפיל פון מיין און דיין. אַלץ געהער צו אַלעמען, און איבער אַלעם איז אויסגעשפּרייט איין פרייער, ליכטיק־בלויער הימל, וואָס פאַרוועבט זיך מיט דער ערד.

פאַר מיר בלייבט אַלמי די דינסטע און פיינסטע מעלאָדיע פון דער יוגנט, ליבע און פרייהייט, און זאָל אים טאַקע די אייביקע יוגנט, ליבע און פרייהייט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, נאָר אויף ווייטער געבן אים כוחות אויסצוזינגען און אויסצוזאָגן דאָס גרויסע ליכטיקע וואָרט, נאָך וועלכן עס בענקט זיין פרייע נשמה און די נשמה פון אַלע פרייע...

(„יידישע שטימע", לאָנדאָן, 25 יולי, 30 יולי און 8ער אויגוסט, 1952)

# די וואַנט

פון

## דוב סדן (תל־אביב)*

...ס'איז שווער צו דערקלערן פאַרוואָס אַ סך, אַ סך יידישע שרייבערס, וועלכע לעבן נאָך און וועלכע זענען פּראָדוקטיוו, זענען נישט באַקאַנט דעם העברעישן לייענער פון זייערע צייטונגען. נעמט, למשל, דעם שריפטשטעלער א. אַ ל מ י, וואָס טייל פון זיינע שאַפונגען זענען געדרוקט געוואָרן אין דער היגער העברעישער פּרעסע (אויך אין „הפּועל הצעיר"), אָבער וועגן אים אַליין איז כמעט קיין וואָרט נישט געווען, כאָטש שוין צענדליקער יאָרן ווי זיינע זאַכן ווערן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן און ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אַרום פינף און צוואַנציק ביכער.

אַלמי איז געבוירן געוואָרן אין דער יידישער וואַרשע. זיין אייגנטלעכער נאָמען איז א. ח. שעפּס (נישט צו פאַרמישן מיט שבתאי. שעפּס האָט מען אויך גערופן די, וואָס שטאַמען פון דעם פּוילישן שטעטל שער־

---

* דוב סדן, פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט איבער דער ישראל־ראַדיאָ („קול ישראל") געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן א. אַלמי. מיר דרוקן דאָ איבער מיט פאַרקירצונגען דעם רעפעראַט, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „הפּועל הצעיר" (תל־אביב). דער רעפעראַט הייבט זיך אָן מיט דער קשיא, פאַרוואָס אין דער העברעישער פּרעסע אין ישראל ווערט וועגן טייל יידיש־שרייבערס יאָ געשריבן און וועגן אַנדערע — נישט. אָן מאַני לייבן, למשל, האָט מען זיך דערמאָנט ערשט נאָך זיין טויט און אָן משה־לייב האַלפּערן — ערשט צו זיין 20סטן יאָרצייט.

ווי די לייענערס וועלן זען, רעדט פּראָפ' סדן דער עיקר וועגן אַלמיס זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן".

פּעץ). ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער סביבה פון פֿאָלקס־מענטשן. פון זיין קינדהייט אָן האָט אים געצויגן צו פּאָעזיע. אין זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן איז ער געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די וואַנדערנדיקע טרו־באַדורן. ער האָט צוערשט פאַרפאַסט פאָלקס־לידלעך, וואָס האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט אין דער יידישער גאַס. דאָן באַקענט ער זיך מיט דער יידי־שער ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט געווען אין איר בליפּעריאָד. י. ל. פּ ר ץ איז אים מקרב צו זיך און צו זיין קרייז. פון דעמאָלט אָן ווערט ער אַ שריפטשטעלער און אַ זשורנאַליסט, וואָס זיין שעפערישקייט האַלט נאָך אָן ביז איצט.

דער, וואָס וויל זיך באַקענען מיט אַלמיס לעבנס־וועג, קאָן ער דאָס אויפן בעסטן אופן דערגרייכן דורך לייענען זיין זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן". פון אָט־דעם בוך וועט ער זיך דערקונדיקן פאַרוואָס אַלמי איז אין זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן געוואָרן נ ח פּ ר י ל ו צ ק י ס נאָ־ענטסטער מיטאַרבעטער אין זאַמלען פאָלקס־לידער, באַזונדערס צווישן די „נידעריקסטע" פאָלקס־שיכטן און אַפילו אין דער אונטערוועלט. פון די שילדערונגען אין דעם בוך וועט דער לעזער פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין וועג איז געווען — און איז נאָך איצט — ווי יוצא־דופנדיק; פאַרוואָס ער איז גענייגט צו ספּיריטואַליזם און פאַרוואָס ער האָט אַמאָל געזוכט אַ סינטעז צווישן אַנאַרכיזם און ציוניזם.

אַלמיס סטיל איז אַזאַ, וואָס אַפילו אַ שווערער געדאַנק דערשיינט פאַר אונדז אין אַ לייכט־פאַרשטענדלעכן לבוש, גאַנץ אָפט באַגלייט פון הומאָר. דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און קערנדיקער נוסח פון שרייבן איז בולט אויף יעדן בלאַט פון זיין זכרונות־בוך, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון אַ קינד פון אָרעמקייט. לאָמיר אייך ברענגען קורצע ציטאַטן פון איין קאַפּיטל:

„אַרום פיר יאָר צייט איז צווישן מיר און דער וועלט געשטאַ־נען אַ וואַנט, אַ דיקע, גרויע וואַנט. דאָס איז געווען אויף ניזקע גאַס, נומער 43. ניזקע און די שכנותדיקע גאַסן, סטאַווקע, סמאָטשע, וואָלינסקע, קאַרמעליצקע, גענשע, צום יידישן בית־עולם צו — דאָס זענען געווען די נעסטן פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט.

אָרעמע באַלמעלאָכעס, טרעגערס, גאַסן־הענדלערס. ווי אויך א צו־
מיש פון דער אונטערוועלט, וואַלגערן זיך צוזאַמען אין די גאַסן
און הייזער, אַן פרייד, אַן האָפענונג, אַן דעם באַוווסטזיין אַפילו
פון עפּעס בעסערס און שענערס...״

„אונדזער דירה — אפשר פיר שפּאַן אינגאַנצן — און איין
פענצטער אויף אַ דיקער, גרויער וואַנט אַרויף... קיין ליכט, קיין
טראָפּן זון קומט קיינמאָל אין אונדזער שטוב נישט אַריין... די
מוראדיקע וואַנט! ביז היינט שרעקט זי מיך. ביז היינט זע איך זי
אין חלום — און איך כאַפּ זיך אויף מיט שרעק. און אַפילו, ווען
איך זע זי נישט, פיל איך זי. מיר דאַכט זיך אַמאָל, אַז צווישן מיר און
דער גרויסער ליכטיקער וועלט שטייט נאָך יענע דיקע, פינצטערע
וואַנט״.

„די וואַנט איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס איז טרויע־
ריק און שלימזלדיק אין מיין לעבן, אָבער נישט אַ סימבאָל — אַ
מליצה... זי איז ממשותדיק. זי איז מיין פּערזענלעכער כותל־
מערבי, וואָס דערמאָנט מיר אָן די חורבנות פון לעבן, אָן צעבראָכענע
פריידן און האָפענונגען, אָן צעשטערטע אַמביציעס...״

אָבער אויפן פינצטערן צאַם, אין שאָטן פון דער וואַנט, אין שאָטן
פון „כותל״ רייסן זיך אויך אַריין קליינע שמייכלדיקע שטראַלן, וועלכע
גיבן כח און מעגלעכקייט צו לעבן אַזאַ לעבן, וואָס דער מחבר און זיינע
אַרומיקע האָבן טועם געווען. אין דעם טרויער האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן
פריידן, אויך אַביסל שפּאַס:

„אין די זומער־נעכט שלאָפט מען אין דרויסן, אויפן הויף —
מענער, פרויען, קינדער, בחורים און מיידן — אַלץ האָט זיך גע־
וואַלגערט אויף דר׳ערד, אויף וועגענער... מען האָט אַזוי ליגנדיק
אין דרויסן זיך דערציילט מעשיות, וויצן, געזונגען לידלעך. בעת־
מעשה פלעגן קעץ שפּרינגען איבערן עולם. טיילמאָל, אַז דער עולם
איז שוין געשלאָפן, פלעגט אַ בחור פאַרבלאָנדזשען צו אַ מויד —
און קיין מחיצות זענען דאָך נישט געווען...״

און וואָס מער מיר פאַרטיפן זיך אין דעם בוך, אַלץ נענטער און בע־סער באַנעמען מיר דאָס לעבן אין די געסלעך (אַן אויסגעצייכנטער ביי־שפּיל איז די שילדערונג פון אַלמיס פאָטער, זיינע שווערע איבערלעבונגען אויף אַן אָקסן־שיף). מיר באַוווּנדערן די יינגלעך, וואָס ווי זיי, האָט דער שרייבער פון די זכרונות אויסגעטראָטן פאַר זיך אַ וועג צו לערנען, צו וויסן, צו שאַפן, פריער אין פוילן, דערנאָך אין אַמעריקע. אונדז ווערט קלאָר די לעבעדיקע אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור און אירע פירנדיקע פערזענלעכקייטן, ווי י. ל. פרץ און הלל צייטלין, וועלכע האָבן משפּיע געווען אויפן לעבן אין די דאָזיקע גאַסן. יאָ, די ליטעראַטור האָט די איינ־וווינער פון די אָרעמע געסלעך געגעבן לעבנס־כח.

אויך אין אַלמיס לידער־זאַמלונג „געזאַנג און געוויין" זענען דאָ לי־דער, וואָס גיבן אַ ווענזנטלעכן אויסדרוק דעם טרויער און די ליידן פון אַ ייִדן אין אונדזער דור. לאָמיר דאָ ברענגען איינס פון די דאָזיקע לידער, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די וועלט אין „ליכט" פון אונדזער אומ־גליק:

פאַמעלעך לעשט זיך אויס די זון אין געלן גאָלד.
די פעלדער זויגן שטראַלן — זאַטע;
לעצט ליכט... לעצט גאָלד... די זון אין מערבֿ־האָריזאָנט —
אַ געלע לאַטע.

די נאַכט קומט־אָן מיט שטילע, טרויעריקע טריט.
די לבנה שאַרט זיך, ווי פאַרשעמט, אַ מאַטע;
לבנה געל... לבנה איבער גאָרער וועלט —
אַ געלע לאַטע.

צום הימל האָלט אַזוי געווענדט דיין שטאָלצן בליק
און מיט דיין בליק קריץ־אויס אין בלאָ די דאַטע:
יאָר ניינצן־פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן
און געלער לאַטע.

## א. אַלמי־בוך

די צייט פון האַקנקרייץ. די וועלט — אַ תפיסה־צעל.
ווער יאָמערט אַזוי הינטער גראַטע?
דאָס יאָמערט גאָט און פון זיין קלייד, ווי שכינה, שיינט —
אַ געלע לאַטע.

דער אומעט אָטעמט, דאַכט זיך, פון אַ סך, אַ סך אַלמיס שאַפונגען — און אפשר פון אַלע זיינע שאַפונגען, הגם זייער שפּראַך איז שפּילעוודיק און אַמאָל אַפילו שפּאַסיק...

(„פ. אַ. ש.״, ניו־יאָרק, 16טער יולי, 1954)

# א. אַלמיס פּילזייטיקייט

פון

## ד״ר א. מוקדוני

אַ ברייטע און אַ טיפע פּילזייטיקייט ווייזט אַרויס א. אַלמי אין זיינע ווערק און, פאַרשטייט זיך, אויך אין זיין נייַ בוך „אין גערעַנגל פון אידייען״.

דאָ האָט איר אַ בינטל פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען, איז ער ביי זיך אין דער היים אין דער פילאָסאָפיע. ער איז אַ ליטעראַטור־קענער: ער באַהאַנדלט אַבסטראַקטע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור מיט מערקווירדיקער היימישקייט און קלאָרקייט.

ער איז אַ קריטיקער — ער האָט זיין קוק אויף ליטעראַטור און ער באַהאַנדלט ריין ליטעראַרישע פּראָבלעמען מיט שאַרפער ניכטערקייט און מיט וויסן.

ער איז אַ דיכטער, אָבער אין זיין נייסטן בוך „אין גערעַנגל פון אידייען״ פעלט דאָס דאָזיקע רינגעלע אין דער קייט פון זיין פילזייטיקייט.

ער איז אויך אַ מעמואַריסט, אַ פעליעטאָניסט אאַז״וו.

אין אַ פּאָלעמיק מיט אַ דיפּלאָמירטן שרייבער האָט דער דיפּלאָמירטער שרייבער געחוזקט פון זיין אויטאָדידאַקטישקייט.

א. אַלמי איז אַן אויטאָדידאַקט.

און אַלע וואָס ווייסן אַ געגנשטאַנד, אָדער עטלעכע געגנשטאַנדן, זענען אויף דריי־דריטל אויטאָדידאַקטן —

ווען זיי וואָלטן געבליבן ביי זייער וויסן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון די אוניווערסיטעטן, וואָלטן זיי געבליבן ביי זייערע דיפּלאָמען. מיר ייִדן, וועלכע זענען די עלטסטע לערנערס אויף דער וועלט, האָבן

גראָד געהאַלטן פון אויטאָדידאַקטיזם — אין יידיש האָט דאָס געהייסן „לערנען פאַר זיך".

די בתי־מדרשים זענען געווען פול מיט יונגע מענטשן, וואָס האָבן „געלערנט פאַר זיך". פאַרשטייט זיך, זיי פלעגן דאָ און דאָרט, ביי אַ האַר־בער סוגיא, זיך ווענדן נאָך הילף ביי עלטערע לומדים.

עס איז געווען בפירוש אַ שיטה אין לערנען, — ווי נאָר אַ בחורל האָט געקענט אַליין לערנען אַ בלאַט גמרא, איז ער אַריבער צו אויטאָדי־דאַקטיזם — צו לערנען פאַר זיך.

און פון די דאָזיקע אויטאָדידאַקטן זענען אויסגעוואַקסן גרויסע גאונים ביי יידן, אַזוי אַרום איז אויטאָדידאַקטיזם בשום אופן נישט קיין זידל־וואָרט.

און יעדער געלערנטער, אָדער וויסנשאַפטס־מענטש וואָלט קיין גע־לערנטער און קיין וויסנשאַפטלער נישט געווען ווען ער וואָלט בלייבן ביי דעם, וואָס ער האָט געלערנט אויף דעם אָדער יענעם פאַקולטעט אין אַן אוניווערסיטעט.

אַלבערט איינשטיין איז נישט אַרויס פון אַ הויכשול דער גרויסער מאַטעמאַטיקער, געוואָרן איז ער איינשטיין נאָך יאָרן און יאָרן אויטאָ־דידאַקטיזם.

און אַזוי איז מיט אַלע פילאָסאָפן, דערפינדער און אַנטדעקער — זיי ווערן דאָס וואָס זיי זענען דורך „לערנען פאַר זיך".

אַזוי אַרום טראָגט קיינער נישט אַרויס פון אוניווערסיטעט די גאַנצע תורה, יעדער מוז אָנקומען צו זיך אַליין — צו „לערנען פאַר זיך".

אָט, למשל, האָט ביז א. אַלמין, דעם אויטאָדידאַקט, קיינער נישט אַריינגעוואָרפן אַזאַ לאָגישן און גוט־באַגרינדעטן ספק אין דעם נאַטירלעכן טויט פון ברוך ספּינאָזאַ.

איך ווידער האָב, למשל, נישט געלייענט פון מענטשן מיט אַ דיפּלאָם פון פילאָסאָפישן פאַקולטעט, פון וועלכן עס איז אוניווערסיטעט, אַזעלכע קלאָרע און קאָמפּעטענטע פילאָסאָפישע עסייען ווי א. אַלמיס.

און מיר האָבן גאָר אַ סך שרייבערס מיט אַ פילאָסאָפישן דיפּלאָם.

אגב האָט דאָ א. אַלמי אַן עסיי וועגן ד"ר ש. מלמדס אַ בוך „בודאַ און ספּינאָזאַ", אַ קלאָרע און ביז גאָר פאַרטיפטע עסיי.

ער איז גוט באַהאַוונט אין פילאָסאָפישע שיטות און פּראָבלעמען, לכל הפּחות נישט ווייניקער ווי אַ דיפּלאָמירטער פילאָסאָף.

און אַלמי איז גערעכט ווען ער פרעגט — „וויפל פילאָסאָפן זענען דאָ צווישן די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דיפּלאָמען פון פילאָסאָפישע פאַקולטעטן? זייער־זייער ווייניק, זיי האָבן אינפאָרמאַציע וועגן פילאָסאָפיע, אָבער קיין פילאָסאָפיש־דענקנדיקע מענטשן זענען זיי נישט".

**
*

א. אַלמי האָט דריי ליטעראַרישע פּאָרטרעטן — פון פּרץ הירשביין, משה נאַדיר און י. י. זינגער, זענען עס אמתע פּאָרטרעטן —

האָט איר ממש אין איין זאַץ דעם פּאָרטרעט פון משה נאַדיר — „דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט זיין אַנדערש". יאָ, משה נאַדיר האָט זיין גאַנץ לעבן געוואָלט זיין אַנדערש, נישט בלויז אין שרייבן, נאָר אַפילו אין קליידונג און אין זיין טאָג־טעגלעכער באַנעמונג.

האָט זיך עס אים איינגעגעבן? זיכער נישט אויף הונדערט פּראָצענט, ווי ער האָט געוואָלט.

עס איז געווען אַ שפּיל, אָבער ניט קיין פאַרכאַפּנדיקער. ער איז געווען אַ שטיק טעאַטער, אָבער טעאַטער איז אויך אַ קונסט, און ביי אים, וואָס איז נישט געווען קיין טעאַטער־קינסטלער, קומט אַלץ אַרויס כאַלטוריש.

דער צווייטער פּאָרטרעט איז פון פּרץ הירשביין — ער, פּרץ הירשביין, האָט געוואָלט זיין אַנדערש, די אַנדערשקייט האָט זיך אים איינגעגעבן, אָבער די נישט־אַנדערשקייט איז בעסער, שענער און, פאַרשטייט זיך, נאַטירלעכער.

פּ. הירשביין האָט געשריבן מאָדערניסטיש פון אָנהייב, איז עס געווען כמו־ליטעראַטור. ווען ער איז געקומען אין זיין דאָרף, ווו זיין פאָטער האָט געהאָט אַ מיל, איז ער געוואָרן דער אמתער, דער עכטער פּרץ הירשביין.

דאָ און דאָרט, אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט ער אָנגעהאַלטן אַ ביי־סעלע אַנדערשקייט.

י. י. זינגער, האַלט א. אַלמי, איז געווען אַ מענטש פון אומרו, און אָט די אומרו:קייט האָט ער איבערגעגעבן זיינע העלדן פון זיינע ראָמאַנען.

## א. אַלמי־בוך

י. י. זינגער, דער רעאַליסט און סקעפּטיקער, געפינט נישט קיין זין אין דער רעאַליטעט.

זיין „יאָשע קאַלב" איז אַ סימבאָל — יאָשע קאַלב האָט זיך אַליין פאַרלוירן, אָט ווי אונדזער גאַנצער דור האָט זיך אַליין פאַרלוירן.

קען זיין, שרייבט א. אַלמי, אַז ווען דער טויט מישט זיך נישט אַריין וואָלט ער אפשר ענדלעך זיך אַליין געפונען. און ער פאַרענדיקט קורץ און שאַרף — צווישן איין חורבן און דעם אַנדערן חורבן איז דער דיכטער אויפ־געגאַנגען און אויסגעגאַנגען.

אַלמי האָט דאָ אַ פיינע און דורכויס פילאָסאָפישע עסיי וועגן „טויט און אומשטערבלעכקייט", ריכטיקער — וועגן השארת־הנפש.

דאָ האָט איר אַ שטיק געלייטערט געפיל וועגן טויט.

און אָט האָט איר אַן עסיי „מאַרקס און זיין תורה". דאָס איז אַ פאָלעמישע עסיי וועגן דער גרויזאַמקייט פון מאַרקסיזם, וואָס הערשט איצט ביד חזקה אין אַ גרויסן טייל פון דער וועלט.

א. אַלמי וויל דערקלערן דעם מאַרקסיזם מיטן כאַראַקטער פון זיין שאַפער, פון מאַרקסן אַליין —

מאַרקס איז געווען אַ בייזער, אַ האַרטער און אַ גרויזאַמער מענטש.

ער איז דווקא געווען אין זיינע פיר ווינקעלעך אַ ליבער מענטש, אַן אויסערסט גוטער פאַמיליען־מענטש, אָבער ווייַ איז געווען צו יענעם, וואָס האָט נישט מסכים געווען מיט זיין סאָציאַליסטישער פילאָסאָפיע.

אַליין איינער פון דעם ערשטן דור משומדים איז ער געווען אַן אַנטי־סעמיט, ער האָט געהאַסט יידן, וואָס איז אַ פאַלק פון באַנקירן.

און ווען ער האָט זיך צעקריגט מיט לאַסאַלן, האָט ער אים גערופן נישט אַנדערש ווי „איציק"; מיט אַ קעגנער פון זיין סאָציאַליסטישער תורה האָט ער קיין שום איינזעעניש נישט געהאַט.

ער האָט זיך צעקריגט מיטן גרויסן אָנהענגער זיינעם און מיט זיין מעצענאַט פרידריך ענגעלס, איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען צו זיין האַס צו זיין נאָענטסטן פריינד און מעצענאַט.

דאָס אַלץ איז אמת, קיינער פון די צייט־גענאָסן פון קאַרל מאַרקס לייקנט עס נישט, אָבער מען קען נישט בויען אַ דערקלערונג פון דער גרויזאַמקייט פון מאַרקסיזם אויף דעם כאַראַקטער פון זיין שעפער.

קעמפער זענען בכלל פאַרביסענע מענטשן, בפרט אַ קעמפער ווי קאַרל מאַרקס, וועלכע האָט זיך אָנגעלעבט גאָר אַ סך ביטערע שונאים.

מאַרקסיזם איז נישט קיין תורה, וואָס לערנט אירע אָנהענגער אונ־טערצושטעלן די צווייטע באַק ווען איין באַק באַקומט אַ פּאַטש.

מאַרקס איז געווען גענוג קלוג און גענוג ווייטזיכטיק צו זען, אַז זיין תורה פּרעדיקט צו אונטערצינדן די וועלט פון אַלע זייטן.

ער האָט זיכער פאַראויסגעזען, אַז די וועלט וועט זיך ראַנגלען ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, דאָס איז אַ תורה פון פייער און בלוט.

אָבער די דאָזיקע עסיי איז אָנגעשריבן מיט באַקציינער.

איין טענה שטעלט א. אַלמי אַרויס אַ ריכטיקע — און נעמלעך —

דער מאַרקסיזם רעכנט זיך נישט מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור — מאַרקס רעדוצירט אַלץ צו איין פאַקטאָר, צו דעם עקאָנאָמישן.

די מענטשלעכע געשיכטע ווערט, לויט מאַרקסן, דאָמינירט און די־ריגירט פון איין פאַקטאָר, פון דעם עקאָנאָמישן. דער מאָגן איז די מאַשין, וואָס האַלט די גאַנצע וועלט אין באַוועגונג.

פאַר א. אַלמי איז עס די גרעסטע באַליידיקונג פאַרן בחיר כל היצו־רים, פאַרן מענטשן.

דאָס איז א. אַלמי און טויזנטער מיליאָנען אַנדערע בעלי־טענות — אָבער אַזוי זענען אַלע אידייען —

זיי זענען מאַקסימאַליסטן.

דאָ גילט נישט דאָס קלוגע תלמודישע וואָרט — תפשת מרובה לא תפשת...

אָבער עס איז אַן עסיי, וואָס איז גוט אָנגעשריבן און מיט גאָר אַ סך פאַקטן אי פון קאַרל מאַרקס׳ פּערזענלעכקייט און אי פון זיין סאָציאַליס־טישער פילאָסאָפיע.

ער הייבט דאָ אויך אויף די אַלטע פראַגע וועגן שעקספּירס „שיי־לאָק״ —

ער איז נוטה מער צו דערקלערן שעקספּירן פאַר דעם בלוטיקסטן שונא־ישראל — ער, שעקספּיר, האָט געגעבן דער קריסטלעכער וועלט דעם שרעקלעכסטן פּאַסקוויל אויף יידן —

אַ ייִד מאָנט און איז גרייט אויסצושניידן אַ פונט לעבעדיק פליייש פון דעם בעל־חוב זיינעם.

אמת איז, אַז אין שעקספּירס צייטן זענען מענטשן געווען ברוטאַ־לער, גרויזאַמער און געגוג אַנטיסעמיטיש.

אָבער אַלע הערן זיך צו צו פּאַרציאַס רייד און גייען פאַרביי די טענות פון שיילאָק צום קריסטלעכן בעל־חוב און סתם צו קריסטן.

קיינער ווערט, פאַרשטייט זיך, נישט לייקענען, אַז אי שעקספּיר און אי די לייענענדיקע קריסטלעכע וועלט זענען אַנטיסעמיטיש — אַנטיסע־מיטיזם מיט קריסטלעכקייט גייען צוזאַמען.

שעקספּירס מענטשן גייען נישט אַרום מיט פאַרגלאָצטע אויגן אין זיינע דראַמעס — שעקספּירס צייט איז אַ האַרטע, אַ בייזע און אַ גרויזאַמע.

אָבער מ׳קען און מען טאָר נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז שעקס־פּיר, ווי אַ קינסטלער, האָט געלאָזט אויך שיילאָקן צו זאָגן זיין וואָרט.

און דאָס וואָס ער זאָגט איז טראַגיש ביז גאָר —

ראשית רעדט ער צו אַ קריסטלעכער וועלט, ער מאָנט ביי איר, ווען זי וויל פון קיין זאַך נישט הערן און נישט וויסן.

שעקספּיר איז געווען אַ קינד פון זיין צייט, אַ לעגאַל קינד, דער עיקרשט לויט זיין מענטאַליטעט, איז אַנשטאָט צו אָנקלאָגן זיין, שעקס־פּירס, צייט און וועלט אין גרויזאַמקייט צו ייִדן, האָט ער געלאָזן זיין צייט און זיין וועלט אָנקלאָגן ייִדן.

דערצו קומט נאָך דער טעאַטער, אַ קונסט וואָס פאַרגרעסערט אַלץ אויף עטלעכע צענדליק מאָל מער.

דער אַקטיאָר טראָגט דעם גרעסטן טייל פון דער שולד.

מיר איז אויסגעקומען צו זען ייִדן, וואָס שפּילן שיילאָק מער אַנטי־סעמיטיש ווי קריסטן —

אַן אַקטיאָר איז גרייט פאַר עטלעכע „בראַוואָס” און פאַר עטלעכע געלעכטערס מאַכן פון צדיק אַ רשע, פון ערנסטן פאַרשוין אין אַ דראַמע מאַכן אַ קאָמישן.

דער ענין איז אַ צו פאַרפּלאָנטערטער פּסיכאָלאָגיש און ער קען אונדז ווייט פאַרפירן.

על כל פּנים איז די דאָזיקע עסיי ווי אַלע אַנדערע אויסערסט גוט גע־
שריבן און געדעקט גוט מיט שעקספּיראָלאָגישן וויסן.

עס איז אַרום און אַרום אַ וואָגיק בוך —

די פּילזייטיקייט א. אַלמיס קומט דאָ אַרויס מיט שאַרפער קלאָרקייט
און קלאָרער שאַרפקייט.

(„צוקונפט", ניו־יאָרק, יוני־אויגוסט, 1958)

# אַמר א. אַלמי

פון

## ש. ניגער

א. אַלמי האָט אַ טבע צו זיין קלאָר, באַשטימט און דעפיניטיוו. ער האָט פיינט זיך צו וואַקלען אָדער זיך צו וויקלען אין מליצות. ער טוט עס נישט אַפילו ווען ער שרייבט וועגן אַזוינע נישט־פעסטע און אומבאַשטימטע זאַכן, ווי ספּיריטואַליזם אָדער די „צווייטע עקזיסטענץ". אָבער דעם נאָמען פון זיין נייעסטער — דאַכט זיך מיר, צוואַנציקסטער, — זאַמלונג בעט ער אַליין נישט צו טייטשן בוכשטעבלעך. „לעצטע געזאַנגען" מיינט נישט דווקא, אַז ער וועט מער נישט שרייבן אָדער אַפילו אַז ער וועט מער נישט דרוקן קיין לידער. ער וועט, לויט זיין פאָררעדע, מסתמא יאָ שרייבן און, אויב מעגלעך, אויך פאַרעפנטלעכן נייע ווערק, אָבער... נישט אין בוכפאָרם. איז עס, הייסט עס, זיין לעצט בוך, נישט זיינע לעצטע געזאַנגען. און חוץ דעם: דאָס בוך האָט געזאָלט הייסן „לעצטע לידער", — אַ טיטל, וואָס האָט אין זיך טאַקע מער ווילקלאַנג, אָבער אַזוי ווי אַן אַנדער אויסגאַבע האָט די ווילקלאַנגעדיקע ווערטער אויסגעכאַפּט, האָט א. אַלמי אין דער לעצטער מינוט געמוזט עס אָנרופן אַנשטאָט „לעצטע לידער", — „לעצטע געזאַנגען".

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס? אַנטקעגן דעם, וואָס איך וויל זאָגן, אַז דאָס שערבלאָט אין אַלמיס נייעם בוך איז דאָס איינציקע בלאַט, וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכן אויף אים אַ פירוש; אַלע אַנדערע בלעטער נייטיקן זיך נישט אין פירושים. אַזוי קלאָר זענען זיי און אַזוי לויטער.

א. אַלמי פאָלגט זיין אַלטער עגאָ, „רב יוחנן הסנדלר", וואָס איז זיין

גוטער צווילינגס־ברודער אין די לעצטע ח״י לידער פון די „לעצטע געזאַנגען״. צווישן אַ סך אַנדערע קלוגע עצות עצהט ר׳ יוחנן:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעסט־אָן דיינע ווערטער
ווי די קליידער דיינע —
פּאַסן זאָל דיין זאָגן
און דיין טענה.

(ז. 79)

א. אַלמי האָט זיך לאַנג שוין צוגעהערט צו אָט די רייד, און ער מיט זיך, — כאָטש עס זעט אויס, אַז עס קומט אים אָן גרינג, — צו „האַלטן ריין די ווערטער, ווי די קליידער״. זיינע ווערטער (אין פּערזן, אַזוי ווי אין פּראָזע) זענען נישט אַלעמאָל געמאָסטן און געוווּיגן, אָבער אַלעמאָל „ריין״, ד״ה קלאָר. אַפילו ווען ער קוקט אַריין אין פּרדס, דערזעט ער, פריער ווי אַלץ, דעם פּ, וואָס דאָס מיינט — פּשט. פון די איבעריקע דריי אותיות פּאַרטשעפּעט זיין בליק אַמאָל דער ד׳, וואָס מיינט דרוש, אָבער נישט דער ר׳ פון רמז אָדער דער ס׳ פון סוד.

די ערשטע ניין לידער אין „לעצטע געזאַנגען״ האָט ער, ווי עס ווייזט, געשריבן אין די יאָרן, ווען ש׳ער נישט אונדזער גאַנצע פּאָעזיע איז געוואָרן אָדער אַ שטיק איכה, אָדער אַן עפּילאָג צו איוב, — רופט ער זיי אָן, פּשוט: „מיט פאַרבראָכענע הענט״.

פון די אַלע קלאָג־קללה־כפּירה־ און גלויב־מאָטיוון, וואָס פילן אָן אונדזער נאַציאָנאַלע ליריק פון דעם ערשטן חורבן ביז דעם דריטן, — פון ירמיהו הנביא, פון טיילן תהילים ביז ביאַליקס „שירי זעם״ און די שירים און לידער פון די 40ער יאָרן, — פון די אַלע מאָטיוון האָט א. אַלמי זיך גענומען דעם מאָטיוו פון „איכה יעיב באפו אדוני את בת ציון״ (ווי האָט גאָט אין זיין כעס פאַרוואָלקנט די טאָכטער ציון!) און פון ביאַליקס „און מאָרגן וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטן, ווי אַלע טאָג אַ ליכטיקע אַרויסגיין...״ אַזוי ווי ירמיה, אַזוי ווי נישט איינער פון די שפּעטערדיקע פּייטנים און משוררים, אַזוי ווי ביאַליק און אַנדערע, האָט אויך

אונדזער פּאָעט נישט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי האָט גאָט אָדער די זון געקאָנט דאָס אַלץ צוזען — „און שאַ און שטיל און גלייך ווי גאָרנישט״...
אָבער אַלמי האָט מיט ביאַליקס צער און צאָרנדיקער פראַגע: וואָס בעטן זיי? וואָס שטרעקן זיי די הענט? אַ פּוסט ווו איז? ווו איז אַ גרויסער דונער, וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען, מיין שטול, מיין כסא־הכבוד, איבערקערן? — אַלמי האָט זיך מיט דער פראַגע אַליין נישט באַנוגנט. ער האָט געענטפערט, אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון אונדזער דור, האָט אויך ער געענטפערט, — און זיין ענטפער איז, ווי אַלעמאָל, אַ קלאָרער, אַ דעפיניטיווער, אַ לעצטער: „יהי חושך! פינצטערניש זאָל זיין״ (ז. 15) נישט „יהי אור!״.

---

בני אדם יושבי חושך וצלמות —
פאַרלאָשן איז אין אונדז דאָס ליכט — דער עמוד־אש — פון אבות,
מיט אויגן אויסגעלאָשענע, מיט אַ פאַרלאָשן לשון
און בלינדע פינגער טאַפּן מיר די וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן,
די וועלט פון סיני און אָלימפּוס — אירע לייכטנדיקע האָרבן
און שוואַרצער פחד שרייט אין אונדז: גאָט איז געשטאָרבן!
גאָט איז געשטאָרבן!

(דאָרט)

אַלמי איז נישט דער איינציקער צווישן דעם הייַנטיקן דור יידישע פּאָעטן, און אויך נישט קיין פּאָעטן, וואָס גזרת ת״ש—תש״ה האָט אים געפירט צו פאַרצווייפלונג, נישט נאָר צו צווייפלען, אָבער זעלטן ווער עס האָט עס אויסגעדריקט מיט אַזאַ ענדגילטיקייט און מיט אַזאַ אָפנקייט. זעלטן ווער האָט זיין טענה צו גאָט אָדער צו דער וועלט אויסגעשאָסן מיט אַזאַ דירעקטקייט, אַזוי הילכיק און אַזוי העזהדיק ווי א. אַלמי אין דעם ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?״ אין דעם ליד דריקט אַלמי אויס זיינע ספּינאָזיסטיש־פּאַנטעיִס־טישע השגות, אָבער ער טוט עס מיט דעם ציל איבערצוקערן דעם כסא־הכבוד און מאַכן פון דעם אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס (פון דער אינטע־

לעקטועלער אהבת השם) עפּעס אַזוינס, וואָס מען וואָלט געקאָנט רופן „עמאָציאָנעלע שנאת השם״... אָט זענען טיילן פון דעם ליד:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, אַלץ איז דו און דו ביסט אַלץ:
דער בוים, דאָס גראָז, דאָס ברויט, דאָס זאַלץ
און אויך דער חלף אויפן האַלדז
און ס׳חיהשע געברום דעם וואַלדס.

(ז. 20)

און ווייבאַלד דאָס איז אַזוי, „עקלט״ דעם דיכטער דער, וואָס שיקט גאָט —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ לויב פאַר בלוט, פאַר ווי און ווינד
פאַר אַ געקוילעט ווייב און קינד.

און ער פרעגט (און ענטפערט):

פאַרשאַפּט דאָס דיר הנאה, גאָט?
הער! פון דער ברענענדיקער שטאָט
קייכט ווילד אַ חוזקדיקע שטים:
„דאָס ברענט דער צלם אלוהים!״

(דאָרט)

איז עס עפּעס נייעס? האָבן אַנדערע דיכטער נישט געהאַט דעם זעלביקן געמיט־צושטאַנד? אָבער יעדער פון זיי האָט אים אַנטפּלעקט אויף זיין אייגענעם אופן, יעדער פון זיי האָט פאַר אים געפונען זיינע אייגענע בילדער, זיינע אייגענע ווערטער. יעדער פון זיי האָט פאַר אַלעמענס „אינהאַלט״ געשאַפן זיין אייגענע פאָרם״. אַ דאַנק אַלמיס לידער איז צוגעקומען נאָך אַ פאָרם, נאָך אַ נוסח פאַר אַלעמענס צער און צאָרן. דער נוסח פון נישט נאָר טיפן, נאָר אויך שאַרפן און קלאָרן און ביטערן סאַרקאַזם.

דער דאָזיקער נוסח געלינגט א. אַלמין גאָר באַזונדערס אין די קירצערע און האַלב־עפּיגראַמאַטישע לידער; אַ שטייגער, אין „געלע לאַטע״. די לעצטע צוויי סטראָפן לייענען זיך אַזוי:

### א. אַלמי־בוך

צום הימל האַלט אַזוי געווענדט דיין שטאָלצן בליק
און מיט דיין בליק קריץ אויס אין בלאָ די דאַטע:
יאָר ניינצן פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַנען
און געלער לאַטע.

די צייט פון האַקנקרייץ. די וועלט — אַ תּפיסה־צעל.
ווער יאָמערט אַזוי עלנט הינטער גראַטע?
דאָס יאָמערט גאָט און פון זיין קלייד, ווי שכינה, שיינט
אַ געלע לאַטע.

(ז. 25)

אָדער דער ערשטער פּירצאַילער פונעם ליד „איוב", וווּ דער צער־און־צאָרנדיקער דיכטער געפינט פאַרן רבונו־של־עולם אַ נייע... קאָנטער־תּפילה:

דורות לעשן זיך, ווי שטערן,
און צינדן זיך שוין מער נישט אָן;
מיט קינס צייכן אויפן שטערן
זיצט אל שדי אויפן טראָן.

(ז. 26)

אין דעם גאַנצן ערשטן אָפּטייל פון „לעצטע געזאַנגען" איז לייכטער צו געפינען אַלמיס שפּראַכלעך־פּאָעטישע קראַפט, ווי זיינע שוואַכקייטן. וויל מען אָנווייזן אויך אויף זיי, איז גלייכער צו ווענדן זיך צו דעם אָפּ־טייל, וואָס געפינט זיך צווישן דער ערשטער און דער לעצטער סעריע לידער, — צו דעם אָפּטייל, וואָס הייסט „אַליין און באַנאַנד". אויך דאָרט זענען פאַראַן גאָר פיינע סטראָפעס און גאַנצע לידער פיינע, ווי, צום ביי־שפּיל, די ערשטע און לעצטע סטראָפע פון „מוראַשקעס" (ז. 31) אָדער „דוד עדלשטאַט" (ז. 59). אָבער אויך דער וועג פונעם פּאָעטס שטרויכ־לונגען ליגט דאָרט פאַר אונדז אויסגעשפּרייט.

און ס'איז טשיקאַווע: אַלמיס אינטעלעקטועל־שעפערישער און פּאָע־טישער כח ליגט אין קורצקייט, אין עפּיגראַמאַטישער קאָנדענסירטקייט.

אַ חוץ דעם איז כדאי, גלויב איך, צו געדענקען, אַז אין לירישער פּאָעזיע איז גוט (און אַפילו נייטיק), אַז איר דורכזיכטיקייט זאָל האָבן אין זיך אַ שטילן פֿאַרבאָרגענעם עלעמענט פֿון נישט־דערזאָגטקייט, וואָס מאַכט דאָס ליד אַביסל אומבאַשטימט, אַביסל רעטענישדיק און סטימולירט דעם לעזערס געדאַנק און פֿאַנטאַזיע. מער וויפֿיל יעטוועדע אַנדער קונסט, נייטיקט זיך די קונסט פֿון וואָרט אין דעם אויפֿנעמערס שעפֿערישער שות־פֿותדיקייט. עס מוז בלייבן אין אים עפּעס אַ מאַנענדיקע נאָכווייעניש, עפּעס אַן אומרויִקע סודותדיקייט נאָכדעם ווי ער לייענט איבער אַ ליד. צווישן אַלע דעפֿיניציעס פֿון פּאָעזיע געדענקט זיך מיר, אַ חוץ דער דע־פֿיניציע, אַז זי לאָזט זיך נישט דעפֿינירן, אויך דאָס נישט־קלאָר און דאָך זייער קלאָר ווערטל, אַז פּאָעזיע „זאָגט, וואָס עס קאָן נישט געזאָגט ווערן".

ביי א. אַלמין גופא זענען דאָ מוסטערן פֿון אַזאַ מין „זאָגן וואָס קאָן נישט געזאָגט ווערן". אַזוינע מוסטערן זענען: „בריוו" (ז. 53) און צום טייל דאָס פּריִער דערמאָנטע ליד וועגן עדעלשטאַטן, דעם „מידן דיכ־טערס" טויט.

ביי א. אַלמין זענען אָבער אויך פֿאַראַן לידער, וואָס זענען נישט קלאָר, נאָר צו קלאָר. דערהויפּט אין דער מיטעלער אָפּטיילונג פֿון זיין נייעם בוך ווערט אַן אַנדערש מאָל אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן לירי־שער און עסייִישער שאַפֿונג; אַ שטייגער, די מיטעלע דריי אַכט־שורות־דיקע סטראָפֿן פֿון דעם פּריִער־ציטירטן ליד „מוראַשקעס" אָדער „לך לך" (זז. 37־38).

דערפֿאַר אָבער געפֿינען זיך גראָד צווישן די דאָזיקע לידער אַ פּאָר אַזוינס, וואָס זענען עפּעס אַ מין אַריינפֿיר צו דער אייגנאַרטיקער פֿאָרעם, וואָס מאַכן אַזוי ווערטפֿול א. אַלמיס סעריע לידער אונטערן נאָמען „אמר רב יוחנן הסנדלר". כ'האָב אין זינען די לידער „יעקב גייט" (ז. 47) און „וישמח משה" (ז. 57). אין זיי איז דאָ שוין עפּעס אַן אָנצוהערעניש, אויב נישט אויפֿן ריטם, איז אויפֿן טאָן פֿון אגדתא.

דער טראַדיציאָנעלער טאָן פֿון מדרש, פֿון פּרק, פֿון מוסר־ספֿר איז גאָר באַזונדערס שטאַרק און פֿריש אין די האַלב־דידאַקטישע, אָבער זייער אָפּט בילדלעכע און הומאָרפֿולע מאַקסימען, סענטענצן אָדער עפּיגראַמען, וואָס דער פּאָעט שרייבט־צו צו ר' יוחנן הסנדלר —

און ס׳קוועלן
די שוסטער־געזעלן
ביים פענצטער, ביים טיר, אויף די טרעפּ.
ס׳קלאַפּט אַ שוסטער אַריין אין די קעפּ
גאָטס תורה, גאָטס הייליקע שריפט —
אַ שטיפט נאָך אַ שטיפט.

(ז. 62)

זיין „תורה" איז דעם מענטשנס, נישט ווינציקער ווי גאָטס: זי שטאַמט פון אונדזער אַלעמענס לעבנס־דערפאַרונג. און זי לערנט אונדז צו געדענקען (און ס׳איז נישט שווער צו געדענקען, ווייל ס׳איז אין קלאָרע, קורצע קאָנדענסירטע פערזן), — וואָס מיר ווייסן אַליין, נאָר מיר פאַרגעסן. זי זאָגט אונדז נישט נאָר אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך, ווי, אַז — „נישט די תורה איז שולדיק אין דעם שלעכטס דעם געדיכטן, נאָר דער מענטש, וואָס ער ווייס נישט זיין וועג ווי צו ריכטן" (ז. 63). זי דערציילט אונדז אויך אַזוינע נישט אַלעמען באַקאַנטע זאַכן, ווי, אַז — „אַזוי ווי כביכול אויף זיין שטול, אַזוי דער שוסטער ביים קאַפּול — אַ שאַפער". (ז. 64). מיט נייע ווערטער, דערצו נאָך געגראַמטע, דריקט זי אויס דעם אַלטן אמת, וואָס זאָגט:

זוך נישט שלמות, — נישט אין שלמות,
נאָר אין ווייטער, העכער שטרעבן,
אין דעם ווילן צו גרייכן שלמות
איז דער תכלית פון דעם לעבן.

(זייט 67)

ר׳ יוחנן הסנדלר איז נישט מחדש קיין חידושים, אָבער ער גיט אונדז אַ גוטן, גוט־געגראַמטן סך־הכל פון אַלטע און אייביקע אמתן. און אַמאָל טרעפט, אַז פון דעם נייעם אופן זאָגן אַן אַלטן אמת ווערט דער אמת גופא ניי און אָפּגעפרישט. אַז מיר הערן, צום ביישפיל, ווי ר׳ יוחנן זאָגט: „על הנסים — פון די נסים, וואָס מיר זעען אין מעת־לעת — איז דער גרעסטער נס: דאָס וויסן, אַז ס׳איז נס", — מאַכן מיר אויפן אַלטן וויסן אַ נייע ברכה.

(„דער טאָג", ניו־יאָרק, 15טער מאַי 1955)

# אַלמיס צער און צאָרן

פון

## ש. ל. שניידערמאַן

אין דעם איצטיקן בין השמשות פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע דאַרף דאָס דערשיינען פון יעדן נייעם, ווערטפולן בוך, ספּעציעל פּאָעזיע, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום־טוב, כדי דעם פּאָעט צו דערמוטיקן אין זיין פּילפאַכער ראָלע פון מחבר, פאַרלעגער און פאַרשפּרייטער, אָדער בעסער געזאָגט — פאַרטיילער פון זיין ווערק...

עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן, אַז דאָס נייע לידער־בוך פון א. אַלמי „לעצטע געזאַנגען" וועט גענוצט ווערן אַלס געלעגנהייט פאַר אַ סך הכל־אָפּשאַצונג וועגן דעם צושטייער צו דער ייִדישער ליטעראַטור פון אָט־דעם פילזייטיקן שריפטשטעלער, וועלכער האָט קיינמאָל זיך נישט געלאָזט פראַווען קיין יובילעאומס און תמיד זיך געהאַלטן ווייט פון די ליטעראַרישע ירידן.

ליידער האָט עס אַזוי נישט פּאַסירט און דאָס צוליב דער גוט־באַקאַנטער קלייניל־פּאָליטיק, צוליב דער ענג־האַרציקער „שטילבלדיקייט", וואָס הערשט אין אונדזער איינגעשרומפּענעם ליטעראַרישן וועלטל, ווי עס איז מעגלעך, אַזאַ אַזאַ פילזייטיק־באַגאַבטער שריפטשטעלער, ווי א. אַלמי, זאָל נישט האָבן קיין שטענדער אין אונדזער טאָג־פּרעסע, וואָס איז דער איינציקער פ אָ ר ו ם , ווו אַ ייִדישער שרייבער קען קומען צום אויסדרוק.

אָט די טרויעריקע רעאַליטעט האָט דאָס אַפּנים אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט באַוויגן אַלמין אָנצושרייבן די פאָררעדע צו זיין בוך „לעצטע געזאַנגען", פראָקלאַמירנדיק זיין באַשלוס מער נישט אַרויסצוגעבן קיין לידער אין בוך־פאָרעם, אַפילו ווען „מיין לעבנס־שפּאַן זאָל זיך אַביסל פאַר־

ציִען״. דער פּאָעט מאָטיווירט דעם דאָזיקן נדר, סײַ צוליב זײַן „געמיט צושטאַנד״ און סײַ צוליב זײַן „באַוווּסטזײַן וועגן מצב פון ייִדישן וואָרט״.

אַלמי זאָגט אָבער קלאָר, אַז זײַן באַשלוס נישט אַרויסצוגעבן מער קיין לידער־ביכער הייסט נישט, אַז ער הערט אויף צו שרײַבן לידער, ווײַל מאַכן אַזאַ באַשלוס איז אומנאַטירלעך און וואָלט געווען אַ פֿאַלשער אָנשטעל פון וואַרפן דער ליטעראַטור „דעם גט צו די פיס״. דערבײַ פאַרזיכערט ער, אַז ער האָט נישט קיין טענות צו קיינעם און איז נישט פאַרביטערט צוליב דער קלײַנזל־פּאָליטיק, וואָס הערשט אין דעם ייִדישן ליטעראַרישן וועלטל.

די אַלע באַוואָרעניש האָבן אָבער נישט געהאַט קיין ווירקונג און אין די אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען ביז איצט דערשינען וועגן אַלמיס „לעצטע געזעגנגען״, איז צום באַדויערן פיל מער אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען געוואָרן דער פאָררעדע, ווי די לידער גופא, און דאָס צוליב דער נאַטירלעכער שוואַכקייט אַפילו מצד ערנסטע קריטיקער אויפצוכאַפּן קודם־כל אויבערפלעכלעכע פּיקאַנטקייטן.

אָט דער פאַל מיט א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען״ דאַרף אפשר דינען אַלס וואָרענונג פאַר פּאָעטן נישט צו שרײַבן קיין הקדמות צו קיין לידער־ביכער, נישט צו פאַרטײַטשן זייער געמיט־צושטאַנד אין פּראָזע, ווען דאָס קומט פיל ווירקזאַמער צום אויסדרוק אין זייערע פערזן. אַמווייניקסטן האָט דאָס געדאַרפט טאָן א. אַלמי, וועמענס „לעצטע געזאַנגען״ געהערן צו די קרעפטיקסטע און אָריגינעלסטע לידער־זאַמלונגען אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין אונדזער תקופה פון גטעאָ־חורבן.

אין קאָנטראַסט צו די קלאָג־לידער מיט אַ שאַבלאָנעם נביאישן פּאַטאָס און הכנעהדיקן אָננעמען אַלץ באהבה, קומט אַלמי מיט זײַן צאָרנדיקן אויסגעשריי צו גאָט, וואָס קען אין פלוג זיך אויסדאַכטן צו זײַן גאָטלעסטערונג, ווי אייניקע קריטיקער האָבן עס טאַקע אויסגעטײַטשט.

אַלמיס אויפפאַסונג פון דעם גאָט־באַגריף איז אָבער פיל טיפער. זײַן וויי־געשריי וועגן דער פאַרפײַניקונג פון די זעקס מיליאָן ייִדן איז נישט קיין אַפּיקורסישע פאַרלייקענונג פון דער געטלעכקייט, נאָר אַ פאַרטיפטע אמונה דורך אָנערקענען די געטלעכקייט אַפילו אין דער גרויזאַמקייט. דאָס איז דער פאַנטעזיִסטישער צוגאַנג צו גאָט פון דזשאָרדאַנאָ

ברונאָ און ספּינאָזאַ. דאָס איז דער באַגריף וועגן גאָט פון אוניווערס, פון וועלכן עס קומט אַלץ — דאָס גוטע און דאָס שלעכטע:

„יאָ, אַלץ איז דו און דו ביסט אַלץ:
דער בוים, דאָס גראָז, דאָס ברויט, דאָס זאַלץ
און אויך דער חלף אויפן האַלדז
און ס'חיהשע געברום דעם וואַלדס".

ווי אַ גלויביקער טענהט זיך אַלמי אויס מיט גאָט, אָבער ער פאַר־לייקנט אים נישט. אָט דער פאַנטעזיסטישער גאָט־באַנעם קומט ביי אַלמין באַזונדערס צום אויסדרוק אין זיין ליד „יום הדין", וואָס איז אויבנאויפיק טאַקע עלול צו וועקן רעפלעקסן וועגן גאָט־לעסטערונג.

„אין יום־הדין — אין מיטן נאַכט — אין מיטן וואָך
שטייגט־אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראָך —
אַ ייִד מיט פלאַקערדיקער באָרד
און גליִענדיקן וואָרט
און שטרעקנדיק צו גאָט אַ ברענענדיקן מחזור —
הייבט ער זיין קול אויף — און אַ געביילטע פויסט:
— דו אכזר!"

דער דאָזיקער ייִד מיטן ברענענדיקן מחזור אין דער האַנט פאַרלייקנט אָבער נישט די עקזיסטענץ פון גאָט, נאָר קלאָגט אים אָן. ער ציטערט נישט פאַר אים, נאָר טענהט זיך מיט אים אויס, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן:

„דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פחד — און איך קלאָג דיך אָן
פאַר נאַכט און וועלט.
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס נישט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה־ליד

## א. אַלמי־בוך

פון ברענענדיקן ייִד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען!".

אין דער פאַרצווייפלונג צוליב דעם געשענדעטן מענטשלעכן מין, אין דעם ים פון רשעות ביים סאַמע ראַנד פון אונטערגאַנג, בליצט אָבער דאָך אויף די האָפענונג פון דערלייזונג, דער אָנזאָג פון אַ געטלעכן נס. אַפילו די דערנידעריקסטע באַשפּיגענע ייִדן טראָגן אויף זיך דעם חותם פון געטלעכקייט, וואָס די גאָטלאָזע מערדער זענען נישט אימשטאַנד אָפּצומעקן. דאָס איז דער פלאַם פון דער אמונה, וואָס גליט אין אַלמיס געטאָ־לידער.

„שטייט אויף צו חצות, איר שטאָלצע, גאָט־געקושטע שלעפּער,
מיט געלער לאַטע און אַ האַרץ מיט בראַנד;
מיליאָנען ביי דער טעמזע, האָדסאָן, דניעסטער, דניעפּער
דערהייבן זיך צום רוף מיט אייך באַנאַנד.

שטייט אויף, געפּייניקטע, צו קללה און צו תפילה
און קלאָגט־אַרויס פון זיך דעם ווייַ און צאָרן פון מעת־לעת
דער הימל־רוים — אַן אויפגעוויקלטע מגילה —
די נאַכט איז גרייט פאַר חשבון און פאַר נס!"

אַלמיס גאָט זיצט נישט אין די הימלען. דאָס איז נישט עפּעס קיין בלינדער, אומבאַגרייפלעכער כח, וועמענס פלאָגן מען מוז אָננעמען באהבה. אַלמי אָנט געטלעכקייט אויך אין דעם טראַגישן. ער זעט גאָט פאַרקערפּערט אַפילו אין דעם שטאָט־משוגענעם פון געטאָ:

„אַ גאָט אין שמאַטעס מיט אַ געלער לאַטע
און מיט אַ מגן־דוד אויפן אָרעם —
דער גאָט פון חורבות און פון שייטערהויפנס,
דער גאָט פון הונגער, טיפוס און פון קברים!"

די אייגנאַרטיקייט פון אַלמיס לידער באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַווייזט טיף לירישע רעגונגען צו האַרמאָניזירן מיט די סאַמע פּראָזאַ־

אישסטע עלעמענטן. דערביי געליגגט אים אַרויסצוברענגען בילדלעכקייט און שטימונגען מיט דער הילף פון פאַרקירצונגען און קאָנטראַסטן. ווי אַ מוסטער פון אָט דער דאָזיקער רייפקייט פון פאָרם קען דינען זיין ליד „אשרי האיש", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָריגינעלע וויזיע פון אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע:

ס'צעקרישלען זיך, ס'צעשפּרייטן זיך אַטאָמען.
דער גאַנצער קאָסמישער פענאָמען
וואָרט — אַן איינגעפּרעסטער אין איין שעה —
און דער מענטש איז נישטאָ.
וווּ איז דער מענטש?
אשרי האיש —
ס'תהילימל אויפן טיש
ליגט אָפן און פאַרשעמט
אין דער אייביקער און וויסטער פרעמד
און ס'וויינט דאָס תהילימל אין שפּעטער שעה
נישטאָ דער מענטש — נישטאָ.

טראָץ זיין זעלטענער שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט, טראָץ דעם טראַנסצענדענטאַלן צונויפוועבן ווירקלעכקייט און וויזיע מיט דער הילף פון אינטעלעקטועלע אימאַזשן, איז אין אַלמיס לידער נישט פאַראַן קיין שפּור פון אומפאַרשטענדלעכקייט און דאָס אַפילו אין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע סטראָפן. ביז גאָר אייגנאַרטיק זענען אַלמיס ביבלישע מאָטיוון, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאָלקסטימלעכע אינטערפּרעטאַציע פון די חומש־געשטאַלטן, אַ פאַרמענטשלעכונג פון די לעגענדאַרע פּאַסירונגען.

דאָס בוך „לעצטע געזאַנגען" איז אַ טרעפלעך צוזאַמענגעשטעלטע אַנטאָלאָגיע פון אַלמיס דיכטערישן שאַפן במשך פון די לעצטע יאָרן. אין די קנאַפּע אַכציק זייטן פון דעם ביכל זענען צונויפגעזאַמלט די בעסטע מוסטערן פון זיינע לירישע, פילאָסאָפישע, סאַטירישע און ביבלישע לידער. צווישן זיי איז די פּאָעמע „אמר רבי יוחנן הסנדלר" פאַר זיך אַליין אַ קליין פּאָעטיש מייסטערווערק, וואָס שפּרודלט מיט אָריגינעלע בילדער, גלענצנדיקע מעטאַפאָרן און איבערראַשנדיקע גראַמען.

## א. אַלמי־בוך

אַלמיס לידער־בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ביי דער מיטהילף פון דעם פאַרבאַנד פון וואַרשעווער און פּראַגער ייִדן אין אַרגענטינע. דאָס דערמאָנט אונדז, אַז אין אַרגענטינע האָט דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" אַרויסגעגעבן איבער הונדערט ווערק פון אונדזער חורבן־ליטע־ראַטור. דאַקעגן דער רייכער פינף־מיליאַניקער ייִדישער ישוב אין אַמע־ריקע האָט ביז איצט נישט באַוויזן צו שאַפן קיין פאַרלאַג פון דעם מאַס־שטאַב און דער לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור מוז אָנקומען צו דער פינאַנצירונג פון די דייטשע רעפּאַראַציע־געלטער...

ווען מען פאַרטראַכט זיך טיפער וועגן אָט דער ירידה פון געדרוקטן ייִדישן וואָרט אין צפון־אַמעריקע און די סיבות, וואָס האָבן דערפירט דערצו, איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אַזאַ שריפטשטעלער ווי אַלמי, וועל־כער האָט קיינמאָל זיך נישט געקאָכט אויף ליטעראַרישע בירזשעס, האָט פּלוצים דערפילט אַ נויטווענדיקייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ און צו מאַכן דעם נדר מער נישט צו פאַרעפנטלעכן קיין לידער אין בוך־פאָרעם.

עס ווילט זיך אָבער גלייבן, אַז די טייערע פּוילישע ייִדן, וועלכע זענען אין אַרגענטינע נישט אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון ייִדישן וואָרט, ווי זייערע לאַנדסלייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלן מתּיר־נדר זיין זייער לאַנדסמאַן־פּאָעט און אין גיכן אַרויסגעבן אַ ניי לידער־בוך פון א. אַלמי.

(„פ. אַ. ש.", ניו־יאָרק, 15טער יולי 1955)

# גיהנום, אָדער גן־עדן?

פון

## חיים ליבערמאַן

### א.

איך האָב איבערגעלייענט אַ קליין ביכל לידער. זייער און זייער אַ מערקווירדיק ביכל. עס טיילט זיך אויף צוויי העלפטן. איין העלפט איז צו גאָט און די צווייטע העלפט איז צום טייוול. און אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום, ווען זיין דיכטער וועט קומען אויף יענער וועלט, וועט דער סניגור טענהן: עס קומט אים אייביקער גן־עדן, און דער קטיגור וועט טענהן: עס קומט אים אייביקער גיהנום. און די פמליא וועט דאַרפן פסקענען. וועט מען דאָרט עפּענען דאָס ביכעלע און מ׳וועט לייענען.

ווייס איך נישט וואָס דער פּסק־דין וועט זיין, אין גן־עדן אָדער, חלילה, אין גיהנום אַריין. נאָר איין זאַך בין איך זיכער: אויף די לידער גופא וועט מען דאָרט זאָגן: פּראַכטפול!...

„לעצטע געזאַנגען" הייסט דאָס ביכעלע, און דער דיכטער איז א. אַלמי.

א. אַלמי איז געבענטשט מיט אַ פילזייטיקן און פילפאַרביקן טאַלאַנט. ער איז שטאַרק אין פּראָזע און איז שטאַרק אין פּאָעזיע. ער שרייבט אַן ערנסטע עסיי און אַ לייכטן פעליעטאָן מיט גלייכער מייסטערשאַפט. אין הומאָר דערגייט ער צום דינסטן שאַרזש, אין ליד — צו איידלסטער ליריק. אין קריטיק און פּאָלעמיק איז ער ווי אַ פיש אין וואַסער. אין פילאָסאָפישע פראַגן קען ער פונאַנדערנעמען ברייטע פליגל. און אין טאָג־פראַגן איז ער אויך אַ טיכטיקער בן־בית.

צו די אַלע ברכות איז ער נאָך געבענטשט מיט דער ברכה פון קלאָר־קייט: זיין וואָרט איז גלייך צו אַן אויסגעוואַשענער שויב.

און די אַלע טאַלאַנטן זענען שטענדיק ביי אים דורכגעפעדימט געווען מיט אַ קלאָרן, פילאָסאָפיש־רעליגיעזן גלויבן. זיין גלויבן איז געווען אָנגעהויכט מיט אָריענטאַלישער, דער עיקר אינדישער מיסטיק.

ביז די „לעצטע גערזאַנגען". ביז דעם שטנס חלק אין די „לעצטע געזאַנגען". דער דאָזיקער טייל באַשטייט פון לידער פון דעם גרויסן יידישן חורבן פון אונדזער צייט, וואָס איז דער גרעסטער יידישער חורבן פון אַלע צייטן. און דאָס זענען לידער — וויי־געשרייען קעגן גאָט; — נישט צו גאָט, נאָר קעגן גאָט — וואָס די וועלט איז געבליבן וועלט, „די פאָרשטעלונג גייט ווייטער אָן", בשעת דאָס יידישע פאָלק ליגט „צען טויזנט מאָל געטויט". דאָ, אין דעם שאָטן פון דעם שטן, דערגייט ער כמעט־כמעט ביז גאָט־לעסטערונג. אויף אַ רגע אָדער צוויי — צו פולער לעסטערונג. נאָר עס קומט די צווייטע האַלבע, גאָטס טייל פון דעם ביכל, און ראַטעוועט אים אַרויס.

די ערשטע לעסטערונג איז שוין אין דעם נאָמען אַליין פון דעם ביכעלע. די דאָזיקע לעסטערונג איז נישט קעגן גאָט, נאָר קעגן דעם חורבן גופא. וואָרים פון אינעווייניק פון דעם חורבן, פון זיין ברענענדיקן האַרצן אַרויס, איז אונדז געבליבן אַ הייליקע צוואה:

זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

צי מ׳מיינט דעם לעצטן וועג פון י ד, צי דעם לעצטן וועג פון י ד י ש . . .

אָט אַזוי שרייט אַלמי דעם וויי־געשריי פון אונדזער חורבן:

דורות לעשן זיך ווי שטערן\
און צינדן זיך שוין מער נישט אָן;\
מיט קינס צייכן אויפן שטערן\
זיצט אל־שדי אויפן טראָן...

אַזוי שרייט ער און אַזוי לעסטערט ער... אָדער:

אין יום־הדין, אין מיטן־נאַכט, אין מיטן וואָך,

שטייגט אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראָך,
אַ ייִד מיט פלאַקערדיקער באָרד
און גליִענדיקן וואָרט
און שטרעקנדיק צו גאָט אַ ברענענדיקן מחזור,
הייבט ער זיין קול אויף, און אַ געביילטע פויסט:
— דו אַכזר!

דאָס, און נאָך פיל, פיל שאַרפערס, וואָס איך וויל גאָר פאַר מיין מויל ניט ברענגען...

און אַזוי ברענגען אונדז די „לעצטע געזאַנגען" צו די לעצטע פראַגן, די אייביקע רעטענישן פון גאָט, מענטש, גוטס און בייז, שכר און שטראָף...

דער דאָזיקער מין לידער האָט זיך שוין באַוויזן בשעת דעם חורבן און אין דעם חורבן, נאָר מ׳קען זיך ריכטן ער זאָל זיך מערן און שטאַרקן וואָס ווייטער. די גרויסע קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אָפּ פון אונדז און טרעט צוריק אין דער ווייטקייט פון צייט. אַז די שאַרפקייט פון ווייטיק און פיין ווערט אָפּגעטעמפּט, קומט דאָס טראַכטן און רעפלעקטירן שטאַרקער צום פאָרשיין.

איין גרונט־געדאַנק דאַרף מען אין זינען האָבן ווען מען באַטראַכט די דאָזיקע פּאָעזיע פון טראַגישן קריג מיט גאָט: זי איז מעגלעך נאָר דאָרט, ביי אַזעלכע פּאָעטן, וואָס גלייבן אין גאָט. די טענה גופא איז אַ באַווייז אויף אַזאַ גלויבן. וואָרים דער אַטעיִסט, וואָס גלייבט נישט אין קיין באַ־שעפער און פירער פון דער וועלט — ער קען אַזאַ פּאָעזיע נישט שאַפן. ער האָט נישט מיט וועמען זיך אויסצוטענהן. פאַר אים איז די נאַטור נאָר אַ טויטער געוועב פון מאַטעריע, און די וועלט־רוימען אַ ליידיקע פּאַס: גיי שריי אין אַ ליידיקער פּאַס אַריין!

אָבער דער גלייביקער — וואָס מיינט אַזאַ פּאָעזיע פאַר אים? צי גראָבט זי נישט אונטער קיין יסודות? צי מעג מען? וואָס האָט ייִדישקייט צו זאָגן דערוועגן?

ייִדישקייט האָט נישט קיין מורא דערפאַר. ייִדישקייט דערמוטיקט עס אַפילו.

דער פּראָטעסט־געשריי קעגן גאָט איז אַן אַלטע, דערהויבענע טראַ־

דיציע אין ייִדנטום. זי הייבט זיך אָן מיט דער פראַגע וואָס אברהם אבינו האָט געשטעלט צו גאָט אין דער מעשה סדום: צי דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט זאָל נישט טאָן קיין גערעכטן משפט? דער מענטש מעג און ער דאַרף מאָנען ביי גאָט גערעכטיקייט. און ווען ער זעט אין דער וועלט געשעענישן געשען, וואָס שטימען ניט מיט זיין פאַרשטענדעניש פון דעם געטלעכן יושר און צדק, מעג ער אָפּפרעגן, שרייען, פּראָטעסטירן.

אַזוי האָט געטאָן משה רבינו. ווען משה איז געקומען צו פרעהן אין דער געטלעכער שליחות פאַר דער באַפרייונג פון די ייִדן, און פרעה, לא די וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די ייִדן, האָט ער נאָך זייער אַרבעט שווערער געמאַכט, האָט משה מיט ביטערן פאַרוואורף געזאָגט צו גאָט:

„פאַרוואָס האָסט שלעכטס געטאָן דעם דאָזיקן פאָלק? צו וואָס האָסט מיך אינגאַנצן געשיקט? פון זינט איך בין געקומען צו פרעהן צו ריידן אין דיין נאָמען האָט ער ערגער געטאָן דעם פאָלק, און ראַטעווען דיין פאָלק האָסטו נישט געראַטעוועט.“ (שמות ה, 22).

געווען שפּעטער נאָך אַזעלכע אַרויספאָדערונגען פון משהן קעגן גאָט. זיי זענען קלאָר פאַרשריבן אין דער תורה. אָבער געענדיקט האָט ער מיט דעם סך־הכל: „הצור תמים פעלו“, דער מעכטיקער — זיין ווערק איז גאַנץ, אַלע זיינע וועגן זענען גערעכט. (האזינו 4).

אין צווישן האָט משה פאַרלאַנגט פון גאָט: „ווייז מיר דיין כבוד“, דערקלער מיר דעם זין פון דיינע וועגן... און דער ענטפער וואָס ער האָט געקראָגן איז געווען אַז ער, משה, אַזוי ווי יעדער בשר ודם, קען נאָר זען דאָס געשעענע, דאָס אָפּגעטאָענע, אָבער דעם פ אַ ר וו אָ ס און ווי אַ ז ו י — דאָס בלייבט פאַרבאָרגן. דאָס בלייבט גאָטס סוד אַליין.

מיר שפּרינגען אַריבער די דורות, אַ גרויסן שפּרונג, ביז פּאַקטיש אונדזערע אייגענע טעג, און קומען צו חסידות, וווּ מיר הערן אַפילו אַזאַ געוואַגטן געדאַנק, אַז מ׳זאָל נ י ש ט ג ע ב ן ג אָ ט ג ע ר ע כ ט. מען זאָגט נאָך פון אַ גרויסן רבין, אַז דעם פסוק פון חומש „לא תעשון כן לה׳ אלקיכם“ — איר זאָלט נישט טאָן אַ ז ו י צו אייער גאָט — האָט ער געטייטשט: איר זאָלט נישט געבן „כן“ קיין גערעכט צו גאָט...

פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווערס אויסטענהן זיך מיט גאָט ווייסן אַלע. ווייניקער באַקאַנט איז אַ וווּנדערלעכע מעשה מיט רבי פ נ ח ס ל ק אָ ר י צ ע ר.

געווען אין יענער צייט אַ גרויסער מגיד אין גאַליציע, אַ ביטערער מוסר־זאָגער. ער פלעגט אַליין אַרומפאָרן און רייסן פּאַסן פון ייִדן, און ער פלעגט נאָך אַרומשיקן תלמידים אויך, פונקט אַזעלכע שטרענגע מאַ־נער ווי ער אַליין. איינמאָל איז זיינער אַ תלמיד אָנגעקומען אין דער שטאָט, ווו רבי פּנחסל איז געווען רבי. איז ער געקומען צום רב נעמען רשות צו האַלטן דאָרט אַ דרשה און זאָגן ייִדן מוסר.

מאַכט צו אים ר׳ פּנחסל מיט אַ בייזער: וואָס ווילט איר פון די ייִדן? פאַרוואָס קומט איר זאָגן מוסר די אָרימע, ערלעכע ייִדן? זאָגט בעסער מוסר דעם רבונו של עולם! פאָרט אַהיים און זאָגט אייער מגיד, אַז איך, פּנחסל קאָריצער, האָב אַזוי געהייסן...

קומט דער תלמיד צוריק צום מגיד און ברענגט די שליחות. חידושט זיך דער מגיד, און ער פון זיין זייט זאָגט שוין מיט אַ בייזער: ווער איז ר׳ פּנחסל קאָריצער? איך האָב נאָך פון הימל זיין תורה נישט געהערט! גיי זאָג עס אים...

פאָרט דער תלמיד ווידער אין ר׳ פּנחסלס שטאָט און זאָגט עס אים. ענטפערט ר׳ פּנחסל: איך זאָג נישט קיין תורה פאַר מלאכים אין הימל, איך זאָג תורה פאַר פּשוטע ייִדן אויף דער ערד. גיי, פאָר דיר צוריק בשלום אַהיים...

קומט דער תלמיד נאָכאַמאָל צוריק צו דעם גרויסן מגיד און גיט אי־בער וואָרט אין וואָרט.

ווערט דער מגיד צעחושט און ער הייבט אָן אַ פאַרמוחטער צו שפּאַ־נען איבער דער שטוב און גייט צו צום שאַנק ספרים און ציט אַרויס אַ ספר. ס׳איז אַ מדרש. ער גיט אַן עפן און אַ בליק אַריין און ער ווערט דער־שטוינט! ער דערזעט ערשט דאָרט שטייט: אמר ר׳ פּנחס, ר׳ פּנחס זאָגט, אשרי האיש ייסרנו ה׳ (אין תהילים), ווייל איז דעם מענטשן וואָס ט ו ט ש ט ר אָ פ ן ג אָ ט...

און ייִדישקייט גייט נאָך ווייטער און זאָגט: ג אָ ט ו י ל מ׳זאָל אים שטראָפן. ווי אין ישעיה שטייט: לכו נא ונוכחה, קומט לאָמיר זיך

אויסטענהן. און די חכמים באַמערקן, אַז גאָט וויל די ייִדן זאָלן געווינען. דעמאָלט איז ער אויך דער געווינער, ווייל ער וויל דאָך ייִדן זאָלן זיין רעכטפאַרטיק און גערעכט...

זעען מיר, אַז פון יצחק קאַצענעלסאָן מיט זיין „ליד פון אויסגעשאָכטענעם פאָלק" ביז אַלמין מיט זיינע „לעצטע געזאַנגען", זענען די דאָזיקע שרייער אַנטקעגן גאָט נישט קיין אָפּנייגער פון דרך הישר, נאָר שטייען גאַנץ אין ייִדישער טראַדיציע. נאָר בתנאי...

## ב.

נישטאָ קיין גרעסערער קלאָג און יאָמער, נישטאָ ביי ייִדן און נישטאָ ביי די פעלקער, ווי „א י כ ה", דער טרויער־געזאַנג פון אונדזערע תשעה באבס. דאָ יאָמערט גאָר דער ווייטיק פון דעם ייִדן, דאָ שרייען אַלע ייִדישע דורות, דורות די שוין געוועזענע און די דורות נאָך קומענדיקע. אַלץ איז דאָ נכלל. ס'איז דאָ דער ווייטיק און ס'איז דאָ אויך פּ ר אָ־ ט ע ס ט. „איכה אצת באפיך", פרעגט דער נביא, ווי האָסטו געאיילט מיט דיין גרימצאָרן, „לאבד ביד אדומים אמוניך", לאָזן אומקומען אין דער האַנט פון אדום דיין געטרויט פאָלק? „פאַרשניטן אָן רחמנות", „פון הימל צו דער ערד געשליידערט די ייִדישע שיינקייט", ווי האָסטו עס געקענט?

אָבער ביי דעם אַלעמען זאָגט דער נביא: „צדיק הוא ה'", גאָט איז גערעכט (א, יח).

דאָס איז דער יסוד. דאָ איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַרן טראַדיציאָנעלן ייִדישן געדאַנק, סיי אין פילאָסאָפיע, סיי אין געזאַנג, פריילעכן, צי, חלילה, טרויעריקן. דאָ איז דער תנאי. און אין ערגעץ אפשר טרעט עס נישט אַרויס קלאָרער ווי אין די פאָלגנדיקע ווערטער פון דעם נביא, ווען ער זאָגט: „צדיק אתה ה' כי אָריב אליך" — דו גאָט ביסט גערעכט, אָבער איך וויל זיך קריגן מיט דיר... פאַרוואָס טוען די רשעים באַגליקן?...

פריִער מוזטו אָנערקענען אַז גאָט איז גערעכט, דערנאָך קענסטו זיך אויסטענהן מיט אים, אַפילו זיך קריגן.

און דאָס זאָגט דער נביא פון „איכה", ירמיה (יב, א).

פונדאַנען קענען מיר זען ווי ווייט אַוועק, נאָר אין אַן אַנדער זייט, אין אַ געפּערלעכער, ס׳איז דאָס קלאָג־און פּראָטעסט־ליד פון דעם היינ־טיקן דיכטער אויפן היינטיקן חורבן, ווען ער שרייט צו גאָט:

מיך עקלט דער, וואָס ליגט אין שטויב
און שיקט דיר פאַר זיין צער אַ לויב,
אַ לויב פאַר בלוט, פאַר ווי און ווינד,
פאַר אַ געקוילעטע ווייב און קינד.

די פיר שורות זענען פון אַלמיס „לעצטע געזאַנגען״. און מיר האָבן ערשט געזען ווער עס איז דער „דער וואָס ליגט אין שטויב און שיקט דיר פאַר זיין צער אַ לויב״: ס׳איז נישט קיין קלענערער ווי ירמיה הנביא...

אַלמי שיקט נישט „פאַר זיין צער אַ לויב״. ער רעדט מיט גאָט גאָר אַנדערע דיבורים:

דיין רשעות, אל צבאות האָט זיך אַנטבלויזט
דורך דיינע פינצטערע שליחים פון בערלין —
דאָס האָסטו דאָך, גאָט, דורך זיי געשאָכטן מיינע זין,
מיין ווייב און מיינע טעכטער!
דאָס האָסטו דאָך, גאָט, דו קאָסמישער, באַזויפטער שעכטער,
געפירט אַ פאָלק צו דער עקידה,
ווי ס׳האָט אברהם, אונדזער זיידע...
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אין דעם קאָסמאָס נישט קיין רו געפינען,
און אייביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה־ליד
פון ברענענדיקן ייִד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען!

און עס זענען דאָ נאָך שאַרפערע ווערטער אין די „לעצטע געזאַנגען״.

מערקט אייך: דער דיכטער דאָ לייקנט נישט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט. נאָר פון דעם חורבן אַרויסקוקנדיק, געפינט ער אַז ס׳איז אַ שלעכטער, ביי־זער, אומגערעכטער גאָט.

אָבער דערמיט מאַכט זיך דער דיכטער גאָרנישט בעסער. בעסער פון

אים איז שוין יענעם, וואָס לייקנט אינגאַנצן אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט. יענער דאַרף זיך מער דעם קאָפּ נישט ברעכן מיט די דאָזיקע קשיות, פאַר אים איז אַלץ „נאַטור" די בלינדע און טויטע, ביי וועלכער ס׳איז נישט שייך צו מאָנען אַ חשבון.

אָבער ווער עס נעמט אָן, אַז גאָט איז אַ רשע, שטייט פאַר די זעלבע שוועריקייטן ווי יענער וואָס האַלט, אַז גאָט איז אַ צדיק.

יענער וואָס האַלט, אַז גאָט איז כולו צדק, שטייט און פרעגט: ווי אַזוי־זשע דערלאָזט ער אַזאַ בייז אויף דער וועלט?

פונקט אַזוי דער וואָס זאָגט, אַז גאָט איז גאָלע בייז — ווי עס זאָגט דאָ אונדזער דיכטער — איז מחויב צו ענטפערן: פון וואַנען־זשע נעמט זיך דאָס ג ו ט ע אויף דער וועלט? עס איז דאָך דאָ גוטס אויף דער וועלט אויך, נישט בלויז שלעכטס: ס׳איז דאָ גליק, תענוג, דאָס פנים פון דער נאַטור, דאָס קינדישע פנים, קינדיש געלעכטער, ס׳איז דאָ ברכה, ווי למשל די ברכה פון טאַלאַנט, פון וועלכער אונדזער דיכטער האָט דער־האַלטן אַ שיינעם חלק. די פראַגע: ווי אַזוי האָט דער גאָט וואָס האָט באַ־שאַפן דעם שעפּס אויך באַשאַפן דעם לייב, קען געפרעגט ווערן פאַרקערט אויך: דער גאָט וואָס האָט באַשאַפן דעם לייב, וויאַזוי האָט ער אויך באַ־שאַפן דעם שעפּס? וועט דען אַלמי זאָגן, מיט די געצנדינער, אַז עס זענען דאָ צוויי געטער, איינער אַ גוטער און איינער אַ שלעכטער?

אָבער האַלטן מיר זיך ביים „שמע ישראל" מיטן א ח ד, איז נישט מעגלעך קיין אַנדער אויספיר ווי נאָר, אַז אין דעם איין גאָט באַגעגענען זיך אַלע עקסטרעמען, און אַלע סתירות גלייכן זיך אין אים אויס. אי ליכט, אי פינצטערניש, אי גוטס, אי שלעכטס.

נאָר ווי אַזוי? ווי אַזוי פאַרשטייט מען עס? וואָס טוט מען מיטן שכל, וואָס וויל וויסן ווי אַזוי די עקסטרעמען גיסן זיך צונויף אין אַ האַרמאָניע?

דערויף איז דאָ דער ספר „א י ו ב". דאָס איז דער ספר, וואָס האָט אויף דער אייביקער פראַגע געגעבן דעם אייביקן ענטפער. קיין אַנדער ענטפער וועט נישט זיין.

די מעשה מיט איובן איז גענוג באַקאַנט, נישט נייטיק אַ סך צו ברייען. איוב איז געווען אַ צדיק תמים. דאָך האָט זיך גאָטס צאָרן אויס־געגאָסן אויף אים. אַלע אומגליקן, וואָס קענען נאָר טרעפן אַ מענטשן,

האָבן אים פּלוצלינג געטראָפן. אין אָנהייב האָט ער געליטן און געשוויגן, אָבער אַז ס'איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, איז ער אַרויס מיט טענות קעגן גאָט און קעגן זיין פירערשאַפט פון דער וועלט.

זענען געקומען דריי גוטע פריינד, דערנאָך אַ פערטער, און גענומען טענהן קעגן איובס טענות. איוב האָט באַשולדיקט גאָט, און די פיר פריינד האָבן פאַרטיידיקט גאָט, אים פאַרענטפערט. אָבער מען האָט זיך נישט דערגעדט צו קיין טאָלק. ביז גאָט אַליין איז אַראָפּגעקומען און „גענומען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע".

דער שכל איז מחייב, אַז גאָט האָט געדאַרפט האַלטן מיט די פיר פריינד. אָבער ניין, גראָד פאַרקערט. ער האָט די פריינד אָפּגעפּסלט. זיי ווייסן נישט וואָס זיי ריידן, האָט ער געזאָגט, זיי „פאַרטונקלען" נאָר די פראַגע (איוב לח, ב). איוב איז גערעכטער פון זיי, האָט ער געזאָגט. און נישט אויף איובן איז ער אין כעס, האָט ער געזאָגט, נאָר אויף זיי, אויף גאָטס פאַרטיידיקער, גאָטס סטראַפּטשעס (איוב מב, ז).

נאָר איוב האָט געקראָגן גערעכט בלויז לגבי פריינד, אָבער נישט אין זיין שטאַנדפּונקט. ווען גאָט אַליין האָט אים גענומען אויפן צימבל. און וואָס האָט גאָט אַזוינס געזאָגט איובן?

ער האָט אים נישט אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער געטלעכער וועלט־פירונג. ער האָט אים נאָר געזאָגט אַן ערך אַזוי: צי דען נאָר די פראַגע פון גוטס און שלעכטס, רעכט און אומרעכט קענסטו נישט פאַרשטיין, און אַלץ אַנדערס אין דער וועלט פאַרשטייסטו? פאַרשטייסטו ווי אַזוי די ערד איז געגרינדעט געוואָרן, ווי אַזוי זי האַלט זיך, ליכט און פינצטערניש, שטורעם און שניי, די נאַטור פון חיות? אדרבא, זאָג אויב דו פאַרשטייסט, דערקלער! ס'איז איבער דיין שכל, איוב. אַזוי איז אויך איבער דיין שכל די פירונג פון דער השגחה.

פון דאַנען פאַרשטייען מיר פאַרוואָס גאָט האָט געצאָרנט אויף זיינע פאַרטיידיקער. ער האָט געצאָרנט, ווייל זיי האָבן געפּרוווט דערקלערן גאָטס פירונג ל אָ ג י ש, זיי האָבן זיך געמיט אַריינצושטעלן אַ סיסטעם אין דער מיסטעריע, אַ שכלדיקן סדר אין דער השגחה, לויט מענטשלעכן פאַר־שטאַנד. אָבער דאָס איז אַן ענין וואָס ליגט דרויסן פון די גרענעצן פון דעם

מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ס'איז אַ באַריער, איבער וועלכן דער מענטש קען קיינמאָל נישט אַריבערשפּרינגען.

אָבער איובן האָט גאָט גערעכט געגעבן מיט זיין פּ ר ע ג ן. אַפילו מיט זיין ביטערן פּראָטעסטירן. מ׳ מ ע ג פּ ר ע ג ן. אַ מענטש מעג אַריינקוקן אין דער השגחה און שטעלן קשיות. ער איז עס אַפילו מחויב. דער „חובת הלבבות״ שרייבט, אַז דער וואָס האָט דעם טאַלאַנט צו פי־לאָסאָפירן און פילאָסאָפירט נישט, איז עובר אַן עבירה מדאורייתא.

דער אויספיר פון דעם ספר „איוב״ איז, הייסט עס, בכלל אַ נעגאַ־טיווער. פון דעסטוועגן איז עס נישט אינגאַנצן אַזוי. אין די פּסוקים 8 ביז 14, קאַפּיטל מ׳, ליגט, שיינט מיר, אַ גרויסער פּאָזיטיווער בייטראָג צו דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס אויף דער וועלט. דער זין פון יענע פסוקים איז אַזוי:

גאָט זאָגט: דו, איוב, מאַכסט מיך פאַרן רשע און זיך פאַרן צדיק. אויב דו פילסט זיך אַזוי מעכטיק אַז דו וואַגסט זיך צו פאַרמעסטן מיט גאָט אַליין, טאָ נעם און טו זיך אָן מיט דיין גבורה און נוץ זי אויף די רשעים! פאַרפלייץ זיי מיט דיין צאָרן. בייג איין זייערע קעפּ, צעטרעט זיי און פאַרשאַר זיי אין דער ערד, און דעמאָלט וועל א י ך ד י ך גרויסן און לויבן!

אין אַנדערע ווערטער: די פראַגע פון גערעכטיקייט פאַרן צדיק און שטראָף פאַרן רשע איז אין תוך גענומען אַ מ ע נ ט ש ל ע כ ע פראַגע. קוק נישט, מענטש, אַרויף צום הימל אַז פון דאָרט זאָל דיר געפירט ווערן דער צדק און יושר אויף דער ערד! טו, קודם־כל, דו דיין חוב און וואָס אין דיין מאַכט ליגט, און וואָס איז גאָטס חוב, לאָז איבער צו גאָט.

אין ליכט פון אַזאַ באַטראַכטונג, דעריבער, קלינגען פאַלש אַזעלכע ווערטער ווי פון אונדזער דיכטער:

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?<br>
דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אַ שטאָט,<br>
דער פולווער, וואָס צערייסט אַ לייב —<br>
זיי זענען דיין, דיין צייט־פאַרטרייב...

און ער האָט נאָך ביטערערע לידער דערפֿון. און זיי זענען אַזוי ביטער, ווייל זיי זענען אַזוי גלאַנצנדיק געשריבן.

נון, פֿון די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן דאָ געזען פֿון א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען" קומט דאָך אויס, אַז ער איז כולו חייב. געפֿינען מיר אָבער אין זעלבן ביכל אַזאַ ליד:

אשרי האיש —
דאָס תהלימל אויפֿן טיש
ליגט אָפֿן און אַליין,
ווי אין מדבר אַ געוויין,
און האיש, דער מענטש איז נישטאָ
אין אַזאַ שפּעטער, פֿינצטערער שעה.
ווו איז דער מענטש?

אָט דאָ האָט דער דיכטער געלייגט זיין פֿינגער אויף דער ריכטיקער מכה פֿון אונדזער צייט, און פֿון אַלע צייטן: דער מענטש, דער מענטש, ווו איז דער מענטש?

עס פֿעלט נישט דער גוטער און פֿרומער וועגווייזער. דאָס תהילימל איז דאָ, עס איז גרינג צוצוקומען און פֿאַרשטיין אויך, עס ליגט אָפֿן, נאָר דער מענטש איז ליידער נישטאָ...

קומט אַזאַ ליד און איז מכפּר פֿאַר די גאָט־שעלטנדיקע. און עס זענען דאָ אַ סך אַזעלכע צווישן די „לעצטע געזאַנגען", פֿרומע, מונטערע, לעבנס־באַיאָענדיקע, אַפֿילו פֿריידיקע.

נאָר דאָס בעסטע פֿון זיי און דאָס שענסטע איז אַ זמר וועגן ר' יוחנן הסנדלר, דעם תנא וואָס איז געווען אַ שוסטער: „אמר ר' יוחנן הסנדלר". ווען מ'זאָל דאָס דאָזיקע ליד לייגן אויף איין וואָגשאָל און אַלע אַנדערע לידער פֿון דעם ביכל אויף דער אַנדערער וואָגשאָל, וואָלט ר' יוחנן אַריבערגעוווֹיגן.

דאָס איז אַ ליד פֿון עפּעס אַזאַ מאָדנער שיינקייט און זיסקייט, אַז עס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּמשלען מיט ווערטער, אָדער אַפֿילו מיט דירעקטע ציטאָטן. מ'מוז עס לייענען אינגאַנצן, און לייענען עס מיינט — איינ־

שלינגען, און איינשלינגען עס מיינט — שיכור ווערן מיט אַ פּאַטישער שיכרות און גיין אַ טענצל... אַפילו אין אונדזער ביטערער צייט.

מיט אַזאַ ליד אין דעם ביכל זייט־ביי־זייט מיט די לעסטער־לידער, ווייס איך נישט וואָס עס וועט זיין אין הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען אַ. אַלמי וועט קומען אויף יענער וועלט: קומט אים גיהנום? קומט אים גן־עדן? מ׳וועט „דאָרט״ בלעטערן דאָס ביכל און בלעטערן. מ׳וועט אי־בערלייענען איין ליד: גיהנום! מ׳וועט איבערלייענען אַ צווייט ליד: דוכט זיך, גן־עדן... און איך האָב מורא, אַז דער פּסק־דין וועט זיין גלייך אויף גלייך: אַ טאָג איבער אַ טאָג: איין טאָג גיהנום, איין טאָג גן־עדן... אַזוי אויף אייביק.

נאָר ווי דער פּסק־דין זאָל נישט אַרויסקומען: לייענען די לידער „דאָרט״ וועט מען...

און הנאה האָבן...

(„פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 22 און 24 אויגוסט, 1955).

# פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס אין א. אַלמיס לידער

פון

ד״ר ל. זשיטניצקי

אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג קען אַמאָל אויך זיין אַ מעדיטאַציע. דער קריטיקער דאַרף אייגנטלעך ממלא זיין דעם דיכטער און דאָס בין איך אויסן מיט א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען". עס איז נאָר אַ קליין ביכעלע לידער, וואָס רעגט אָבער אָן אויף מחשבות, באַזונדערס ווען מען נעמט אין באַטראַכט די מערכה פון דער איצטיקער יידישער דיכטונג. ווייניק פרייד געפינט מען אין דער איצטיקער יידישער דיכטונג, זי רעגט אָן מער אויף טרויער, זינגט אַריין אין אַ ריכטיקן „איכה" וואָס ס׳איז אויך געוואָרן איר פאַרכישופטער קרייז. נישט אייביק זיצט מען שבעה. נאָך „שלו־שים" ענדערט מען איין שטימונג בכדי אַריבערצוגיין אין אַ צווייטער. די יידישע דיכטונג אָבער רירט זיך נישט אין דעם פּרט פון איר טרויער־פונקט און טרויער־פונקטן זענען נישט מסוגל צו וועקן די נשמה. דעריבער טיילט מען אויס א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען", ווייל זיי רעגן אָן נשמה־וועקונג, אויך אַ געוויסע פרייד. ס׳איז גענוג צו ציטירן דאָס ווייטער־דיקע ליד:

„ויצא יעקב — יעקב גייט,
ווערט אויף וועגן אַזאַ פרייד.
אַזאַ פרייד, אַזאַ געזאַנג —
אין זיין גאַנג.

## א. אַלמי־בוך

פון באר־שבע ביזקל חרן
בלאָזט דער ווינט, ווי אין אַ האָרן:
מאַכט אַ וואַרע, זייט געגרייט —
יעקב גייט!

בייגן ביימער איין די צווייגן
מיט די טייטלען, ניס און פייגן —
כיבוד פיינעם, ווי עס פּאַסט
אַזאַ גאַסט.

זינגען זאַנגען אין אַ זמר.
קינדער, רינדער, עופות, לעמער
הוליען, טוליען זיך מיט פרייד
צו זיין קלייד.

קוועלן קוואַלן, לאַכן זאַכן —
שטויבן, דרויבן אויף די שליאַכן.
און ס'באַגלייט דעם פּאַסטעכס פּלייט:
יעקב גייט!"

איך ציטיר בכיוון דאָס גאַנצע ליד אַרויסצוברענגען די פרייד פון אַזאַ דיכטונג וואָס אָטעמט מיט דאַנקעגישן און שיינקייט. געוויס זענען ביי א. אַלמין אויך פאַראַן לידער פון טרויער, אָבער נישט קיין פּאַרטרויערטע און דאָס איז דער עיקר. דיכטונג דאַרף און מוז בכלל זיין פרייד און דער ווערט, ווי די גרויס פון אַ ליד, ווערט געשאַצט לויטן אופן, ווי עס באַווייזט אַ טרויער פון אַן איבערלעבונג צו פאַרוואַנדלען אין אַ פרייד פון שאַפונג.

איז א. אַלמי אַ סימבאָליסט, אַ מיסטיקער? פאַראַן אַ סך סענסיטיווקייט אין זיין דיכטונג, אָבער די סענסיטיווקייט איז אַ באַמערקווערטיקע און אַ מערקווירדיקע. דאָס סענסיטיווע אין א. אַלמיס ליד פירט נישט צו עראָטיק, נאָר גאָר צום אינטעלעקטואַליסטישן. א. אַלמי באַווייזט די

אײגנשאַפט פון פאַראײניקן דאָס סענסיטיווע מיטן אינטעלעקטואַליס־טישן, הגם דאָס סענסיטיווע און דאָס אינטעלעקטואַליסטישע זענען צוויי קאָנטראַ־פּאָלוסן. אַ באַזונדערן אויסדרוק באַקומט אָט־די אײגנשאַפט א. אַלמיס אין זײַן ציקל געזאַנגען „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״.

ווען מען זאָל גײן ליד נאָך ליד, וואָלט מען געקענט אויפשטעלן אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דיכטעריש־פילאָסאָפישער מעדיטאַציע. מען וועט זיך אָבער אָפּשטעלן און באַרירן נאָר אײניקע, די מער כאַראַקטעריסטישע לי־דער פון א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען״. אָט נעמט אַזאַ סטראָף פונעם ליד „טאַנץ, טענצערין, טאַנץ״:

„אַ טאַנץ, אַ טאַנץ אַזאַ,
אַ טאַנץ פון צער, וואָס לאַכט;
אַ טאַנץ וואָס וויינט אין פרייד,
אַ טאַנץ נישט דאָ געדאַכט. —״

ווען זאָגט א. אַלמי אַזאַ וואָרט? — ווען ער זעט פאַר זיך אַ ברענענ־דיקע וועלט, אַ פלאַקערדיק הויז. און ווײַל ער האָט פאַר זיך אַזאַ וואָר־הייטבילד, אַזאַ גרויזאַמע רעאַליטעט רעוואָלטירט ער קעגן גאָט, וואָס זיצט מיט אַ קין־צייכן אויפן כסא־הכבוד, — דעם רעוואָלט לייגט ער אַריין איובן אין מויל. נישט דער קטיגור שטייט פאַר גאָט און מאָנט זײַנע רעכט איבער איובן, אויסצופּרוּוון דעם גערעכטן, נאָר

„איוב שטייט פאַר אים אַ שטאָלצער
און מאָנט חשבון ווי אַ האַר —
פאַר דורות טרויער, טויט און אומגליק,
פאַר יאָרהונדערטער פון צער.

איוב הייבט אַ פויסט: באַשעפער,
אין בלוט פון דורות זינקט דיין טראָן;

א. אַלמי־בוך

פאַר אַלע דורות מאָן איך חשבון,
פאַר טויט און שרעק קלאָג איך דיך אָן!"

שטערן לעשן זיך ווי דורות.
שטאָק־פינצטערניש, געוויין, קאָשמאַר.
גאָט שטייגט אַראָפּ פון טראָן און בוקט זיך
פאַר איובן, זיין שטאָלצן האַר".

צוויי ווערדיק־דיכטערישע עלעמענטן פאַראָגט אַזאַ ליד: ס'איז טיף־פילאָסאָפיש און שאַרף־רעוואָלוציאָנער, — עס איז דער רעוואָלט פונעם מענטש קעגן באַשעפער, — דער מענטש וויל נישט זיין מער אונטערטע־ניק דעם געטלעכן, נאָר זיין דער האַר, וואָס פאַרמעסט זיך אויף גאָטס אומגערעכטיקייטן. דאָס איוב־ליד ווערט דערגאַנצט דורך אַן אַנדער ליד, וואָס באַציט זיך שוין דירעקט אויפן מענטש. זינגט א. אַלמי:

„איטלעכער מענטש איז אַ נביא,
וואָס מוסרט און שטראָפט זיך אַליין;
— יעדע וואַנט איז אַ כותל־מערבי,
וואָס יאָמערט מיט אונדזער געוויין.

אַזוי ווי דעם נביא זכריה —
מיר טייטן דעם נביא אין זיך;
רוישט זיין בלוט — אַ רויטפלאָמיקע אַריע —
אין קדשי קדשים פון „איך".

און דאָס ליד פאַסט זיך דורכויס צו א. אַלמיס דיכטערישן „איך". דאָס מיינט צו זאָגן, אַז א. אַלמי איז דער דיכטער־אינדיווידואַליסט. ווער עס באַטראַכט עס פאַר אַ חסרון און ווער פאַר אַ מעלה, נאָר דרינגט מען אַריין אינעם תוך פון דיכטער, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז אין אַלע זיינע מאַניפעסטאַציעס איז יעדער שרייבער אַן אינדיווידואַליסט, און דער אינדיווידואַליזם בכלל איז די הויכע מדרגה פונעם דענקענדיק־מעדיטאַטיוון יחיד און עס שטערט נישט דורכויס אָפּצושפּיגלען קאָלעקטיווע

געפילן און איבערלעבענישן. וואָס שאַרפער ס׳איז אַנטוויקלט דאָס גע־פיל פון אינדיווידואַליזם אַלץ שטאַרקער וועט וואַקסן די קראַפט פונעם קאָלעקטיוון. דאָס קאָלעקטיווע וועט ווערן שטאַרקער, פולער און רייפער דורכן ראַפינירט־אַנטוויקלטן דענקען און פילן, דורכן אינטעלעקטועלן און סענסיטיוון. און מע וועט עס פרווון אילוסטרירן מיט אייניקע ציטאַטן פון א. אַלמיס צוויי לידער. אינעם ליד „נאָך דער שלאַכט" זאָגט א. אַלמי:

„אַצינד בין איך אַליין — אַליין מיט זיך און נאַכט
און ס׳דאַכט מיר: כ׳בין אַ זעלנער, וואָס האָט אויפגעוואַכט
אין וווּנדן, נאָך אַ שלאַכט, אַליין אין פעלד —
און פילט ווי ס׳בלוטיקט אין זיין לייב די וועלט."

דעם וויי פון דער וועלט טראָגט נישט דער קאָלעקטיוו, נאָר דער יחיד.

מע דאַרף נישט אָנגעמען, אַז ס׳איז פעסימיזם. ס׳איז דאָס סקעפ־טישע פילן פונעם דיכטער, און סקעפטיציזם איז אָפטמאָל די כאַראַקטע־ריסטיק און אייגנשאַפט פונעם מעדיטאַטיוון. ביי א. אַלמין איז דאָס סקעפטישע אַ פועל־יוצא פון זיין שאַרפן אינדיווידואַליזם, וואָס דרינגט אַריין ביי אים אין איינזאַמקייט. דער דיכטער שטרייכט עס אונטער אין זיין ליד „באַהעפטונג". מחשבותט דער דיכטער:

ווער ווייס, צי איינזאַם איז אַ גראָז
צווישן אַלע גראָזן;
נאָר איך בין איינזאַם ווי אַ האָז
אין נאָרע ווו, פאַרלאָזן.

— — — — — — — — — — — — —

„כ׳וויל באַהעפטן זיך מיט מער,
מיט פאָלק אין אומגליק קלאָגן;
און נאָך מיין טויט זאָל ווייגען ווער
און קדיש נאָך מיר זאָגן".

אַזעלכע סטראָפן קלערן־אויף די מענטשלעך־פסיכאָלאָגישע אייגנ־שאַפטן פונעם דיכטער אין זיינע סענסיטיוו־אינטעלעקטועלע מעדיטאַ־

ציעס. דאָס איז אויך דער כאַראַקטער פון א. אַלמיס ביכל לידער „לעצטע גזאַנגען״. האָבנדיק פאַר זיך דאָס פּסיכאָלאָגישע בילד פון דער דיכטערישער פערזענלעכקייט קאָן מען אַריינקוקן אין זיין „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״, וואָס איז אַן אמתע אַנטפּלעקונג פון הומאַניסטיש־פילאָסאָפישע קאָנצעפּטן און קבלה־ספּיריטועלע נייגונגען. די גזאַנגען „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ זענען די נשמה, דער צענטער פונעם דיכטערס גייסטיקן „איך״ און אין אַ סך פּרטים אַ ריכטיק־דיכטערישער אני מאמין.

„אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״, — יוחנן דער שוסטער האָט געזאָגט — נישט די לעגענדאַרישע, נאָר די רעאַלע פיגור פון רבי עקיבאס תלמיד, אַז „די תורה אָן יידן איז ווי אַ שוך אָן אַ מוסטער״, אָבער אויך „אַ ייִד אָן דער תורה איז אַ באָרוועסער קריכער, וואָס צעבלוטיקט די פיס זיך און זיין גאַנג איז נישט זיכער״. „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ איז געשריבן אין דער פאָרעם פון פיוטים און דורך דער מחשבה פון יוחנן הסנדלר זאָגט אַרויס דער דיכטער זיינע תפלות, רעדט ער וועגן זיין ליבע צו קבלה, וועגן זיין פילאָסאָפיע־דורכדרינגלעכקייט, און איבער דעם אַלעמען דאָס געפיל פון מוסר. א. אַלמי ווייסט, אַז דעם אין־סוף קאָן מען נישט שיפרירן, אָבער פאַרן דיכטער איז נאָר דאָס דער „עיקר״. און צו דעם עיקר ווענדט ער אויך זיין געזאַנג:

„נישט שפּאַנען, נישט איילן,<br>נישט וואַקלען זיך שכור;<br>דער עיקר — דאָס וויסן,<br>דער ציל איז דער עיקר״.

זענען דען די שטיוול שולדיק ווען דער וועג איז אַ שלעכטער? צוויי וועכטער זענען פאַראַן און דאַרפן זיין: דער פוס און דער שכל. דער שכל פירט און דער פוס גייט. ס׳איז פאַרשטענדלעך די אַלעגאָריע, ענלעך ווי עס איז אַלעגאָריש דער דיכטערישער זאָג, אַז „דער בעסטער און דער שענסטער שטיוול, איז אָן אַ פוס — אַ פּוסטער״. דעריבער זינגט דער דיכטער זיין „מזמור שיר לשוסטער״. ענלעך ווי דער שוסטער גיט פאָרעם דעם שטיקל לעדער, אַזוי איז אויך מיטן מענטשלעכן שכל, — די פלינקע האַנט פונעם שוסטער גיט דעם לעדער אַ פאָרעם, „קריגט פאַרשטאַנד״.

און אַזוי גייט עס ביים דיכטער, — „אַ שיכל, אַ תּפילה, טריט און טראָט אַ זמר צו מענטשן און צו גאָט".

מענטש איז ראשית, גאָט איז שנית. עס זענען בכלל פאַראַן דריי אייגנשאַפטן, אַ מין „טריניטעט" צו וואָס דער מענטש זאָל שטרעבן: „חכמה, ליבע, שלמות". חכמה ווידער איז פאַרבונדן מיט שיינקייט, חכמה און שיינקייט בילדן די האַרמאָניע —

„וואָרן אַלץ איז איין האַרמאָניע,
אַלץ פאַרוועבט איז אין גאָטס מוסטער — — — —
אַזוי זאָגט אני הקטן,
איך, רב יוחנן דער שוסטער".

שלימות ווידער איז דאָס העכסטע שטרעבן, אינעם ווילן צו דערגרייכן שלימות איז דער תּכלית פונעם לעבן און דער מענטש זאָל פון דעם לערנען מוסר, — דער מענטש זאָל פון דעם לערנען וואָס ער דאַרף נישט טאָן און טאָן מיט חשק און שׂכל. געפיל, ליידנשאַפט דאַרפן גיין האַנט ביי האַנט מיט ליבע און שׂכל. דעמאָלט געפינט אויך די אהבה איר זין. און אהבה איז שייך נישט נאָר די ערדישע, נאָר אויך

דער וואָס פילט אין זיינע ביינער
אַ נאָנט באַהעפטעניש מיט גאָט —
האָט אין געדאַנק, אַ לויטער־ריינער,
דערגרייכט די טיפן פון אחד".

דאָ קומט אַריין דער דיכטער אינעם רייך פון קבלה און, — דאָס זענען די אייגנשאַפטן פונעם ציקל „אמר רבי יוחנן הסנדלר", — דער דיכטער פאַרבינדט קבלה מיט פילאָסאָפיע, טראַנספאָרמירט אין דיכטערישער עמאַנאַציע, ווו דער דיכטער פירט אויס: אַלע מענטשן, וועלטן זאָגן תהילים און תהילים גופא איז אַ געזאַנג, געדאַנק און אַ געוויין „פון יעדן חוש און ביין".

א. אַלמיס „לעצטע געזאַנגען" זענען באמת דאָס ווונדערלעכע ליד פון אַ סענסיטיווער נשמה, וואָס לעבט אין דער וויזיע און שיינקייט פון מעדיטאַציעס, ווו שׂכל און געפיל בילדן די שיינע האַרמאָניע און זענען אַ

## א. אַלמי־בוך

שטיל־ניגונדיקע מוזיק פון אַזאַ „אחד״, וואָס שטייט אַ שטאָלצער און מאָנט חשבון ווי אַ האַר, —

„פאַר דורות טרויער, טויט און אומגליק,
פאַר יאָרהונדערטער פון צער״.

(„אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״, בוענאָס־איירעס, 1955)

# וועגן „לעצטע געזאַנגען" פון א. אַלמי

פון

משה גראָסמאַן

דאָס וואָרט „לעצטע" איז אַן אָפּשרעקנדיק וואָרט. די לעצטע געזאַנגען זענען פון אונדזערע אומגעקומענע שרייבער. אָבער א. אַלמי — לעבט, דאַנקען גאָט. ער האָט ביז איצט אָפּגעדרוקט 21 ווערק אין יידיש, 3 אין ענגליש און 1 אין פויליש. און ער האָט נאָך ליגן ווערק אין שופלאָד, נישט אַרויסגעגעבענע. און ער שרייבט פּראָזע, און ווערק וועגן פילאָסאָפיע, עסייען, און ביכער מיט הומאָרעסקעס, און שרייבט וועגן ספּיריטואַליזם, וועגן העכערע געהיימע כוחות אין לעבן, און שרייבט אויך לידער, פּאָעזיע. דאָס לעצטע בוך לידער איז שוין דאָס זעקסטע. און די דאָזיקע לידער האָבן אַלע אייגנשאַפטן פון א. אַלמי דעם שרייבער: קודם כל — טאַלאַנט, געשמאַקן טאַלאַנט, מיט חכמה, און מיט הומאָר, מיט ליריק און מיט פילאָסאָפיע, מיט עקזאַלטאַציע און מיט סקעפּטיציזם, לייכט און ערנסט, גרינג און טיף, מיט בלוטיקן כעס און איראָנישן שמייכל. און אַלץ אין אַ לייכטער פאָרעם, פאַרשטענדלעך, אַפילו פלינק, באַטעמט.

פאַראַן אַ פּאָעזיע וואָס גלאָצט מיט אומפאַרשטענדלעכקייט, הילט זיך איין אין פוטעראַלן פון מכלומרשטער טיפקייט, באַמזוזהט זיך מיט אַבסטראַקטע מעטאַפאָרן, קאָקעטירט מיט זינלאָזיקייטן, סטראַשעט מיט אויסגעמוטשעטע ווערטער פון עפּעס אַ פאַרסמטער פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע.

אַלמי איז דאָס, דאַנקען גאָט, נישט. אים פאַרשטייט מען, זיינע לידער לייענט מען מיט הנאה. איז פאַרוואָס־זשע האָט ער אַ נאָמען געגעבן זיין לעצט בוך לידער „לעצטע געזאַנגען"? און וועגן דעם שרייבט

ער אויך אין פאָרוואָרט — אַז מער וועט ער קיין לידער נישט פאַרעפנט־לעכן, באשר אַ רעצענזענט אין אַרגענטינע האָט געשריבן: „א. אַלמי איז אויך אַ דיכטער״. איז פאַר דעם וואָרט אויך האָט ער זיך דאָס אַזוי שטאַרק באַליידיקט*. אוי, ווען מען זאָל וועלן זיך באַליידיקן פון אַ רע־צענזענט, צי פון אַ קאָלעגע־שרייבער, וואָלט מען באַדאַרפט נישט נאָר נישט אַרויסגעבן קיין נייע ביכער, נאָר צוריק פאַרמעקן אַלדאָס שוין אָנ־געשריבענע און געדרוקטע. ווייל עס זענען דאָ שרייבער, וועלכע שרייבן נאָר מיט טינט, מיט שיינע פעדערס, אַפילו אויך מיט טאַלאַנט, אָבער מיט אַזאַ טאַלאַנט וואָס זיצט נישט אין האַרץ, נאָר ערגעץ אַנדערשוווּ. מילא, מאַלע וואָס איינער האָט אַ שיינעם באַריטאָן — דערפון איז נאָך גאָרנישט געדרונגען אַז ער איז אַ מענטש פון גייסט, אַ מענטש וואָס איז באַלאָדן מיט די כאַראַקטעריסטיש־קינסטלערישע ליידן. אייניקע פון זיי זענען אַפילו גאַנץ געשיקטע קאָמערסאַנטן. עס טרעפן אויך, נישט געדאַכט, קרעטינען, באַגרענעצטע, פּיצעלעך מענטשעלעך. איז וואָס־זשע האָט זיך אַלמי אַזוי באַליידיקט פון אַ באַמערקונג פון אַ קריטיקער, וועלכער איז אין דעם פאַל גראָד גאָרנישט אויסן געווען? לאָמיר איבערגיין צו די לידער גופא, עפּעס ציטירן פון זיי:

## יום־הדין

אין יום־הדין — אין מיטן־נאַכט — אין מיטן וואָך —\
שטייגט אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראָך —\
אַ ייִד מיט פלאַקערדיקער באָרד\
און גלי־ענדיקן וואָרט\
און שטרעקנדיק צו גאָט אַ ברענענדיקן מחזור —\
הייבט ער זיין קול אויף — און אַ געביילטע פויסט:\
— דו אכזר!

---

* א. אַלמי האָט שפּעטער אויפגעקלערט, אַז זיין באַשלוס האָט קיין שייכות נישט צו דער „אויך״־באַמערקונג, נאָר איז אַ פּועל־יוצא פון דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס לידער־זאַמלונגען פוילן אויפן בוידעם, אָדער אין קעלער.

דיין רשעות, אל צבאות, האָט זיך אַנטפּלעקט, אַנטבלויזט
דורך דיינע פינצטערע שליחים פון בערלין —
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דורך זיי, געשאָכטן מיינע זין,
מיין ווייב און מיינע טעכטער!
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דו קאָסמישער, באַזויפטער שעכטער,
געפירט אַ פאָלק צו דער עקידה,
ווי ס׳האָט אברהם, אונדזער זיידע,
געפירט אַמאָל זיין זון — אויף דיין באַפעל.
זע, אונדזער בלוט איז אויף דיין שוועל!
אַלמעכטיקער, וואָס בין איך קעגן דיר? אַ וואָרעם,
ווי אַלע קדושים אין די קברים —
דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פּחד — און איך קלאָג דיך אָן
פאַר נאַכט און וועלט.
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס נישט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה־ליד
פון ברענענדיקן ייִד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען.

חלילה צו מיינען, אַז דאָס איז אַ גאָט־לעסטערונג־ליד. נאָר אויב מ׳האָט אַ גאָט אין האַרץ, קאָן מען אַזוי שעלטן און פלוכן.

איז דאָס פון די כאַראַקטעריסטישסטע לידער, פון די סאַמע בעסטע?
— ניין, פאַראַן נאָך בעסערע און מער כאַראַקטעריסטישע לידער אין דאָזיקן בוך, וואָס טאָר נישט זיין דאָס לעצטע פון אים. חלילה!

(„אונדזער היינט״, תל־אביב, 17טער דעצעמבער, 1954)

# דער דיכטער פון פּראָטעסט

פון

## ש. איזבאַן

דאָס איצטיקע לידער־בוך האָט א. אַלמי אַ נאָמען געגעבן „לעצטע געזאַנגען" און זיך באַוואָרנט מיט אַן אַריינפיר־וואָרט, וואָס איז אי לי־טעראַרישע פּלוגתא, אי אַ דעפיניציע פון זיין שעפערישן אני־מאמין. די הקדמה אַליין האָט אין זיך אַלע פייערווערק, וואָס קענען אַרויסרופן אַ העפטיקן וויכוח מצד די, וועמען דער דיכטער איז ווילִיק אַריינצוציִען אין אַ הייסער פּאָלעמיק. אָבער „לעצטע געזאַנגען" דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן קודם־כל ווי אַ פּאָעטישער אָפּקלייב מיט אַ רעפּרעזענטאַטיוון — כאָטש אומעטיקן — נאָמען און עס ווילט זיך רעדן וועגן דעם לידער־פאַרמעגן, וואָס דער דיכטער שטעלט אַרויס פאַר דער וועלט ווי אַ רייפן צושטייער.

פּאָעזיע איז ביי אַלמין איין צווייג אין זיין פילזייטיקער ליטעראַרי־שער קאַריערע און ווי אייגנאַרטיקע פּאָעזיע איז דאָס אַ גאָר רייפע אויסדרוק־פאָרעם פון זיין ליטעראַרישער פּראָדוקציע. א. אַלמי האָט מייס־טערהאַפט אויסגענוצט כמעט אַלע פאָרמען פון פען שאַפונג: דעם שיר, די דערציילונג, דעם פעליעטאָן, די עסיי, דעם אַרטיקל, ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג, פּאָלעמיק וועגן קולטור. זיין קינסטלערישער אומרו האָט אים אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן געטריבן צו פילאַרטיקייט און פילזייטיקייט. און ווען דער הונגער איז טיילווייז געשטילט געוואָרן און עס איז געקומען די באַרוִיקונג, איז אַלמי צוריקגעקומען צו יענער סטאַזִישער ניכטערקייט פון וועלכער ער אַליין איז אַזאַ שטאַרקער אָנהענגער — די ניכטערקייט, וואָס קריגט אויסדרוק אין אַ פול, קוועלנדיקן ליד.

די דיכטונג אין דער איצטיקער זאַמלונג „לעצטע געזאַנגען" באַשטייט

נישט בלויז פון ניכטערע לידער. שוין אין דעם צווייטן ליד „יום הדין“, וואָס איז אַ הילכיקער אָפּקלאַנג קעגן דעם, וואָס רעגירט איבער הימל און ערד, פּראָטעסטירט דער פּאָעט בקולי קולות אויף דער אכזריות פון אל צבאות, וועלכער האָט דורך די פינצטערע שליחים געלאָזט שעכטן די זין פון יידישן פאָלק. דער ייִד מיט דער „פלאַקערדיקער באָרד און ברענענ־דיקן מחזור“ איז, דורך אַלמיס מויל, געוואָרן דער העפטיקער קטיגור קעגן דעם גאָט, וואָס האָט געפירט אַ פאָלק צו דער עקדה און נישט חרטה געהאָט אין דער רגע פון נסיון.

א. אַלמי דערציילט אין זיין אָנקלאַגע, אַז אין יום הדין — אינמיטן נאַכט, אינמיטן וואָך — שטייגט אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראָך, אַ ייִד, וואָס הייבט אויף זיין גליִענדיק קול און אַ געביילטע פויסט און וואָגט צו זאָגן: דו אכזר! דיין רשעות האָט זיך אַנטפּלעקט, אַנטבלויזט... דער צאָרנדיקער דיכטער ציילט אויס די קריוודעס פון דעם אַלמעכטיקן קעגן זיין פאָלק, אָבער ער באַרויִקט זיך נישט מיט דעם צאָרן, נאָר ער שטעלט זיך פאַר דעם באַשעפער ווי אַ מאָנער פון די אַלע, וואָס זענען געגאַנגען צו די שייטערס. ער ווייס, אַז ער איז קעגן דעם וואָס לעבט אייביק, אַנמעכטיק ווי אַ וואָרעם, הילפלאָז ווי אַלע קדושים אין די קברים — דאָך שטייט ער פאַר אים אָן פחד און וואָרנט: איך קלאָג דיך אָן פאַר נאַכט און וועלט. זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן און איי־ביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה־ליד פון דעם ברענענדיקן ייִד...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דעם ליד „יום הדין“, ווייל די שורות זענען רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דעם פּאָעטס געמיט. א. אַלמי, וועלכער רעדט די האַרבע רייד דורכן מויל פון דעם ברענענדיקן ייִד — איז אַליין געוואָרן דער צאָרנדיקער קטיגור קעגן דער העכסטער מאַכט, וואָס האָט געטריבן זיין פאָלק צום שייטער.

פאַראַן אַ ליד אין דעם בוך „בלעק־אוט“ (פאַרטונקלונג), וואָס איז אַ שאַרפע לעסטערונג אויף יענער העכסטער מאַכט, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער יצירה. און נאָך דעם לעסטערנדיקן ליד קומט אַ צווייטס און אַ דריטס און פערט ליד און ס׳זאַמלט זיך אַ קנויל מיט לידער, אַ געפלעכט פון פערזן, וואָס ווערט איין געוואַלד־געשריי קעגן הימל. די פערזן פון צאָרן און פּראָטעסט זענען נישט פריי פון די טענער פון שפּאָט און סאַר־

קאַזם, וואָס קומען פון גרויסער אַנטוישונג ביים דיכטער. ווייל ווי דען אַנדערש קען מען אויפנעמען אַזאַ אויסרוף: שטייט אויף צו חצות, איר שטאָלצע גאָט־געקושטע שלעפער! שטייט אויף, געפייניקטע, צו קללה און צו תפילה!

אין דעמזעלביקן געמיט זענען געשריבן די לידער „שמע ישראל״; „געטאָ״; „וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ גאָט״; „געלע לאַטע״; „שטאָט־משוגענער״; „איוב״.

אַפילו אין דער ווייטערדיקער אָפּטיילונג אינעם לידער־בוך „אַליין און באַנאַנד״, ווו דער דיכטער נוצט נישט דאָס פייערדיקע לשון, נאָר הייבט אָן מיט מעדיטאַציעס, מיט חשבון־הנפש און מיושבדיקע באַטראַכטונגען פון וועלט און מענטש, האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז די האַמערדיקע רייד פון דעם קטיגור קעגן די געטלעכע כוחות האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעטאָן פון אים. אָט ווי א. אַלמי זאָגט סקעפּטיש־סאַרקאַסטיש: אשרי האיש — ס׳תהילימל אויפן טיש ליגט אָפן און אַליין, ווי אין מדבר אַ געוויין. און האיש, דער מענטש איז נישטאָ אין אַ שפּעטער, פינצטערער שעה...

דעם דיכטערס אַנטוישונג טרייבט אים זיך דורכצורעדן מיט יענע חכמים, וואָס זייער לערע האָט א. אַלמי יאָרנלאַנג דעפינירט אין זיינע קערנדיקע, אויסגעפּורעמטע עסייען, ווען ער האָט געשריבן מכוח געטער און רעליגיעס. דער דיכטער איז אַזוי זיכער, אַז די, וואָס זייערע פילאָסאָפישע טראַקטאַטן און שיטות ער האָט פאַרטייטשט און אַנאַליזירט, וועלן אים איצט געבן באַשייד אויף דעם גרויסן רעטעניש פון אונדזער פאַרדאַרבענער צייט, אַז ער זעט ווי פון די ביכער־פּאָליצעס שפּאַצירן אַראָפּ קאָנפוציוס און סאָקראַטעס, ספינאָזאַ און דער רמב״ם. מזרח קומט זיך צונויף מיט מערב, צפון שטרעקט אויס אַ האַנט צו דרום און די חכמים פון אַלע פיר עקן וועלט שטעלן זיך אויס אין אַ קרייז און האַלטן אַן עצה ווי אַזוי דער אָפּגעגנאַרטער דיכטער זאָל נישט מיינען, אַז ווערטער פון חכמה, „ווערטער פון דורות״ פאַלן טויט ווי שמעטערלינגען אינעם ליכט פון פלאַם...

א. אַלמיס לידער־געפעכט סטימולירט דעם לייענער, ווייל יעדער פערז איז אָנגעלאָדן מיט תרעומות צו דער וועלט, וואָס ליגט אַ צעטראָ־

טענע און דער לעבעדיקער באַשאַף איז אויסגעליידיקט פון פרייד. אַלמי איז געקומען מיט זיינע רייפע לידער ווי דער הילכיקער מאַנער, דער אויס־שרייער פון צאָרן אין אַ צייט ווען די שטומע צונג פון דעם דערשראָקענעם פּאָלק זוכט אויסדרוק דורך צער און צאָרן. די אומה, וואָס איז אָפּגעגאַנ־גען אין בלוט, האָט אין דעם דיכטערס לידער נאָכן מבול פון בלוט געקראָגן דעם איש ריב ומדון, וועלכער שטעלט זיך איין פאַר דעם כבוד פון דעם פאַרשוועכטן פאָלק ישראל.

ווי אויסגעהאַמערטע רינגען קלינגען די אָנגעלאָדענע, געצוימטע שור־רות אויפן טרויער פון דער וועלט. ס׳איז נישטאָ קיין אַנטרינונג פון דעם אומעט. ווי ווייט קאָן מען לויפן, אַז יעדער טויער און יעדע גרענעץ איז אַ בלינדע וואַנט. זאָגט דער דיכטער: מגדל דוד — כינעזישע מויער, או־מעטום דערזעלבער טרויער. פּירענייען, הרי יהודה — אומעטום די לעצטע סעודה.ביים ירדן, דניעפּער, דונאַי, טיבער — טראָגט זיך אונדזער קלאָג בציבור. אַ קרבן ברענט אין יעדן פייער, אויף יעדן בוים הענגט אַ באַ־פרייער...

פון די צוויי און זיבעציק זייטן אין דער לידער־זאַמלונג זענען הע־כער זעכציק טעמאַטישע לידער וועגן דעם איינצלנעם מענטש און זיינע יסורים. אַפילו אין יענע לידער, אין וועלכע דער דיכטער צאַרנט אויף דער שחיטה איבער אַ גאַנץ פאָלק, זענען די מאָטיוון מערסטנס פּראָטעסט קעגן די ליידן פון יחיד.

א. אַלמי זוכט איבערצובעטן דעם באַרמלאָזן גאָט מיט אַ ווייך ליד און צערטלעכע שורות, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעגאָסן אויף אים אַלע רייד פון תוכחה. עס איז שווער צו ציטירן אַ ליד, וואָס זאָל כאָטש צו־טיילן דעם אל קנא ונוקם אַ ביסל פון די אייגנשאַפטן, וואָס עס פאַרמאָגט דער אל רחום וחנון.

דערפאַר בלאָזט אויף אונדז ווי אַ דופטיקער ווינט דער לידער־קראַנץ וועגן ר׳ יוחנן הסנדלר. אַזוינע שפּרודלדיקע פערזן ווי „סוד און דרוש״; „צלם אלוקים״; „נישט קיין חילוק״; „על הנסים״; „ווערטער״ — זענען מוסטערן פון שפּראַכלעכע איינפאַלן און ראַפינירטע, בליציקע זאַצן וועגן די כוחות און די הויכקייטן, וואָס געוועלטיקן איבער אונדז.

די אַכצן לידער „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ זענען אַ פייערלעך געזאַנג

צום פֿאָלקסטימלעכן תנא ר׳ יוחנן, וואָס האָט אַריינגעקלאַפּט אין די קעפּ גאָטס הייליקע שריפט „אַ שטיפט נאָך אַ שטיפט״... דער יידישער עקזאַל־טירטער ניגון זינגט אַרויס פון די שורות מיט דעם ריטם פון די שוסטע־רישע העמערל־קלעפּ. די גרויסע חדוה שרייט אַרויס פון די ווערטלעך און שפּרוכן פון ר׳ יוחנן הסנדלר, ווען ער האַלט די אַל און די דראַטווע איבער דעם שטיוול און פאַרטייטשט דעם מיין פון אַלץ, וואָס אָטעמט אין דעם באַשאַף.

אין די ר׳ יוחנן־פּערזן איז פאַראַן אַ קנויל מיט אַפּאָריסטישע זאָ־געכצער, וואָס קענען געמאָלט זיין ווי דער פאַרצייטיקער רעדנסאַרט פון ר׳ יוחנן און זיינע תלמידים אין זייער צייט. די שפּרוכן ווערן דורך אַלמין באַוווירצט מיט דעם ריח פון היינטצייטיקע פאָלקסטימלעכע ווערטלעך און עס שלאָגט פון זיי מיט קוואַליקן, בליציקן לשון. ווי זאָגט עפּעס א. אַלמי דורכן מויל פון זיין תנא: זיצט רב יוחנן הסנדלר ביים קאַפּול, ווערט ס׳הויז מיט האַמער־קלעפּ און תורה פול. אַ שווינג דער האַמער און צום ווייב אַזוי: ווי ס׳לעכצט דער מאַנסביל נאָך דער פרוי און ווי די פרוי לעכצט נאָכן מאַן — אַזוי לעכצן אַלע זאַכן וואָס פאַראַן (דורכן מענטש) צום סנה וואָס ברענט, צום חלק צלם אלוקים.

און ר׳ יוחנן, דורך די אָריגינעלע פּערזן פון דעם דיכטער, לערנט פּירוש אויף יעדער דערשיינונג אינעם באַשאַף. ער לערנט דעם מיין און תכלית פון דעם בן אָדם, פונעם שפּראָץ, פונעם וואָרעם, פון דער מילב. יעדער פויער איז אַ למדן אין דער ערד, אין אירע זאַמדן — ווי ס׳איז דער בן־תורה אויבן.ביידע זענען גלייך דערהויבן: ס׳איז די ערד דעם פויערס ספר און ער ווייס: ס׳איז אפר, עפר...

פּילאַרטיק און פּילקלאַנגיק זענען די טענער אין אַלמיס לעצטע גע־זאַנגען. אָבער פון יעדן קלאַנג הערט זיך אַרויס דאָס אָריגינעלע קול פון דעם דיכטער. אַלמיס לידער זענען על פי רוב קאָנדענסירט, געפּרעסט. עס איז פאַראַן רמז אַנשטאָט אויספירלעכן פּשט. ס׳איז נישטאָ קיין פאַרשווענ־דערישקייט פון לשון. די מאָס איז צמצום, אַנגעלאָדנקייט. און אין דעם צמצום איז דאָ איבערראַשנדיקע עשירות פון שפּראַך. צו וואָס מאריך זיין מיט בילדער און שטימונגען, אַז אין געפּרעסטע שפּרוכן איז פאַראַן אַזויפיל אינהאַלט.

אויסער אינעם ציקל „אָמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ איז אין אַלמיס לידער־בוך גישטאָ דאָס ליד פון טרייסט און דאָס ליד פון פרייד. דאָס רעפּרעזענ־טאַטיווע אין דער זאַמלונג איז דאָס ליד פון אומעט. אויף יעדן זייטל פון בוך איז אויפגעשריבן דאָס ליד פון טרויער — אויסגעקאָוועט אין שורות, וואָס שרייען מיט גרימצאָרן צו די הימלען. עס איז דאָס געשריי און דער גרימצאָרן פון אַ דיכטער, וואָס רעדט פאַר אַ גאַנצן דור מקוננים.

(„דער אַמעריקאַנער״, ניו־יאָרק, 2טער מערץ, 1956)

# זינט 1907...

## (אַן אינטימער פּען־פּאָרטרעט פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן")

פון

### מלך ראַוויטש

א. אַלמי איז אַ וואַרשעווער, אַן אמתער וואַרשעווער, און דאָס אַליין איז שוין אַ שטיקל יחוס, מחמת דאָס ריזיקע יידישע וואַרשע איז געווען אַ צוזאַמענגעפּאָרענע שטאָט פון די שטעטלעך אַרום און ממילא איז נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די וואַרשעווער יידן — געווען טאַקע דאָרטן געבוירן. געבוירן געוואָרן איז אַלמי אין יאָר 1892, דריי יאָר נאָך דעם ווי יצחק לייבוש פּרץ איז, טאַקע פון אַ שטעטל — פון זאַמאָשץ — אַריינגעפאָרן אויף שטענדיק קיין וואַרשע. אַלמי איז אַלע זיינע וואַרשעווער יאָרן — ביז 1912 — ווען ער איז אַוועק איבער דער וועלט און קיין אַמעריקע — געווען פּרצעס אַ לאַנדסמאַן, און דאָס איז שוין גאָר אַ יחוס, און ווער שמועסט, אַז ער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דרוקן אונטער פּרצעס רעדאַקציע. און אָנגעהויבן האָט אַלמי מיט לידער און אין תוך איז ער ביי דעם געבליבן דאָס גאַנצע לעבן. מער נישט — עס האָט אים כסדר געצויגן צו עפּעס אַנדערש אויך. און נישט סתם געצויגן, נאָר עס האָט אים ממש נישט איינמאָל אויף אַ צייט לאַנג אַפילו פאַרצויגן אין דער מיסטיק, אין דער פילאָסאָפיע, אין לעגענדע, אין פאָלקלאָר, אין געשיכטע אַפילו, אין זכרונות, אין פּאָלעמיק, אין פּאָליטיק, אין ליטעראַרישע מעדיטאַציעס, אין ביאָגראַפישע גריבלערייען, אין היפּאָטעזעס און אין איינפאַלן — און אַלעמאָל צוריק צום ליד און אָבער אַמאָל צום ליד און מיט רעכט. און דערביי האָבן מיר נאָך פאַרגעסן: דערציילונגען און הור־

מאַרעסקעס, שאַרזשן און פּאַראַדיעס, וואָס אויף דעם געביט איז אַלמי אַ מאַדים. אין אַ 25 טעוועלעך זענען די אַלע שרייבערישע זיגזאַגן אויפ־געקליבן. 50 יאָר האָט עס גענומען — זינט דעם יאָר 1907.

דאָ אַנומלטן האָב איך געזען אַ קינאָ־בילד פון דעם לעבן פון דעם מאָלער וואַן גאָג פון דער צייט פון פרשת דרכים פון דער גרויסער פּלאַס־טישער קונסט אין ניינצנטן יאָרהונדערט אין פּאַריז. איז דאָ דאָרט אַ סצענע ווי אַן אימפּרעסיאָניסט שרייט אַרויס זיין קרעדאָ צו אַ יונגן מאָ־לער. שרייט ער: פאַרלאָז דיך אויף דיין ערשטן איינדרוק — ער איז דער עכטסטער און דער אמתדיקסטער, ער איז דער אמת — איז מה ענין שמיטה אצל הר סיני? הערט־זשע ווייטער: מיין חבר און לערער, דער קדוש, דער הערלעכער דיכטער און לידער־קענער שמואל יעקב אימבער איז אין יאָר 1911 געווען אויף אַ באַזוך אין וואַרשע. געוווינט האָבן מיר דעמאָלטביידע — אימבער און איך — אין לעמבערג. קומט ער צוריק צו פאָרן קיין לעמבערג און צווישן די נסים, וואָס ער דערציילט מיר וועגן וואַרשע איז דאָ אַ נס „א. ח. שעפּס", אַ דיכטער, אַ יונג בחורל מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן אייביק, און אַ פריילעכער איז ער און אַ גרויסן קראַוואַט טראָגט ער, אַזוי גרויס ווי אַ סוכה־פויגל פון אַן אינ־דיק־איי, נאָר מיט שוואַרצע פליגלען — און אימבער רעציטירט פאַר מיר פון אויסנווייניק עטלעכע לידער פון דעמדאָזיקן דיכטער. און עס זענען געווען היינעשע לידער מיט אַ צאַרטן ריטעם און מיט שפּילעוודיקע גראַ־מען און מיט אַ סך ליריזם און מיט נישט וויניקער איראָניע. לידער מיט אַ פּוענטע, אָדער מיט אַ „כאַפּ", און אימבער האָט אַזעלכע לידער ליב געהאַט דאָס לעבן און ער האָט אַליין אַזעלכע לידער געשריבן. און דאָס איז מיין ערשטער איינדרוק פון א. ח. שעפּסן, וואָס האָט זיך צו יענער צייט אויך שוין גערופן „עליאש" און וואָס האָט זיך שפּעטער אַ נאָמען געגעבן א. אַלמי — און ביי דעם איז ער געבליבן אין דער ליטעראַטור. און איך פאַרלאָז מיך — אַזוי ווי יענע אימפּרעסיאָניסטן — אויף דעם ערשטן איינדרוק און ווען נאָר איך זע אַלמיס אַ ניי ווערק, אָדער לייען זיינס אַ ניי בוך, דערהער איך די וואַרעמע חברישע לידער־באַגייסטערטע שטימע פון שמואל יעקב אימבער און דערהער יענע לירישע לידער. און כאָטש יענע שפּילעוודיקייט אין אַלמיס לידער איז שוין לאַנג אַוועק —

איז אָבער געבליבן דער ריטעם און די קלאָרקייט און די דינע איראָניע און דער ליריזם און דער „כאַפּ״, ווי אימבער האָט אויף יידיש איבערגעזעצט דאָס וואָרט „פּוּענטע״.

און הגם מיר שרייבן דאָ נישט קיין רעצענזיע און נישט קיין קריטישע אָפּשאַצונג און נישט קיין ליטעראַרישן קווערשניט איבער אַ דיכטערס ווערק — און נייערט אַן אינטימען פּען־פּאָרטרעט — לאָמיר פונדעסטוועגן סתם אַזוי אַריינפלעכטן אַ ליד, אַלמיס אַ ליד, איינס פון זיינע פינף לידער־זאַמלונגען, די פון יאָר 1954, וואָס ער רופט זי ביטער „לעצטע געזאַנגען״. און עס גיבן זיך באַלד אַליין אַ מיש די אַנדערע זאַמלונגען מיט אַ טענה: פאַרוואָס נישט פון אונדז? נעם איך מישן צווישן זיי, און איך שטעל מיך אָפּ אויף לידער אַ סך, וואָס זענען מיר צום האַרצן, ווייל איך בין נאָך אַלץ אימבערס תלמיד אויפן געביט פון פּאָעזיע. און עס גייט מיר באַלד ווי איינעם, וואָס דרייט דעם קאָנטאַקט־קנאָפּ פון אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. צענדליקער ראַדיאָ־סטאַציעס שטופּן זיך צום הילכער און ווילן געהערט ווערן... און עס איז אַ דילעמע. דעצידיר איך, אַז אַזוי ווי קיין סך פּלאַץ צו ציטירן האָב איך דאָ נישט, וועל איך ציטירן דאָס קלענסטע ליד. לויפט אונטער אַ ליד אין צוויי סטראָפן און געווינט די ציטיר־שפּיל. און אָט איז עס:

איטלעכער מענטש איז אַ נביא,<br>
וואָס מוסרט און שטראָפט זיך אַליין,<br>
יעדע וואַנט איז אַ כותל־מערבי,<br>
וואָס יאָמערט מיט אונדזער געוויין.

אַזוי ווי דעם נביא זכריה —<br>
מיר טויטן דעם נביא אין זיך;<br>
רוישט זיין בלוט — אַ רויט־פלאַמיקע אַריע —<br>
אין קדשי־קדשים פון איך.

***

איך האָב געקענט אַלמיס פאָטער — דעם באַרעדעוודיקן וואַרשע־

ווער חיט. אין פּנים זייער ענלעך צו זיין זון. ער פּלעגט זיך אָפּט אַריינ־כאַפּן אין ליטעראַטן־פאַראיין צו כאַפּן מיט מיר אַ „מוטל" — אַ שמועס אין מיטן העלן טאָג, הייסט אַזוי אויף וואַרשעווריש. דאָס ערשטע מאָל איז ער אַרויפגעקומען מכוח פּראָפּעסיאָנעלע אינטערעסן פון זיין זון, ווע־מעס ביכער האָבן זיך געדרוקט אין וואַרשע און אַזוי ווי ער אַליין איז אין אַמעריקע, האָט מען גדאַרפט פרעגן עצות, זיכער מאַכן קאָנטראַקטן. אָבער אַז די געשעפטן — אומשטיינסגעזאָגט — האָבן זיך אויסגעלאָזט, פלעגט דער טייערער עמך־ייִד סתם אַזוי אַריינקומען. דער עיקר האָט אים אינטערעסירט צו וויסן ווי עס שטייען די אַקציעס פון זיין זון אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור און אַז איך האָב אים צוגעטראָגן אַ נייע רע־צענזיע, אַ נאָטיץ וועגן אַלמין — פלעגט ער וועגן און מעסטן און זעלטן אינגאַנצן צופרידן זיין. ער האָט געפאָדערט מער. געהאַט טענות. ביי יעדן דיכטער־טאַטן איז זיין זון ד ע ר דיכטער.

אַלמי איז אַ וועגעטאַריער און אַ ספּינאָזאַ־חסיד — און אויך דער שרייבער פון די שורות איז געכאַפּט איןביידע די מעשהס. אַלמי האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר דערוועקט אַ גאַנצע סענסאַציע אין דער וועלט פון די ספּינאָזיסטן מיט זיין טעאָריע־היפּאָטעזע, אויפן יסוד פון טיפער אַריינדרינגען אין די אומשטענדן פון ספּינאָזאָס פריצייטיקן טויט, אַז דער פילאָסאָף איז אומגעבראַכט געוואָרן פון זיינע קעגנער. אויך דער שרייבער פון די שורות האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט אַ השערה — שטיל און מיט רמזים — אַז ספּינאָזאַ האָט זיך אַליין אַ מעשה אָנגעטאָן — צוליב זיין חכמה און צוליב נישט וועלן שטאַרבן אין פּיין, ווייל סיי ווי האָט ער שוין אַלץ דערגרייכט און גאָרנישט מער געהאַט פון זיין לעבן צו דערוואַרטן. אָבער אַלמי איז אַלעמאָל דראַמאַטיש און אויך אַלעמאָל מיט אַ ביסל חשד — איז זיין השערה דעריבער געווען — אַטענטאַט... און איין אַטענטאַט איז דאָך טאַקע אויפן פילאָסאָף אויסגעפירט געוואָרן נאָך אין זיין 24סטן יאָר. פון מיין השערה־רמז, ערגעץ אין אַן אַרטיקל, צווישן די שורות, האָט אַלמי סיי ווי קיין אָנונג נישט געהאַט. יאָ, אַלמי איז אַלעמאָל אַביסל מער דראַ־מאַטיש ווי עס פּאַסט פאַר אַ לירקער. און דווקא אויפן געביט פון דראַמע האָט ער — דאַכט זיך — קיינמאָל זיין פעדער נישט מטריח געווען.

און ווי די זאַך זאָל נישט זיין: איך בלייב סיי־ווי ביי מיין ערשטן

איינדרוק — אַזוי ווען אַלמי איז אַכצן יאָר אַלט געווען — און אַזוי מסתמא ווען ער וועט פיר מאָל ח״י אַלט זיין... פאַר מיר איז ער קודם כל דער פּאָעט. און איך — אויף זיין אָרט — וואָלט נישט געקומען צו דער וועלט מיט אַ טענה־טיטל אויף אַ לידער־זאַמלונג „לעצטע געזאַנגען״, נאָר גיכער וואָלט איך געקומען מיט אַ איינס־אין־איינס אויסקלייב פון מיינע לידער, מיט אַ האָפּערדיקן טיטל: פון מיינע פריִע ביז מיינע שפּעטע געזאַנגען — און איך וואָלט זיי רעקאָמענדירט פאַר היים און עסטראַדע — ווייל אַלמי איז אָפּט זילבער מיט גאָלד פאַר רעציטירן — און פאַר שול־כרעס־טאָמאַטיעס און סתם פאַר לידער־ליבהאָבער אין יידיש.

דאָ אַנומלט זענען מיר געזעסן אין אַ קליינער מסיבה פון חברים אין ניו־יאָרק, ערגעץ אויף אַ צענטן־צוועלפטן גאָרן, און מיר האָבן גערעדט מיט אַלמין — וועגן וואָס רעדן יידישע שרייבער? — וועגן היה הווה און יהיה... מיד, שטיל, לאַנגזאַם — האָט געצויגן אַלמי זיין טענה צו גאָט, מענטש, ייד און חבר אין דער ליטעראַטור. און איך האָב געטראַכט און געזאָגט און זאָג עס דאָ נאָך אַמאָל: טענה — אַוודאי, עס איז יידיש, עס איז אור־יידיש. אָבער יעדע יידישע טענה מוז זיך ענדיקן מיט אמונה בין אדם למקום און אויך בין אדם לחברו. אַזוי האָט דער בעל־איוב געענ־דיקט זיין ספר, און קהלת — זיין ספר און ספּינאָזאַ — זיין עטיק. וואָרים דער מענטש גייט כסדר אַרויף און דער ייד אַלעמאָל איין שריט, איין קליין שריטעלע אַרויפער... אַלמי האָט מיך אָנגעקוקט און איך בין זיכער, אַז ער האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט זיין ליד „איך בין קיין שטילער נישט...״. זענט איר דאָך נייגעריק וואָס פאַר אַ ליד דאָס איז. זייט־זשע זיך מטריח און זוכט עס אין אַלמיס בוך פון יאָר 1923 „ביי די ראַנדן״. דאָרט איז עס דאָ אויף זייט 73. לידער זענען — אגב — דאָ אויך צו לייענען און נישט אויף צו שלאָפן צווישן טעוועלעך.

(„פ. אַ. ש.״, 17טער מאַי, 1957)

# א. אַלמי - דער אַלזייטיקער שאַפער

פון

## ש. טענענבוים

מען וואָלט אַוודאי באַדאַרפט אויספירלעך שרייבן וועגן אַזאַ פּרוכ־טיקן, אַלזייטיקן, אין אַלע וועלט־און קולטור־ענינים באַהאַוונטן און אין אַ סך ליטעראַרישע זשאַנערן שאַפנדיקן שריפטשטעלער, ווי עס איז דער איצט פון דער יידישער וועלט געיובלטער א. אַלמי. דאָס וואָלט אָבער געמיינט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. ווייל אויף וויפל דער שרייבער פון די שורות שרייבט אַ סך, איז שעפעריש און פּראָליפיש — שטייגט אים אַלמי פיל, פיל איבער. ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל, נאָך אין שטעטל פּו־לאַוו, און איך האָב געלייענט דעם „הויזפריינט" און „ראָמאַנציייטונג", האָט מיך שטאַרק געררייצט אין דעם קאַטאַלאָג פון דער שטעטלדיקער בי־בליאָטעק דער טיטול פון אַלמיס אַ בוך: „אין עליאַשס קעניגרייך". (עס איז דערשינען אין יאָר 1924, אין וואַרשע). איך שטעל זיך ווייל פאַר, אַז קאָלעגע א. אַלמיס געזאַמלטע ווערק וואָלטן באַטראָפן אַ פופציק בענדער פון אַלערליי שריפטן. אָבער אויך פאַר אַלמין שטייען נישט אָנגעגרייט די יידישע פאַרלאַגן און זיי בעטן זיך אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. פון דעסט־וועגן טראָגט אַלמי אויף זיינע פעסטע פּלייצעס אַ „לאַסט" פון עטלעכע און צוואַנציק דיקע און סאָלידע בענד אין יידיש. אָבער ער האָט אויך בי־כער אין ענגליש און אַפילו אין פּוילישן לשון. אַלמי איז ענערגיש. אומ־דערמידלעך. אויספּרווונדיק אויף זיין קאָוואַדלע אַ שלל מיט מענטשלעכע טעמעס און אַפילו שפּראַכן. אַלמי צייכנט זיך אויס מיט געוואַגטקייט, מיט פאַרמעסט און געראַנגל. מיט קאַמף און מיט לוסט צום דיספּוט, צו וויכוח, צו אַ פאַרמעסט מיטן קעגנער. איינס פון זיינע לעצטע ביכער הייסט: „אין געראַנגל פון אידייען"...

מען פײַערט איצט אַלמיס פופציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט און זײַן פינף און זעכציקסטן געבוירנטאָג. נישט נאָר האָט אַלמי אַליין אָפּגעטאָן אַ ריזנשטיק גײַסטיקע אַרבעט. אויך זײַן דור און זײַן צײַט זענען געווען געוואַלדיק טעטיק. אפשר זענען די דאָזיקן זעקס־זיבן צענדליק יאָר געווען שטורעמדיקער, ברויזנדיקער און דינאַמישער, ווי װעלכער עס איז פריִערדיקער יאָרהונדערט אין דער ייִדישער געשיכטע, ווי אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענטשהייט. א. אַלמי איז מיטגעגאַנגען מיט זײַן צײַט. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין אירע ווײַטיקלעכע פּראָבלעמען און רעטענישן. ער האָט זיך ברייט פאַרמאָסטן — אין דער ברייט און אויך אין דער טיף — אַרײַנצוקוקן אין אירע מוטנע אָפּגרונטן. ער האָט מיט זײַן דינאַמישער פּענע אָנגערירט די וויטאַלסטע עסענצן פון זײַן עפּאָכע. א. אַלמי איז געשטאַנען, און ער שטייט נאָך איצט, אינמיטן פון זײַן יאָרהונדערט, דעם טרויעריקן און דעם אומגליקלעכן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און אין צײַכן פון זײַן צײַט איז געבוירן געוואָרן זײַן ווערק. און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט אויס האָט זיך דער מחבר פון דעם דאָזיקן מאמר פאַרגענומען צו באַהאַנדלען דעם יובילאַר, נישט אַרײַנטרעטנדיק אין דעטאַלן פון אַלמיס ווערק.

די שוועדישע וועלט־באַרימטע נאָבעל־פונדאַציע האָט הײַנטיקס יאָר געגעבן דעם העכסטן ליטעראַרישן פּריז צום פראַנצויזישן שריפטשטעלער אַלבערט קאַמי. אין וואָס צייכנט זיך ספּעציעל אויס קאַמיס ווערק? אינעם קאַמף, אינעם אויסדריקן דעם מענטשלעכן געראַנגל און עקשנות. אַפילו ווען זײַן קאַמף איז פון פאָראויס פאַראורטיילט צום דורכפאַל, קעמפט און ראַנגלט זיך קאַמיס מעכטיקער מענטשלעכער כאַראַקטער. זײַן העלד מיינט: רעוואָלט און פאַרמעסט.

אונדזער א. אַלמי וואָלט אויך באַדאַרפט קריגן אַזאַ פּרעמיע, וואָרים אַלמי, אַ דענקענדיקער עסייִסט, פּאָעט און דערציילער, איז אַ פילאָסאָף. און טראָץ זײַן גאַנץ סקעפּטישער און גאַנץ פּעסימיסטישער פילאָסאָפיע, איז ער געבליבן שטיין אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ לעבעדיקער, שפּרודלענדיקער און תמיד קאַמפּס־גרייטער שרײַבער. אַ פילאָסאָף, וואָס טראָץ זײַן, אין גרונט אויס, קוקן אויף אַלע מענטשלעכע געשעענישן און זאַכן „סוב ספּעציע עטערניטאַטיס״, האָט ער אָנגערירט אַלע אַקטואַלי־

טעטן. געוויסע שרייבער, טיפּישע סנאָבן, רירן זיך נאָר צו צו זאַכן און טעמעס וואָס שמעקן מיט אייביקייט, אַלאַ שעקספּיר און ספּינאָזאַ. זיי האָבן מורא פאַר דער אַקטואַליטעט. אַלמי האָט נישט קיין מורא געהאַט צו שווימען אין אַן אומרויִקן ים פון לויטער אַקטואַליטעט. אַקטואַליטעט איז אַן אומדאַנקבאַרער שטאַף פאַרן געהיימען ציל פון יעדן שרייבער: אייביקייט... אָבער אַלמי האָט קודם אינזינען דעם אַקטועלן עולם הזה...

א. אַלמי איז אַ מיסטיקער. דאָס הייסט: איינער וואָס גלייבט אין העכערע כוחות, אַז אַ הימליש אויג פירט אַ חשבון פון גאָר די ערדישע געשעענישן, אַז אַלע זאַכן האָבן זייער אורשפּרונג אין איין קאָסמישן כוח, אַז די סאַמע מכלומרשט פּשוטסטע זאַכן האָבן שייַנקייט פון גאָט, באַזיצן געטלעכע פּאָעזיע און זיי זענען האַרמאָניש געבונדן צום קלאָרן און צום אייביקן וועלט־פּראָצעס; אַז אַן אַבסאָלוטע עטיק הערשט אין די געשעע־נישן פון קאָסמאָס; אַז דאָס מאָראַלישע מוז סוף־כל־סוף טריומפירן אין דער וועלט; אַז אַ הימלישער באַשעפער וועגט און מעסט די מעשים פון די מענטשן. זייענדיק אָבער מיסטיקער, אָקולטיסט און גלויביקער אין העכערע, מאָראַלישע כוחות, האָט עס אַלמין נישט געשטערט צו זיין אויך אַ זשורנאַליסט. און וואָס אייגנטלעך עס מיינט דאָס וואָרט זשורנאַליסט, דאָס ווייסן אַלע. עס קומט פונעם פראַנצויזישן וואָרט „זשור" — טאָג. עס האָט, הייסט עס, צו טאָן מיט דער פען וואָס באַהאַנדלט טאָג־טעגלעכע פּאָסירונגען.

ווען א. אַלמי האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע, זענען נאָך די גרויסע אידעאַלן געווען גאָר יונג און שטראַלנדיק. דאָס וואָרט „מאַרק־סיזם" האָט געהאַט אַ מאַגישן כוח. עס האָבן אויף דער וועלט געלעבט טויזנטער אַנאַרכיסטן. דער ציוניזם האָט ערשט אָנגעהויבן פונאַנדערצו־שפּרייטן זיינע פליגל. די ייִדישע ליטעראַטור האָט פאַר זיך געהאַט אַ ליכטיקע צוקונפט. פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם זענען נאָך געווען יונג. אברהם רייזען, זשיטלאָווסקי און שלום אַש זענען געווען יונגע בחורים. די האָריזאָנטן פון דער וועלט האָבן געשטראַלט מיט סאָציאַלע האָפענונ־גען אויף גליק פאַר דער מענטשהייט. און אַלמי אַליין האָט געטראָגן אין מוח און אין האַרצן ליכטיקע האָפענונגען און ליטעראַרישע פאַרמעס־טונגען.

וואָס פון דעם אַלעם איז געוואָרן אין די איצטיקע מוראדיקע טעג, דאָס ווייסן מיר ווויל. דעם סאַמע מיאוסטן קלאַפּ האָט געכאַפּט דער מאַרק־סיזם. ווי נאָר דער מענטש האָט זיך צוגעריירט צו רעאַליזירן די גרויסע, סאָציאַלע אידייען, איז ממש געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. מען האָט דערזען אַ שרעקלעכן מאָנסטער. די מענטשלעכע אַמביציע האָט אויפגע־געסן די שענסטע סאָציאַלע אידייען און חלומות. מאַרקסיזם איבערגעזעצט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן מיינט: אַ בלוטיקע דיקטאַטור איבערן אַרבע־טער. מאַרקסיסטישע רעוואָלוציע מיינט אַ זיג פון אַ פינצטערן טיראַן ווי סטאַלין. קאָמוניזם אין עקספּערימענט האָט אָפּגעשאָכטן דעם מאַרקסיזם אין דריי דיקע בענדער טעאָריע.

א. אַלמי האָט כסדר געוואָרנט פאַר די טרויעריקע פאָלגן פון מאַרק־סיזם, ווי לעניץ האָט אים פאַרשטאַנען. אַלמי איז געווען היפש ווייטזעעוו־דיק, שיער נישט אַ נביא. עס איז קיין שום פראַגע נישט, אַז אין אונדזער צייט זענען געוויסע שרייבער געווען נביאים. זיי האָבן פאָראויסגעזאָגט אויף אַ פּרעציזן אופן סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, מלחמות, רעוואָלוציעס און וועלט־אומגליקן.

דער ווייטזעעוודיקער א. אַלמי האָט אַ רעקאָרד פון אַ סך וואָרענונ־גען וועגן געשעענישן, וואָס האָבן זיך רעאַליזירט און באַשטעטיקט גענוי אַזוי ווי אַלמי האָט זיי פאָראויסגעזען. ער האָט שאַרף געוואָרנט פאַר די רעזולטאַטן פון מאַרקסיזם, מאַטעריאַליזם און קאָמוניזם. ער האָט גע־וואָרנט קעגן שלום אַשן, זשיטלאָווסקין און שאַצקין.

יאָ, נעמט דעם פאַל מיט שאַצקי. פּלוצלינג האָט אַלמי אין איינעם אַ טאָג, אויף די שפּאַלטן פון דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", אַנטדעקט, אַז שאַצקי האָט אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשפּילט אַ פּאַרדעכטיקע ראָל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער שרייבער פון די שורות, צו זיין גרויסער איבעררעאשונג, איינגעזען אַז שאַצקי פירט פער־זענלעכן חשבון. אַז ער פאַרלייקנט פאַקטן כדי צו נעמען נקמה אין געווי־סע שריפטשטעלער. אַז ער באַזיצט אַבסאָלוט נישט די היסטאָרישע אָבּ־יעקטיוויטעט און פּשוטע ערלעכקייט כדי צו קענען שרייבן די אַזוי געררו־פענע ריינע, ערלעכע און אָביעקטיווע היסטאָריע.

א. אַלמי האָט אָנגעוויזן אַז דער שאַרף־דענקענדיקער פילאָסאָף ד"ר

חיים זשיטלאָווסקי, מיט אַלע זיינע געוואַלדיקע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור, איז גאָרנישט געווען אַזוי ריין־פילאָסאָפיש ווען ער האָט גערעדט און געשריבן וועגן היטלערס אַנעקסירן ווין צום „דריטן רייך"... און אַלמי האָט אָנגעוויזן אַז דער תמיד־וויינענדיקער און היפער־נאַציאָנאַל־פאַטריאָטישער ייִד שלום אַש האָט זיך היפּאָקריטיש פאַרפלאָנטערט אינעם קריסטנטום. בכלל האָט אַלמי קיינמאָל נישט קיין מורא פאַר די היסטאָריקער, היסטעריקער און אויטאָריטעטן. ער דערגייט זיי זייער אָפט די יאָרן. ער שעמט זיך גאָרנישט אָנצווייזן ווי אַזוי די מכלומרשטע אויטאָריטעטן זענען ס׳רוב קליינלעך, ווי זיי פעלשעווען פאַקטן און געשיכטע; ווי ביליק זיי זענען אין זייערע פערזענלעכע חשבונות, ווי אַזוי דער געמיינער ליגן כאַפּט זיך אַריין אין די סאַמע סאָלידסטע ענציקלאָפּעדיעס, געשיכטע און אין בענד פון ליטעראַטור־קריטיקער, ווי אַזוי דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן זינקען אין שקרים און אין מאָראַלישע פאַרברעכנס. אַלמיס פען רוט נישט קיין מינוט כדי אויפצווייזן די קליינלעכקייט פונעם מין מענטש, וואָס איז זייער פאַרדאָרבן און ער שפּרייט אָפט שלעכטס אונטערן דעקמאַנטל פון מכלומרשטיקער אָביעקטיווער היסטאָרישקייט.

די פען פון אַלמי איז געווען און איז שפּעדיק. ער ווייסט נישט. קען מען דרייסט זאָגן, פון קיין שמייכלעריי און חניפה צוליב קאַריערע. אַלמי האָט נישט קיין פאַרבינדעטע און קיין קליקעס. ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף דער מאַכט פון זיין פעדער. דערביי פאַרהיטן אים וויל וויץ, הומאָר און סאַרקאַזם — פון כעס אָדער מרה־שחורה. אויסצולאַכן אַ קעגנער איז זינט די צייטן פון אַריסטאָפאַנעס, וואָלטער און היינריך היינע אַ גאַנץ געזונטע און אַ נוצלעכע זאַך. אויסצולאַכן אַזאַ פּראָפעסאָר, וואָס פאַרמאָגט אַ סך פאָזע און אָנשטעל פון אַ טיפּישן דייטשן פּראָפעסאָר, וועלכן דער שוין דערמאָנטער היינריך היינע האָט אַזוי פיינט געהאַט — אָט דאָס איז אינטערעסאַנט, פּיקאַנט און עס באַצאָלט זיך תמיד דערמיט וואָס מען פאַלט זעלטן אַריין אין כעס...

א. אַלמי האָט אַ סך געשריבן וועגן אָריענטאַלישע רעליגיעס, קולטן און פילאָסאָפיעס. מיר האָבן אויך איצט געזען ווי אַזוי די פאָרשטייער פון די דאָזיקע רעליגיעס און גייסטיקע קרעדאָס קענען זיין פאַלש און

שנאהדיק בנוגע ייִדן און ישראל. אין אונדזער צייט, קען מען זאָגן, האָבן זייער ווייניק מענטשן אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע. ווען עס קומט צו ייִדן, איז עס אַ באַוווּסטע זאַך, ווערן די גרויסע סאָציאַלע און עטישע נביאים קליינע, בלינדע און ענגהאַרציקע מענטשן. ווען אַ קליין, געפּלאָגט און געפּייניקט פאָלק וויל געפינען זיין נאַציאָנאַלע היים און זיין אייגן ווינקל, וווּ עס זאָל ענדלעך קענען לעבן און היילן זיינע ווונדן און שפּרייטן סאָציאַלן פּראָגרעס און קולטור אַרום זיך — שטייט די גאַנצע אָריענטאַ־לישע, בודיסטישע און איסלאַמישע וועלט אין אַ פינצטערער פאַרשווע־רונג אַנטקעגן אונדז. ווו זענען אַהינגעקומען, ווילט זיך פרעגן, אַלע זייע־רע טיפע, רעליגיעזע תורות? ווי געזאָגט: אין דער באַציִונג צו ייִדן הערשט טאָטאַלער באַנקראָט פון אַלע רעליגיעס און עטישע אַני־מאמינס. פאַרן פויפּסט זענען רוימס אַלטע מויערן וויכטיקער ווי ייִדיש בלוט און ווי ייִדיש לעבן. פאַר אַלבערט שווייצער איז אַ קאַץ וויכטיקער ווי צו נעמען אַ וואָרט אין אַפּאָלאָגיע פון די ייִדן, בשעת היטלער האָט זיי מאַסנווייז אויסגעשאָכטן. נעהרו, גאַנדיס באַרימטער תלמיד, פירט אין באַצוג צו ייִדן געמיינע פּאָליטיק, וועלנדיק געפעלן ווערן נאַסערן.

מיר האָבן, אין אַ קווערשניט, געוואָלט ווייזן אַלמיס שריפטשטעלע־רישע טעטיקייט אויפן פאָן פון זיין דור און זיין צייט. וואָרים אַנדערש קען מען אַלמין נישט זען און נישט פאַרשטיין. עס איז נאָך פאַראַן אַ סך צו שרייבן אין שייכות צו אַלמין, אָבער אין איצטיקן מאָמענט באַגנוגע־נען מיר זיך דערווייל מיט אַ קווערשניט, ווי געזאָגט, פון זיין ווערק און זיין כאַראַקטער. און מיר שליסן זיך אָן מיט אַלע די, וואָס האָבן געשריבן וועגן א. אַלמי, צו זיין טאָפּעלן יובילייִ, און וואָס זיי האָבן אים געווּנטשן נאָך אַ סך יאָרן פון לעבן און שאַפן, אַזוי ווי ביז איצט. אָמן!

(„די שטימע”, מעקסיקאָ, 21סטער דעצעמבער, 1957)

# נאָטיצן פון אַ לייענער

פון

ישראל גיטלסאָן (מעלבורן)

ווען עמיצער זאָל פּרובירן אָפּקלייבן די אַלע קללות וחרמות, צער און צאָרן, וועלכע זענען דורך יידישע שרייבער, דיכטער און דראַמאַטורגן, געשריבן געוואָרן קעגן דער רשעותדיקער וועלט בכלל, קעגן גאָט און זיי־נע רוצחישע שליחים בפרט, — וואָלטן מיר געהאַט אַ פייער־שפּייענדיקע „זש׳אַקיז״־לאַווינע!

צוליב דעם, וואָס גאָט, דער אל רחום וחנון, איז געווען האַרט־שטיי־ניק גלייכגילטיק צו די אַלע מיתות־משונות, צו זיין עם סגולה, צו זיין עם קדוש, קוואַליפיצירט אים ה. לייוויק ווי אַ מיט־שותף צום מאָרד!

און דער בן־הרב, יצחק באַשעוויס, רופט אָן גאָט — אַ נאַצי („פאַמי־ליע מושקאַט״)...

און דאָך האָט קיינער צו זיי קיין טענות נישט געהאַט, אַזוי ווי מ׳האָט קעגן א. אַלמיס בוך „לעצטע געזאַנגען״, ווי אַ גאָט־לעסטעריש בוך!...

***

למען האמת מוז איך זאָגן, אַז טייל לידער רופן טאַקע אַרויס גאָט־לעסטערישע ווידערקלאַנגען, אָבער איך, אַלס טיף־רעליגיעזע נאַטור, אַפילו אָן רש״יס תפילין, האָב אַנדערש פאַרשטאַנען די לידער! מיין אי־צטיקער געמיט־צושטאַנד האָט זיך גאָר נאָענט אַסאָציאירט מיט די מרידה־לידער: „דהי שאו מאסט גאָו אָן״, „וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?״, „יום־הדין״ א. א.

פאַר די לעצטע פאָר יאָר, לייענענדיק „די פרייע אַרבעטער שטימע״,

לאָז איך קיינמאָל נישט אַדורך א. אַלמיס אַרטיקלען. פאַר מיינע אויגן דערשיינט אַ שרייבער, וואָס איז ווייט צו זיין אַ שיפּע־זיבעלע, ווען ער האַלט פאַר נייטיק וועמען צו דערלאַנגען אַ „מפטיר יונה״. אים קימערט גאַנץ ווייניק וואָס יענער פילט זיך שטאַרק געטראָפן! ער מוז זאָגן דאָס, וואָס האָט געמוזט געזאָגט ווערן.

דאָס איז דער סימן־מובהק פון אַ שרייבער מיט חשיבות, מיט אַמ־ביציע.

דעריבער איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אים איבלט, עקלט, ווען אַ צעקאַ־טעוועטער פון יסורים און טויט, שיקט נאָך גאָט

„אַ לויב פאַר בלוט, פאַר ווי און ווינד,
פאַר אַ געקוילעט ווייב און קינד.״

איי, דער ייִד גלייבט און האַלט, אַז „צריך אדם לברך על הרעה, כשם שברך על הטובה״ — וויל אַלמי פון דעם דין נישט האַלטן!

אויב די בלויע הימלען, וועלכע האָבן צוגעזען די מוראדיקע שחיטות, צוגעהערט די הימל־שפּאַלטנדיקע יללות, רעוועריין, בעת יעדער שחיטה, פון אומשולדיקע קינדערלעך, טאַטעס, מאַמעס, טוען רימען נאָך אַלץ גאָטס כבוד, זיין חסד, שיינקייט און גבורה, — מוז עס אַ דיכטער ווי טאָן, הגם ער האָט זיך דאַן געפונען אין אַמעריקע.

ווער עס קען אַביסל חסידות, ווייסט וויפל הייליקע צדיקים האָבן צו גאָט געהאַט טענות וועגן זיין „יושר און צדק״. געדענקט איר ר׳ יצחק לוי באַרדיטשעווערס דין־תורה, הלמאי ער האָט זיך אין פייניקן דווקא אָנגע־זעצט אויפן פאָלק ישראל?!

געדענקט איר, אפשר, ווי אַזוי ר׳ דודל טאַלנער האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין מיט טענות, ר׳זאָל אויסלייזן די ייִדן פון ביטערן גלות, אויב נישט וועט ער מוזן אויסלייזן די גויִים...

איז ממה־נפשך: אויב אַזעלכע פרומע צדיקים האָבן מתרעם געווען קעגן זיין „פּירעכטס״ לגבי דעם ייִדישן פאָלק, פאַרוואָס־זשע זאָל אַזאַ ספּינאָזיסטישער אַלמי פאַלן פאַר גאָט כורעים מיט הלל אויף די ליפּן?! פאַרוואָס, פאַרוועון?!

נאָך אַ פאַקט: איוב, דער צדיק, האָט דען נישט אָנגעהויבן צו צווייפ־

לען אין גאָטס חסד ומשפט, ווען די יסורים האָבן אים דערקוטשעט? אָט־אָט ווערט ער אַ כופר־בעיקר! נו, נעמט אים נישט די גמרא אין שוץ, פאַרטיידיקט אים נישט, אַז „אין אדם נתפס על צערו?!"

הייסט עס, אַז אין צער, יאוש, אַנטווישונג, מעג מען שוין יאָ אַראָפּ־ריידן זיך פון דעם אָנגעזויערטן האַרצן?!

טאָ פאַרוואָס זאָל אַ דיכטער נישט האָבן די דאָזיקע פּריווילעגיע?! היתכן?!

**
*

ווען אָן אבל איז אין צער, קען מען צו אים נישט זאָגן: זיי אַזוי גוט, וויין נישט, שריי נישט אַזוי הויך!

א. אַלמי פילט זיך, ווי אַ פּערזענלעכער אבל נאָך זיינע וואַרשעווער, פּראַגער און אַכאַטער יידן, פון וועלכע ער טראָגט שוין אין אַמעריקע עט־לעכע פערציק יאָר זייער אינטעגראַלע אידענטיטעט־קאַרטע.

דערפאַר שרייען אַזוי קולות־וברקימדיק אַראָפּ די סעריע לידער „מיט פאַרבראָכענע הענט", וועלכע זענען געשריבן געוואָרן נאָך אין 1943 א"ב „געזאַנג און געוויין".

און אויב מען טרעפט זיך שוין זעלטן אָן אויף אַ פּיאַניסימאָ־שורה־טאָן, איז עס נישט מער ווי אַן אָטעם־אָפּכאַפּנדיקע פּויזע, בכדי ווידער אָנהייבן הויך צו שרייען...

**
*

צו מיר פּערזענלעך, סיי בעל־פה, סיי בכתב, אַפּעלירט שטענדיק דאָס שטילקייט, דער קול דממה־דקהדיקער טאָן...

דערפאַר זענען מיר געבליבן אַזוי איינגעבאַקן די שורות —

אשרי האיש —<br>
ס'תהילימל אויפן טיש<br>
ליגט אָפן און אַליין,<br>
ווי אין מדבר — אַ געוויין — —

## א. אַלמי־בוך

אונ האיש, דער מענטש איז נישטאָ
אין אַזאַ שפּעטער, פינצטערער שעה.

דוכט זיך, די סאַמע פּשוטסטע ווערטער. דאָך האָבן די דאָזיקע ווער־טער מיך געצווּונגען צו מאַכן אַ שטיקל לייען־הפסקה. און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן אַזאַ מין טראַכטעניש:

וואָס טויגן מיר די אַלע תהילימלעך, תנ״כלעך, די אַלע שיינע בי־כער, וועלכע פּריידיקן הומאַניזם, אַזויפיל מידות־טובות — אַז דער מענטש איז אַלץ נישטאָ?!

איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין די אַלע רמזים, כוונות, מיט וועלכע אַלמי האָט די שורות באַגלייט — — —

דאָס בינטל לידער „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ געהער פאַקטיש נישט צו דער חורבן־טעמאַטיק, און דאָך האָבן זיי אַ שטיקל סמיכת הפרשה, ספּעציעל פאַר די ייִדן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט דאָס נאַצישע גיהנום, וועלכע האָבן אָנגעוווירן זייער ממים ודמים! זיי האָבן פאַרגעסן, אָדער מען מאַכט זיי פאַרגעסן, וועגן דער פאַלשער אילוזיע, אַז דער עגל הזהב, דאָס פּערמאַנענטע האַוועניש צו מאַכן געלט, וועט זיין די גאַראַנטיע פאַר זייער פיזיש און גייסטיק לעבן!...

ווייל אָט דער שוסטער־ייִד, ר׳ יוחנן הסנדלר טוט —

„אייך דאָ זאָגן:
ווער ס׳שפּאַנט, און ווער ס׳איילט זיך,
וועט אַלצאיינס נישט דעריאָגן.
נישט שפּאַנען, נישט איילן,
נישט וואַקלען זיך שיכור;
דער עיקר — דאָס וויסן,
דער ציל איז דער עיקר.״

כאָטש די לידער זענען גאָר נאָענטע בשכנות מיט די „גאָט־לעסטערי־שע״ געשרייען, טיילן זיי אָבער אָפּ טעמאַטיש־אידעיִש הונדערט מייל ווייט.

אין ליד „שלמות״ זאָגט אַלמי דורך ר׳ יוחננס מויל —

„וואָס דו זאָלסט אַזוינס נישט טאָן —
טו מיט חשק און מיט שכל,
וועט אויף דיר גאָטס חסד רוען.“

בכלל גענומען, זענען די לידער פילאָסאָפישע דיגרעסיעס, וועלכע האָבן אַ שטיקל קרובהשאַפט צום אור־סקעפּטיקער — קהלת. די זאַך איז אָבער, וואָס א. אַלמי האָט זיי אַנדערש, פּריש־ניי וואַריאירט, צוגעבנדיק זיי אַ ספּעציפיש חנעוודיקן קאָלאָריט.

צום סוף וויל איך עפּעס דערמאָנען וועגן א. אַלמיס הקדמה־אָנהייב: ער דערקלערט, אַז זיין איצטיק בוך „לעצטע געזאַנגען“ זענען זיינע לעצ־טע לידער אין בוך־פאָרעם, אַפילו ווען זיין „לעבנס־שפּאַן זאָל זיך אַביסל פאַרצ׳יען“.

נו, וואָס זאָגסטו צו דעם, עם־הספר?

וועט אַ שרייבער ביי די אומות־העולם אויך אַזוי זאָגן?

לאָמיר ווינטשן דעם חשובן שריפטשטעלער, דיכטער, א. אַלמין, אַז ער זאָל נאָך זוכה זיין צו דערלעבן אַביסל מער נחת אין שייכות מיטן טרויעריקן מצב פון יידישן בוך, שרייבער, לייענער וכדומה.

(„יידישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, 26 פעברואַר, 1957)

# אַ קעמפּער פאַר העכערע ענינים

פון

יצחק וואַרשאַווסקי (באַשעוויס)

אויף דער ייִדישיסטישער גאַס, ווו ס׳האָט באַלד פון אָנהייב גענומען הערשן דער גייסט פון מאַטעריאַליזם (אויב מ׳קען אָט די צוויי ווערטער צונויפפּאָרן), איז אַלמי יאָרן לאַנג געווען אַ קעמפּער פאַר העכערע ענינים. ער האָט אויף ייִדיש געשריבן אַזוינע ביכער ווי „די צווייטע עקזיסטענץ“, „די רייד פון בודאַ“ און אויף ענגליש — „איטוירנעל פּראָנטיערס“ און „אַור אָנפיניִשעד וואָירלד“ — אייביקע גרענעצן אין אונדזער נישט־פאַר־ענדיקטער וועלט. די לידער, וואָס אַלמי האָט געשריבן, זענען אויך געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידייע, אַז דאָס וואָס מיר זעען און ווייסן און קענען וויסן, — איז נישט אַלץ. אַלמי האָט כסדר אָנגעוויזן אַז עס איז פאַראַן אַ „מסך מבדיל“, אַ פאָרהאַנג וואָס טיילט אונדז אָפּ פון די גרויסע אמתן. אַלמי איז נישט קיין אָרטאָדאָקס, נישט אַ מענטש פון אַ רעליגיע־זער דיסציפּלין, נאָר אַ רעליגיעזער דענקער, אָדער אַ גאָט־זוכער. אין אַנדערע קולטורן זענען אַלעמאָל געווען דענקער און שרייבער פון דעם סאָרט. אָבער אין ייִדיש האָט מען די שרייבער פון דעם מין געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. צו זיי האָבן געהערט די צייטלינס — פאָטער און זון, — אַלמי, און מען קען צורעכענען דעם וואַרשעווער שריי־בער פויזנער. און אפשר געפינט זיך נאָך איינער.

מיר האָבן גענוצט דעם אויסדרוק אַ „קעמפּער פאַר העכערע ענינים“ נישט צופעליק. מען האָט אויף דער ייִדישער גאַס ממש געמוזט זיך קריגן פאַר די רעכט פון אַ שרייבער נישט צו זיין קיין מאַטעריאַליסט. דעם אמת געזאָגט, זענען אונדזערע בעלעטריסטן ס׳רוב נישט געווען קיין מאַ־

טעריאַליסטן, אָבער די קריטיק און די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום דער יידישיסטישער קולטור איז געווען אַ מאַטעריאַליסטישע. מיט דעם אויפ־קום פון באָלשעוויזם און פון דער ליטעראַרישער מיטלויפעריי, איז יידיש אויף אַ צייט ממש געוואָרן באַהערשט פון דער רויטער קליקע. מען האָט אויף אונדזערע יידישע אותיות געלעסטערט גאָט, באַשפּיגן די יידישע געשיכטע, געמאַכט אַש און פאַרעך פון אַלץ וואָס איז אונדז הייליק און טייער, און עס האָט געהייסן אַז מיט זיי, די סטאַליניסטישע שטיוול־פּוצער, הייבט זיך אָן די יידישע קולטור. ס'איז נישט געווען לייכט אין דער דאָזיקער סביבה צו ריידן וועגן אַ „צווייטער עקזיסטענץ".

אַלמי האָט דאָס געדולד און די פעיקייט פון אַ פּאָלעמיקער. מען האָט געמוזט כסדר לערנען מיט אונדזערע צעמישטע און קאַליע־געוואָרענע לייענער און שרייבער — אלף־בית. מען האָט געמוזט אָפּלייקענען זייערע פאַלשע באַהויפּטונגען, אויסלאַכן זייערע קוריאָזן, זייער פּראָווינציאַליזם, זייער וווּלגאַריטעט. און אַלמי האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע אומ־היימלעכע מיסיע. ווי ס'רוב מיסטיקער, האָט אַלמי אַ לאָגישן קאָפּ און זעלטענע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן. אין אַן אַנדער ליטעראַטור וואָלט אַלמי נישט פאַרשווענדט זיינע כוחות דערויף, ער וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט פאַרפולקאָמען זיין ליד, אָבער אין יידיש איז דאָס געווען אַב־סאָלוט נייטיק. ווי הלל צייטלין אויף זיין שטייגער, איז אַלמי געוואָרן אַ מלמד וואָס האָט געלערנט אין שריפט מיט תלמידים און זיי געגעבן צו פאַרשטיין דאָס וואָס דאַרף זיין פאַר אַ בר־דעת זעלבסטפאַרשטענדלעך. דער יידישער לייענער האָט דערפון עפּעס געוווּנען (לאָמיר האָפן) און אַלמי האָט דערפון סיי געוווּנען און סיי פאַרלוירן. ער האָט פאַרלוירן צייט צו אַרבעטן אויף זיך. אָבער ער האָט געוווּנען קלאָרקייט און דעם טאַלאַנט צו ריידן וועגן טיפע ענינים אין פּשוטע ווערטער.

אַלמיס בוך „אין גערעַנגל פון אידייען" שפּיגלט־אָפּ אַלמיס ליטע־ראַרישן וועג. עס איז אַ בוך עסייען, געשריבן אַזוי אַז יעדער לייענער זאָל קאָנען פאַרשטיין. אָבער די זאַכן פאַר וועלכע אַלמי נעמט זיך אָן, זע־נען ווייט, ווייט נישט קלאָר אַפילו פאַר מענטשן וואָס האָבן אַ נאָמען פאַר דענקער. פון זיין עסיי „טויט און אומשטאַרבלעכקייט" וואָלטן געקענט לערנען פּראָפעסיאָנעלע פילאָסאָפן. דאָס וואָס אַלמי זאָגט וועגן פּרווידן,

דאַרף געזאָגט ווערן און האָט מער וואָג פון אַ גאַנצן צענטנער פּרווידיאַ־נישע פּשטלעך. אַלמי איז — לויט דעם שרייבערס מיינונג — נישט גע־רעכט אין זיין פּאָלעמיק מיט הרב אַגושעוויטש וועגן פרייען ווילן (אין דער עסיי „דער איבערמענטש פון פרייען ווילן״). אָבער אַפילו דאָרט זענען אַלמיס אַרגומענטן אינטערעסאַנט. אַלמיס גרעסטער פאַרדינסט איז זיין כוח צו ריידן אין פשוטע ווערטער וועגן ענינים וואָס אַנדערע פאַרדעקן און פאַרנעפּלען און צעקרימען מיט אַ סך לאַטיינישע אויסדרוקן, מיט אָנ־געשוואָלענע זאַצן און פּוסנאָטן. אַלמי האָט אינגאַנצן נישט די אַמביציע אַרויסצוקומען ווי אַ געלערנטער, און דעריבער קען ער אויסמיידן דאָס גאַנצע וויסנשאַפטלעכע שטרוי און דערגיין גלייך צום קערן.

אַלמי איז נישט געקומען אין זיין דענקען צו קיין באַשטימטן אויס־פיר. עס איז נישט פאַראַן קיין קלאָרע בריק צווישן אַלמיס געדאַנקען און דעם לייענערס מעשים. ער ווייזט נישט אָן — ווי דאָס טוט הלל צייטלין — וואָס מען דאַרף קאָנקרעט טאָן. אַלמי איז אַ גאָט־זוכער, נישט אַ גאָט־געפינער. אָבער אַפילו פאַר זיין גאָט־זוכעריי האָבן אים די דעה־זאָגער אין אונדזער ליטעראַטור באַשטראָפט. מען האָט אים שיער נישט געשטעלט מחוץ למחנה. צום גליק איז אַלמי פון דער נאַטור נישט גענייגט צו פּרע־טענזיעס און ביטערקייט. ער איז געבליבן דער זעלבער געדולדיקער לע־רער. גראַד אין די שפּעטערע יאָרן האָט אַלמי געשריבן אַ סך שיינע לי־דער און דער שרייבער האָט אויף זיי אָנגעוויזן. אַלמי שרייבט אויך וועגן ליטעראַטור און אויך דאָרט איז ער אויפן ריכטיקן וועג.

זיין בוך „אין געראנגל פון אידייען״ ווייזט אונדז אַ קלאָרן דענקער, אַן ערלעכן מענטש, אַ פּערזענלעכקייט וואָס לאָזט זיך נישט בייגן פון קיין שום מאָדעס און שטרעמונגען, נאָר בלייבט דאָס וואָס זי איז. אַלמיס בוך עסייען איז אַרויס אין 1957, און עס וואָלט באַדאַרפט באַלוינט ווערן מיט דעם לאַמעד־פּריז פאַר דעם יאָר. עס איז אַן עוולה, וואָס קיינער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. איך גלייב אַז מען קען דאָס נאָך פאַרריכטן.*

(„פאָרווערטס״, 1טער יוני, 1958)

* דאָס דאָזיקע בוך אַלמיס האָט שפּעטער באַקומען די ליִאָניע בימקאָ־פּרעמיע פון דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

# א. אַלמי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ

## (לייענענדיק זיין בוך „חשבון און סך־הכל")

פון

## יצחק האָראָוויץ

### א

צו א. אַלמיס בוך „חשבון און סך־הכל" קאָן מען נישט צוגיין מיט דער מאָס פון געוויינלעכער קריטיק. דאָס איז נישט נאָר אַ בוך פון דעם ש ר יי ב ע ר אַלמי, נאָר דערעיקרשט וועגן דעם מ ע נ ט ש אַלמי. עס איז אָבער אויך נישט אַ געוויינלעך אויטאָביאָגראַפיש בוך. „חשבון און סך־הכל" איז אַ ווידוי, אַ זעלישע קאָנפעסיע פון אַ מענטש, וואָס אַ לעבנלאַנג האָט ער זיך געראַנגלט מיט כלערליי אינערלעכע קאָנפליקטן, סתירות, שוואַכקייטן און וואַקלענישן, און איצט פילט ער, אַז ער מוז זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. אַלמי אַנטפּלעקט פאַר אונדז זיינע סאַמע אינטימסטע איבערלעבענישן, די עוולות וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אַנדערע, און אַפילו די רשעות וואָס ער האָט צייטנווייז אַרויסגעוויזן צו מענטשן און זיי ווייגעטאָן מיט דעם. און דאָס אַלץ דערציילט ער מיט אַזאַ פולער, נישט־באַוואָרנטער אָפנהאַרציקייט, אַז צוגיין צו אַזאַ בוך מיט דעם אַנאַליז פון פאָרמעלער קריטיק, וואָלט געווען נישט נאָר אין שלעכטער מאָס, נאָר פּשוט אין שלעכטן געשמאַק.

אַלמי זאָגט וועגן זיין בוך, אַז דאָס איז „אַ געשריי אין די טיפענישן פון וועזן". נישט גרינג איז אים אָנגעקומען צו לאָזן הערן דעם געשריי בקול־רם. ער האָט יאָרנלאַנג זיך געגרייט צו דעם „גרויסן מאָמענט פון השתפכות־הנפש". אָבער איטלעך מאָל האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן —

מער פון אַלץ „די מורא איבערצורייסן מיט אַלץ און אַלעמען און נאָך מער איזאָלירט ווערן". ער האָט אָבער געפילט, אַז ער מוז דאָס טאָן, ווייל „בלויז ווען איך וועל דאָס טאָן", זאָגט ער, „וועל איך גאַנץ און ריין ווערן; בלויז דעמאָלט וועל איך קאָנען רויק לעבן, אָדער רויק שטאַרבן".

ווי קאָן מען שרייבן וועגן אַזאַ בוך אין טערמינען פון געוויינלעכער קריטיק?

ב

איך קען אַלמין אַ סך יאָרן. איך קען אים נישט נאָר ווי אַ שרייבער, נאָר אויך ווי אַ נאָענטן פריינד. מיר האָבן אַ צייט געוווינט אינאיינעם, און מיר האָבן געפירט אַ סך אינטימע שמועסן. דאָך איז ער פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש. איטלעך מאָל ווען אונדזער אינטימקייט איז אַריבער די גרענעץ פון פאָרמעלן שמועס און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט קום איך צו צו אים, האָט ער מיר פאַרשטעלט דעם וועג מיט אַ ייִטיקער באַמערקונג, אָדער גאָר מיט אַ שפּאַסיקן אַנעקדאָט. אינטימקייט האָט אָבער אויך אירע גרעניצן. האָב איך זיך געהאַלטן דיסקרעט און נישט געצוווּנגען דאָס, וואָס ער וויל נישט, אָדער קאָן נישט זאָגן, און אַזוי איז ער ווייטער געבליבן אַ רעטעניש פאַר מיר.

אַלמי זאָגט: „איך טראַכט אָפט, אַז ווען איך בין נישט איך, נאָר אַן אַנדערער און איך שטויס זיך אָן אויף אַזאַ ווי איך, וואָלט ער מיך מוראדיק פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט". און ער וואָלט געפרעגט: „וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס?". איך פלעג אויך אָפט טראַכטן: ווער איז אַלמי? וואָס קומט פאָר אין אים? מיין פראַגע האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין באַרעכטיקט, ווייל איך האָב געשפּירט, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן דער וואָס רעדט און שרייבט. איך האָב געשפּירט אין אים אַ פּסיכישן צושטאַנד, אַ געראַנגל פון עמאָציעס און געפילן, וואָס אַפילו אין זיין פילזייטיקן שרייבן איז דאָס נישט געקומען צום פולן, קלאָרן אויסדרוק. אַזאַ שפּירונג לאָזט זיך לאָגיש נישט דערקלערן, ווי עס לאָזט זיך בכלל נישט דערקלערן די מיסטעריע פון אינטויִטיווע שפּירונגען, וואָס אונדזער באַוווּסטזיין קאָן זיי נישט משיג־זיין. איך האָב אָבער געהאַט דאָס געפיל, אַז די שפּירונג נאַרט מיך נישט אָפּ.

אַזאַ שפּירונג, אָדער פאַרגעפיל, האָב איך געהאַט עטלעכע מאָל אויך וועגן אַנדערע שרייבער. איינער פון זיי איז געווען יונה ראָזענפעלד. ער, ווי מיר ווייסן, האָט געהאַט אַ שם פון אַ בייסיקן, שטעכיקן מענטש. טייל האָבן אים אַפילו צוגערעכנט צו יענע שווערע, קאַפּריזנע מענטשן, וואָס ס׳איז גלייכער אַז מ׳קומט נישט אין זייערע ד׳ אמות. אָבער אַז איך האָב זיך מיט אים באַקענט און ער האָט מיך מכבד־געווען מיט אַ פּאַרציע שטעכיקע רייד, האָב איך געשפּירט אין דעם אונטערטאָן פון זיינע שטעך־ווערטלעך — און נאָך מער אין דעם זעלבסט־פּאַרראַט פון זיינע קלוגע בלויע אויגן — אַז דאָס איז נישט דער אמתער יונה ראָזענפעלד. די פּאָר צענדליק יאָר פון אונדזער נאָענטער פריינדשאַפט האָבן מיך שפּעטער איבערצייגט, אַז מיין פאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. זיינע שטע־כיקע רייד זענען אין אמתן געווען נישט מער ווי אַ שוץ־מיטל, אַן אויס־סערלעכע באַוואָרעניש פאַר דער איידעלער עמפּינדלעכקייט פון זיין אי־נערלעכן איך.

דאָס זעלבע איז געווען מיט י. י. זינגערן. ער האָט געשמט ווי אַ בייזער, שטרענגער מענטש. טייל האָבן אים אַפילו געהאַלטן פאַר אַ צי־ניקער און בעל־גאווה. אָבער אויך אין דעם פאַל האָב איך זיך פאַרלאָזט אויף מיין אייגענעם פאַרגעפיל. אין די יאָרן וואָס מיר האָבן געוווינט אין שכנות און אָפט פאַרבראַכט ביי אים און ביי מיר אין שטוב, האָב איך איינגעזען, אַז אין אמתן איז ער אַ ליבער, פריינדלעכער און טיף־עטישער מענטש. ער האָט אָבער געוווסט ווי ווייניק אַזעלכע מידות קאָנען אָנ־פאַרטרויט ווערן אין געוויינלעכן קאָנטאַקט מיט מענטשן. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ קלוגער און דערפאַרענער מענטש, איז אים געלונגען צו באַ־שיצן זיינע איידעלע מידות דורך די אויסערלעכע מחיצות צווישן זיך און אַנדערע.

אַן ענלעכע אַנטפּלעקונג איז פאַר מיר געווען ד״ר איסר גינזבורג. אים האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן מענטש, אַ רשע. מ׳פלעגט פשוט מורא האָבן צו זיצן ביי זיין טיש. אָבער מיר איז באַשערט געווען צו דער־שפּירן און שפּעטער צו דערקענען דעם אמתן ד״ר גינזבורג — אַ מענטש פון זעלטענער ערלעכקייט, פון אמתער גוטסקייט, וואָס ליגט נישט אויף

ד׳ער אויבערפלאַך פון באַנאַלער חניפה און צעקראַכענער סענטימענטאַ־ליטעט.

אויך אַלמי, האָב איך געשפּירט, איז נישט דער וואָס מ׳מיינט. אָבער אין זיין פאַל האָב איך שוין געהאַט אַ פּאָר באַווייזן. אַט־דער אַלמי, וואָס אין זיין שרייבן האָט ער „מיט אַלץ און מיט אַלעמען זיך איינגעריסן״; ער, וואָס האָט כסדר פּאָלעמיזירט און שאַרף געקעמפט קעגן כלערליי ליטעראַרישע, פילאָסאָפישע און סאָציאַלע שיטות — אַט־דער ליטעראַרישער „אַנפאַן טעריבל״, האָב איך געוווּסט, איז אין אמתן אַ שטילער, פרידלעכער און אַפילו שעמעוודיקער מענטש. און נאָך האָב איך געוווּסט, אַז דער זעלבער אַלמי, וואָס שטייט אין קאַמף מיט אַ סך מענטשן, באַהאַלט זיך גאָר אויס פון מענטשן; און אַז כאָטש ער קעמפט אַזוי מוטיק און געוואַגט קעגן כלערליי אָנגענומענע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס, ווערט ער אין דער זעלבער צייט אַליין פאַרפאָלגט און געפּייניקט פון אייגענע ספיקות און איז אין שטענדיקן געראַנגל מיט זיך אַליין.

דאָס אַלץ האָב איך געוווּסט וועגן אַלמין — געוווּסט, און דאָך איז ער געווען אַ רעטעניש פאַר מיר. וואָס שייך זיין אייגענעם איך, איז ער פאַרבליבן אַ פאַרזיגלטער סוד. און אַט אין דער מיסטעריע איז ער געבליבן איינגעהילט ביז — ביז איך האָב איבערגעלייענט זיין איצטיק בוך „חשבון און סך־הכל״. דאָ רעדט שוין אַלמי דער שרייבער וועגן אַלמי דעם מענטש. דאָ רופט ער זיך אַליין צום וואָרט.

ג

שווער זיך פאָרצושטעלן אַ געביט, וואָס אַלמי זאָל וועגן דעם נישט האָבן געשריבן אין זיינע ביכער. איר געפינט אין זיי ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן ספּיריטואַליזם, רעליגיע, השארת הנפש, אָריענטאַליזם. פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, פּסיכאָלאָגיע — שוין נישט־רעדנדיק פון זיינע לידער־זאַמלונגען, דערציילונגען, פאָלקס־לעגענדעס, הומאָריסטישע מעשות און די פילע עסייען און פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן כלערליי געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע געשעענישן.

ווען מ׳לייענט די אַלע ווערק אַלמיס, קריגט מען דעם באַרעכטיקטן

איינדרוק, אַז ער איז אויסגעקאָכט און פאַרקאָכט אין אַלץ און אַלעמען, אַז ער איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן דורך אַן אַ שיעור אַקטיווער באַטייליקונג מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט. דער איינדרוק ווערט נאָך מער באַרעכטיקט ווען מ׳נעמט אין באַטראַכט, אַז ער איז נישט קיין אָנגעשטעלטער אין אַ צייטונג, און ער מוז דאָס אַלץ נישט שרייבן צוליב פּראָפעסיע.

אַלמי באַטראַכט זיין שרייבן בכלל נישט ווי אַ פּראָפעסיע. „שרייבן", זאָגט ער, „איז ביי מיר מער ווי אַ פּראָפעסיע. ס׳איז מיין צווייטע נאַטור. איך קאָן נישט לעבן אָן שרייבן, ווי אַ מענטש קאָן נישט לעבן אָן שפּייז, אָן וואַסער, אָן לופט". ער שרייבט, הייסט עס, ווייל ער מוז שרייבן, ווייל די אַלע פראַגן אינטערעסירן אים, רעגן אים אָן און מאָנען ביי אים אַ שטעלונג. פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ וואַכזאַמען געזעלשאַפטלעכן חוש.

אַלמי לייקנט דאָס אָבער אַליין אָפּ. ער זאָגט: „מיר האָט בכלל אַלעמאָל געפעלט דער געזעלשאַפטלעכער חוש, דער פאַרבינד־שטריך צווישן דעם יחיד און דעם קאָלעקטיוו. פאַר יענע, וואָס זענען באַקאַנט מיט מיינע מאמרים אויף געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס, וועט דאָס דאָגעזאָגטע זיין אַ חידוש. ס׳איז, אייגנטלעך, אַ חידוש און אַ רעטעניש פאַר מיר אַליין אויך אַט־דאָס, וואָס מיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן שרייבן אויף אַזעלכע טעמעס".

פאַנאַיִט איסטראַטי האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט אַרומגענומען די גאַנצע מענטשהייט, און לסוף איז ער נישט געבליבן מיט קיין איין מענטש אין האַנט. וועגן אַלמין קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט געפּרוּווט פאַרהיימישן זיין לייענער מיט דער גאַנצער וועלט, אָבער ער אַליין איז געבליבן אַ פרעמדער אין איר. די וועלט זעט אים אויס „ווי אַ פרעמדער גרויסער זאַל מיט אַ סך אומבאַקאַנטע מענטשן". דאָס דערמאָנט אין שאָפּענהויערס פּעסימיסטישן זאָג, אַז ער לעבט אויף דער וועלט, נישט געהערנדיק צו איר.

וואָס איז די סיבה וואָס אַלמי פילט זיך פרעמד אויף דער וועלט? איז דאָס אַנטוישונג? אין וואָס און אין וועמען איז ער אַנטוישט? אַלמי ענטפערט אַליין אויף דער פראַגע: „ווו איך וואַרף מיין בליק, אין וועל־

כער זייט איך ריכט מיינע אויגן — אַזוי פיל ליגן, פאַלשקייט, נאַריש־קייט, אַנטוישונג און טרויער... אונטער די פיס וואַלגערט זיך דער אי־דעאַל פון מענטש־באַפרייונג, צעטראָטן, אויסגעלאַכט, אין בלוט און אין בלאָטע". ער זעט דעם שווידערלעכן קאָשמאַר, וואָס מיר אַליין האָבן אויף זיך אָנגעבראַכט דורך דער גיהנום־באָמבע און וואָס האָט דערפירט צו „אַ וועלט אַ צעביסענע, אַ צעריסענע, אַ פאַרבלוטיקטע, אַן אומזיכערע". ער זעט אַ וועלט, וואָס האָט זיך רויק צוגעקוקט צו דעם מענטשלעכן באַרבאַ־ריזם, וואָס האָט פאַרטיליקט זעקס מיליאָן יידישע מענער, פרויען און קינ־דער, און דערמיט „פאַרלוירן דאָס מאָראַלישע רעכט אויף עקזיסטענץ".

און אַלמי פרעגט: „ווי האָט דאָס אַלץ געווירקט אויף אונדז אַליין, אויף אונדזער יידישער גאַס? האָבן מיר אפשר, נאָך דער מוראדיקער שחיטה אויף אונדזער פאָלק, זיך אַליין דערהויבן? הייבט זיך נישט אָן!". ער רעדט וועגן דעם נס מדינת־ישראל און ער ווייזט, אַז אויך אָט־דער „התפעלות־צויבער" האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט. אויף דער יידישער גאַס זעט ער ירידה, אַ בהלה פון פרעמיעס, „אַ הוליאַנקע אויף אַ פאַפּירענער בריק איבערן אָפענעם תהום". ער זעט, אַז די שאַפערס און טוערס פון יידישן וואָרט זענען „גיריק אַריינצוכאַפּן וואָס שנעלער דאָס ביסל אומ־שטערבלעכקייט, וואָס רינט אַרויס פון דער נאָענטער שטערבלעכקייט: נאָך מיר מעג קומען דער מבול!".

אַלמי פילט זיך פרעמד און אַנטוישט אַפילו אין דעם קרייז פון איי־גענע קאָלעגן. ער דערציילט פון די „רשעותן פון קאָלעגן, וואָס האָבן (אים) אָפּגעצאָלט מיט שטיינער פאַר גוטס". ער ווייזט ווי טייל פון זיי האָבן אים אַפילו פאַרשטעלט דעם וועג צו דער פרעסע.

מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט נישט סתם אַ שרייבער, וואָס דאַרף ערשט „אָנערקענט" ווערן. דאָס רעדט אַ שרייבער, וואָס פון זיינע פריסטע ייִנגל־יאָרן האָט ער שוין פאַרנומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין אַ צייטונג. דאָס זאָגט אַ שריפטשטעלער וואָס האָט מער און טיפער און פיל־זייטיקער זיך אַריינגעשריבן אין אונדזער פרעסע און ליטעראַטור ווי אַ סך אַנדערע שרייבער. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ווייל „דער שרייבער, וואָס קאָן נישט און וויל נישט מיטמאַכן דעם שפּיל פון ליטעראַרישער פּאָליטיק", זאָגט אַלמי, „פילט זיך ווי אַ פרעמדער, אַן איבעריקער". און

אַלמי קומט צום אויספיר, אַז דאָס נעמט זיך אַפּנים פון זיין „נאַיווּן" דענקען, אַז וויכטיקער איז „דער מענטש אינעם שרייבער, ווי דער שרייבער אינעם מענטש".

ד

איך בין דאָ, ווי מ'זעט, נישט אויסן אַ „קריטיק" אָדער „רעצענזיע" וועגן אַלמיס בוך „חשבון און סך־הכל". דערפאַר שטעל איך זיך נישט אָפּ אויף די לידער און עסייען, וואָס גייען אַריין אינעם בוך. דערביי וויל איך באַמערקן, אַז גראָד די לידער און עסייען האָבן מיר אַביסל געשטערטביים לייענען אַלמיס טראַגישע קאָנפעסיע. עס האָט זיך געוואָלט הערן וואָס מער וועגן דעם מ ע נ ט ש אַלמי, וואָס הגם ער האָט זיך געפּרוווט אַנטפלעקן אין מער ווי צוואַנציק ביכער, איז ער דאָך פאַרבליבן אַ רעטעניש פאַר אונדז — און פאַר זיך.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַלמי אַליין גיט אונדז דעם שליסל צו דער רעטעניש. ער טוט דאָס טיילווייז אין דעם קאַפּיטל „די וואַנט" פון זיין בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן", און טיילווייז אין דעם קאַפּיטל „די האַנט" אין זיין איצטיקן בוך. די צוויי קאַפּיטלעך ווייזן־אָן אויף זיין פרעמדקייט אין דער וועלט.

רעדנדיק וועגן דער אָרעמער דירה פון זיינע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים, דערציילט אונדז אַלמי, אַז אַנטקעגן דעם פענצטער פון זיין היים איז געשטאַנען „אַ דיקע, גרויע וואַנט". צוליב דער מרה־שחורהדיקער וואַנט איז קיין טראָפּן ליכט און זון קיינמאָל נישט אַריינגעקומען אין דער שטוב, וואָס איז געווען אפשר פיר שפּאַן אינגאַנצן און נישט געהאַט מער ווי דאָס איינע פענצטער.

אָט ווי ער רעדט וועגן דעם:

„די מוראדיקע וואַנט! ביז היינט שרעקט זי מיך, ביז היינט זע איך זי אין חלום — און איך כאַפּ זיך אויף מיט שרעק... מיר דאַכט זיך אַמאָל, אַז צווישן מיר און דער גרויסער ליכטיקער וועלט שטייט נאָך יענע דיקע, פינצטערע וואַנט. יעדעס מאָל, וואָס איך וויל עפּעס דערגרייכן, ערגעץ דערגיין — שטעלט זיך מיר די וואַנט אַוועק. אין די פריידיקסטע מינוטן

פון לעבן — גיט זיך פלוצלינג די וואַנט אַ רוק אַרויס און איר שאָטן דעקט איבער די פרייד. די וואַנט איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס איז טרויעריק און שלימזלדיק אין מיין לעבן, אָבער נישט קיין סימבאָל, אַ מליצה, וואָרעם זי איז ממשותדיק. זי איז מיין פּערזענלעכער כותל־מערבי, וואָס דערמאָנט מיך אין חורבנות פון לעבן, אין צעבראָכענע פריידן און האָפענונגען, אין צעשטערטע אַמביציעס״...

אין דעם קאַפּיטל „די האַנט״ דערציילט אַלמי ווי זיין טאַטע האָט אים, אַ יינגל פון אַ יאָר צען־צוועלף, אַריינגעגעבן אַלס לערן־יינגל אין אַ גילזן־פאַבריק. ווען דער טאַטע איז אַהיימגעגאַנגען, איז דאָס יינגל געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דער אָפענער פאַבריק־טיר, אַ שעמעוודיקער און צעמישטער, און נישט געוווסט אין וועלכער זייט צו גיין, און צו וועמען זיך צו ווענדן. פּלוצלינג איז עמעצער אונטערגעקומען הינטער אים, און אַ שווערע, שטאַרקע האַנט האָט אים אַ שטויס געטאָן אין פאַבריק אַריין, באַגלייט מיט אַ געשריי: „וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם?״. ער האָט נישט געוווסט ווער ס׳האָט אים אַ שטויס געטאָן. אָבער יענער אומגעריכטער שטויס, דערציילט אַלמי, איז פאַרבליבן מיט אים אויף זיין גאַנץ לעבן. ער פילט דעם שטויס פּסיכיש און פיזיש ביז היינט־צו־טאָג.

אָט ווי אַלמי רעזאַנירט וועגן יענעם אינצידענט פון זיינע קינדער־יאָרן:

„שוין דעמאָלט, אונטערן פרישן איינדרוק פון דעם אינצידענט, איז אין מיר אויפגעקומען דער געדאַנק — און דער געדאַנק איז אין מיר גע־וואָקסן מיט די יאָרן — אַז מיט אַזאַ שטויס פון אַן אומבאַקאַנטער בייזער האַנט הייבט זיך אָן דער מענטשלעכער גורל אויף דער ערד, מיינער און אַלעמענס. אַ מאַכטיקע האַנט פון אַ גרויסן אומבאַקאַנטן — די יד־חזקה — גיט אונדז אַזאַ אומגעריכטן שטויס אין דער וועלט אַריין, אין לעבן אַריין — און לאָזט אונדז אויף הפקר, צו אונדזער אייגענעם גורל. נאָר טייל דערפילן זיך שנעל היימיש, גוט־ברודעריש מיט אַלעמען; און אַנ־דערע, די ווייניקערע, פילן זיך דאָ אייביק פרעמד, אייביק פאַרלוירן, איי־ביק ווי פאַרבלאָנדזשעטע״.

„חשבון און סך־הכל״ איז אַ טראַגיש בוך, וואָס לאָזט אונדז איבער

נישט ווייניקער צעבראָכן ווי דעם מחבר. עס איז אָבער אויך אַ בוך, וואָס דערהייבט זיך צו דער טראַגיק פון מענטשן בכלל. און עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז דאָס דערהויבענע טראַגישע וואָרט זאָל ווערן אַ ליכט אין דער פינצטערניש, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן — און אפשר אויך אַ ניי ליכט.

(„פ. אַ. ש.", ניו־יאָרק, 15טער מערץ, 1959)

# אין דער וועלט פון אידייען

פון

לייבוש לעהרער

אַ בליק אויף דער ליסטע ביכער און בראָשורן וואָס א. אַלמי האָט פאַרעפנטלעכט ביז איצט גיט דעם איינדרוק פון אַ גאַנצער ביבליאָטעק, אַ קאַלירפולע און אַ פילזייטיקע. מיר געפינען דאָ 25 ביכער, פון זיי איינס אין פויליש, צוויי אין ענגליש און 22 אין ייִדיש. צו דעם קומט נאָך צו 8 בראָשורן, דריי אין ענגליש, איינס אין העברעיִש און פיר אין ייִדיש. ווען מען רעכנט צו דעם צו דעם נייעם באַנד זכרונות, אין דריי חלקים, וואָס גייט באַלד אַריין אין דרוק, און דאָס וואָס אַלמיס פרוכפּערדיקע פען וועט נאָך אָנשרייבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָבן מיר פאַר זיך פאַרמעגן וואָס לאו כל השרייבער זוכה.

בנוגע זיין קאַלירפולקייט איז גענוג צו זען דעם אינהאַלט פון זיין לעצט בוך עסייען, אין געראַנגל פון אידייען, כדי זיך צו מאַכן אַ באַגריף דערפון. אַ חוץ זיין פּאָעזיע, און ער האָט ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן זעקס ביכער לידער, געפינען מיר אין זיינע עסייען אַ דיאַפּאַזאָן, אַ פאַרנעם פון טעמעס, מיט ווייטע און ברייטע פאַראינטערע־סירונגען. איר געפינט דאָ פילאָסאָפיע און פסיכאָלאָגיע, וויסנשאַפט און עטיק, ליטעראַטור און קונסט, פּראָבלעמען פון סטיל און ביאָגראַפיע, בקיצור אַ שפּאַציר אין די מרחקים פון דער וועלט־קולטור בכלל און ייִדישער בפרט. און אומעטום ווייזט ער אַרויס אַן אַנגעלייענטקייט וואָס וויל זיך נישט פאַרדעקן מיט רייד און רעטאָריק ווען געהעריקע אינפאָר־מאַציע איז נייטיק. ער פאַרמאָגט אויך די געבענטשטע אייגנשאַפטקייט צו טראַכטן מיטן אייגענעם קאָפּ און רעדן מיטן אייגענעם לשון.

איך געדענק נישט, אַז איך זאָל ווען האָבן געזען אַן אַרטיקל מיט אַלמיס אונטערשריפט און נישט גענומען לייענען — אַפילו ווען די טעמע איז געווען ווייט פון מיינע אינטערעסן. איך טו עס קודם־כל אויס פשוטער, ערדישער הנאה פון זיין באַוועגלעכן און ריטמיש־וויגנדיקן סטיל. וואָלט ער נישט פאַרמאָגט זיינע ברייטע פאַראינטערעסירונגען און די שייכות־דיקע אינפאָרמאַציע פון דער געהעריקער ליטעראַטור, וואָלט דער רייץ פון זיין סטיל געקענט ווערן געפּערלעך־אָפּנאַרעריש. וואָרעם אַפילו זיין איראָניע און סאַרקאַזם זענען אָפט באַהויכט מיט אַ געמיטפולן שמייכל וואָס נייטראַליזירט דעם גיפט פון זיין שטאָך. נאָך אַ חן וואָס זיין סטיל צייכנט זיך אויס מיט דעם איז דאָס וואָס זייער אָפט זענען די טעמעס פון זיינע עסייען אַזעלכע וואָס בעטן זיך צו זיין איינזייטיק דידאַקטיש, זיי רייסן זיך צו מאַכן דעם שרייבער פאַר אַ לערער און דעם לייענער פאַר אַ תלמיד. אָבער אַלמין איז ווייט דער דאָזיקער פאַרשפּיצטער דרך. ער איז גיכער דערציילעריש; ער פאַרנעמט ביי אונדז די פּאָזיציע פונעם קרעאַטיוון שמועסער.

איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן אַז אין זיין בוך וואָס ווערט דאָ באַ־האַנדלט — א י ן ג ע ר אַ נ ג ל פ ו ן א י ד י י ע ן — האַלט ער זיך שטרענג ביים גאַנג און טאָן וואָס ער האָט פאַר זיך געשאַפן. ניין, טייל־מאָל זינדיקט ער קעגן זיך אויף פאַרשיידענע אופנים, ווייל די עסייען באַ־וועגן זיך אויף פאַרשיידענע פלאַכן און ליניעס. קודם כל, דער נאָמען פּו־נעם בוך איז זייער נישט אַלמיש. „אין געראַנגל" איז צו שאַרף שניידיק, פּאַסט זיך גיכער פאַר אַן אַטמאָספערע וואָס שפּריצט כסדר מיט קאַמף־טערמינאָלאָגיע. די אייביקע שפּיל פון אידייען וואָלט מער געווונען פון אַלמיס שרייב־טעמפּעראַמענט ווען אַ וואָרט פון געמיטלעכן ערנסט וואָלט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון „געראַנגל". אַקוראַט צוליב דער זעלביקער סיבה פיל איך ווי אַ דיסאַנאַנס, ספּעציעל אין דעם בוך וווּ עס באַוועגן זיך קיי־לעכיקע שמועסן וועגן גרויס־מענטשלעכע אידייען, אַזאַ עסיי ווי: „פּרץ הירשביין, דער מענטש וואָס איז געוואָרן אַנדערש". עס איז אַן איינדרוק, אָדער אַ מיינונג, וועגן הירשביינס אַ מאַניער וואָס איז דעם מחבר נישט געפעלן געוואָרן. פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר אַזעלכע געדאַנקען־צויטן אין אַ

צייטונג, אָבער אין אַ בוך האָבן זיי אַ זינען בלויז ווען זיי זענען אַ טייל פון אַ ברייטער, קריטישער אָפּשאַצונג.

איך רעכן, אַז דאָס וואָס אַלמי האָט דווקא אַריינגענומען אַזאַ נעגאַ־טיוון איינדרוק פון אַ שרייבער צווישן צוויי טאָוולען, נעמט זיך דערפון וואָס ער לעבט איצט איבער זיין פּערזענלעך־ליטעראַרישן חג האסיף. אין אַזאַ צייט ווילט זיך האָבן אַ וואָס פולערע זאַמלונג, זיך אידענטיפיצירן מיט וואָס מער פון געשאַפענעם אייגנס.

דאָס דערקלערט אפשר אויך איינעם פון די צוויי פאַלן ווען איך אַליין ווער דערמאָנט אין בוך. איך האָב אַמאָל געשריבן וועגן סאַנטאַ־יאַנאַס פילאָסאָפיע און זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין שטעלונג צום פאַר־עקשנטן ייִדישן מאָנאָטעיִזם. אַלמי האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַן אַר־טיקל אין פ. א. ש. ווו ער חידושט זיך אויף דעם וואָס איך בין מסכים מיט סאַנטאַיאַנאַס שטעלונג. איך האָב אים דעמאָלט געענטפערט, אויך אין פ. א. ש., מיט ציטאַטן פון מיין אַרטיקל וואָס באַווייזן אַז ער האָט פשוט פאַרזען מיין קלאָר־אויסגעדריקטן צוגאַנג. מיין זכרון זאָגט מיר, אַז ער האָט שפּעטער עפנטלעך צוגעגעבן זיין טעות און איבערגעלאָזן זיין טענה בלויז צום באַרימטן פילאָסאָף, נישט צו מיר. אָבער דאָ, אין בוך, קומט אַריין זיין אַרטיקל „סאַנטאַיאַנאַ און די גריכישע געטער״ אָן שום ענדערונג, אָדער באַמערקונג, און ער חידושט זיך ווידער וועגן מיין מיי־נונג, כאָטש זי איז דורכאויס טעותדיק איבערגעגעבן. זעט אויס אַז ער האָט נישט געפילט די נויט צו רעדאַקטירן זיינע אַרטיקלען ווען זיי זענען געוואָרן קאַפּיטלען פון אַ בוך. איך פאַרשטיי, דאָס גרייטן זיך צו אַ חג האסיף פון אייגענעם שאַפערישן לעבן איז, ווייזט אויס, בכוח צו פאַר־שטעלן אַנדערע נויטן און מאָטיוון.

דאָס צווייטע מאָל ווען איך ווער דערמאָנט אין בוך פאַרדינט אַ דאַנק און אַ באַמערקונג. קאָמענטירנדיק וועגן מיינס אַן אַרטיקל שרייבט אַלמי אין דער עסיי „פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט״: „פון קאָלעגע לעהרערס עסיי באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער דעקט דאָס גאַנצע פעלד פון אומפאַרשטענדלעכקייט און אַז דאָס אומפאַרשטענד־לעכע איז דער סימן מובהק פון פּאָעזיע בכלל״. אויב מיין שרייבן האָט געקענט געבן אַזאַ איינדרוק בין איך זייער דאַנקבאַר וואָס אַלמי גיט צו

צו זיינע הוספות און וואָס ער העלפט קאָרעגירן דעם איינדרוק וואָס איך האָב בשום אופן נישט געמיינט צו שאַפן.

אין פאַרבינדונג דערמיט איז כדאי עפּעס צו באַמערקן וועגן דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל „לייכט און שווער". צום באַדויערן איז דער מחבר אַ האָרעלע צו דאָגמאַטיש ווען ער זאָגט: „צוויי סאָרטן שרייבער שרייבן שווער: יענער וועלכער קען נעבעך נישט שרייבן לייכט, און איינער וועלכער קען יאָ שרייבן לייכט, מענטשלעך, פּריש, נאָר ער שטרענגט זיך אָן צו שרייבן שווער ווייל ער מיינט, אַז אין שרייבן שווער איז דער שווער־פּונקט; אַז מען דאַרף אַזוי, מחמת שרייבן לייכט קען דאָך יעדער איינער...". ליידער ווערט דאָ געשריבן אַ ביסל צו איינזייטיק וועגן אַ פילזייטיקן ענין. עס איז ווייט נישט אָפּהענגיק בלויז פון שרייבערס קענען אָדער נישט קענען. עס האָט אויך צו טאָן מיט די צילן וואָס דער שרייבער שטעלט זיך. דער קאָנווערסאַציאָנעלער סטיל, למשל, איז לייכטער פונעם דידאַקטישן. אַזוי איז מיט אַנדערע ספּעציפישע פונקציעס וואָס אַ שרייבער נעמט אויף זיך. אָבער דער עיקר, מען טאָר נישט אַרויסלאָזן פון אויג דעם אַנדערן צד פונעם שידוך, דעם לייענער. פּונקט ווי עס זענען דאָ לייכטע און שווערע שרייבער, אַזוי זענען אויך פאַראַן אַ לייכט־לייענער און אַ שווער־לייענער. אַ צוגעגרייטער לייענער און אַ נישט־צוגעגרייטער. אַאַז״וו. דאָס איז נישט אַזאַ פּשוטע טעמע ווי עס דאַכט זיך און שווער־שרייבעריי קען אַמאָל פאַרדינען אַ לייכטערן טויט־אורטייל.

לויטן נאָמען פונעם בוך זעט אויס אַז דער מחבר האָט דער עיקר אין זינען געהאַט די אוניווערסאַלערע אידייען און זייער וויגן זיך אויף דער וואָגשאָל פון מענטשלעכן געדאַנק. קענען מיר גיכער פאַרבייגיין די פּאָלעמישע רעפלעקסיעס וועגן „מאַרקס און זיין תורה" אָדער „פּרוידיאַניזם און יודאַיזם", געבויט אויף וויכוחים מיט ייִדישע שרייבער וואָס האָבן געשריבן וועגן מאַרקסן און פרוידן. מיר קענען אויך אין אייליקייט פאַרביילויפן זיין רירנדיקן פּירוש אויף משה נאַדיר, פאַקטיש אַ ליד אין פּראָזע, אָדער זיין אָפּשאַצונג פון י. י. זינגערן און עדגאַר עלען פּאָ. זיין „דאָס געהיימעניש אַרום ספּינאָזאַס טויט" איז ממש פאַרכאַפּנדיק טשיקאַווע; נישט אַזוי ניי אָבער אינטערעסאַנט באַהאַנדלט איז אויך זיין אָפּשטעלן זיך אויף „סאָקראַטעס — אַ היסטאָרישע פיגור אָדער לעגענ־

דע?". פאַראַן נאָך אַנדערע עסייען וואָס סיי צוליב זייער פאַרנעם, סיי לויט זייער באַהאַנדלונג געהערן זיי גיכער אין דער רובריק פון צייט־קאָמענטאַרן.

פון גאָר אַן אַנדער מין איז די גרעסטע עסיי אין בוך „טויט און אומשטאַרבלעכקייט" און די קלענערע, אָבער וואָס באַהאַנדלען וויכטיקע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען: „דער איבערמענטש פון פרייען ווילן" און „פאַרויסזעונג און פאַרויסבאַשטימטקייט".

צו אַלמיס שבח זאָל דאָ געזאָגט ווערן אַז שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען עס איז ממש געווען אַ חרפּה צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אפשר איז פּאַרט פאַראַן אַ „דופק", שוין דעמאָלט איז ער געווען פאַרכאַפּט פון כינעזישער מעטאַפיזיק, פון בודיזם, פון אָריענטאַלער פילאָסאָפיע בכלל און פון פּאַראַ־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען. אין זיינע דערמאָנטע פילאָסאָפישע עסייען האַלט ער זיך אין זיין באַוועגלעכן סטיל פון קרעאַטיוון שמועס. ער ווייזט אָן די שוועריקייטן פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען, ער איז נישט דאָגמאַטיש, אָבער ער דערלאָזט נישט דעם בלינדן פּסק־דין פון אינפאַנטילער אַפּיקורסות.

עס איז גוט וואָס אין די דאָזיקע עסייען דאַרף מען זיך ניט „אונטערגאַרטלען" כדי צו דערפילן זיך נעענטער צו די דאָזיקע ווייטע טעמעס. אַפילו בנוגע דעם גלויבן אין אומשטאַרבלעכקייט, וואָס פאַרוויקלט זיכער דעם צוטרוי פון אמונה, ווייזט ער אַזעלכע מעגלעכע דעפיניציעס פונעם טערמין וואָס זענען לחלוטין נישט מחייב קיין גלויבן אין איבערנאַטירלעכקייט, שוין אָפּגערעדט פון אַבערגלויבן. אַ ביסל לייכטער איז אויפצונעמען דעם געדאַנק פון אַ פרייען ווילן אַנטקעגן דעטערמיניזם, אָבער אויך דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע אומגעריכטע מאָמענטן, קען מען אָן אמונה נישט אויסקומען.

מיר דאַכט זיך, אַז דער אבן־נגף וואָס ליגט אויף אונדזער וועג, וואָס שטערט אונדז מיט זיכערקייט צו פּסקענען אַהין אָדער אַהער, נעמט זיך פון דער טיפער סתירה וואָס ליגט אין סאַמע וואָרצל פון אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ. עס איז די סתירה וואָס צווישן דעם דירעקטן, אומפאַרמיטלטן לעבן און דעם פּראָצעס פון טראַכטן. ווען מיר לעבן זענען מיר איינס, ווען מיר טראַכטן ווערן מיר צוויי, אַ סוביעקט וואָס נעמט אויף און

דרויסנדיקע אָביעקטן וואָס ווערן אויפגענומען. אַפילו ווען א י ך טראַכט וועגן ז י ך, ווערט דעמאָלט דער „איך" דער סוביעקט און דער „זיך" — דער אָביעקט. ווען מיר לעבן אומפּאַרמיטלט, ווען מיר האָבן נישט קיין אָביעקט אַרום זיך, נאָר רעאַגירן אימפּולסיוו און ווי עס לאָזט זיך, פילן מיר, אַז דאָס וואָס מיר טוען איז אַ פּועל־יוצא פון אַ פרייען ווילן, מיר טוען ווייל „עס ווילט זיך". אָבער אַזוי שנעל ווי מיר צעשפּאַלטן זיך אויף אָביעקט און סוביעקט, ווען מיר פילן אַז מיר האָבן אַן „איך" וואָס קוקט אַרויס אין „דרויסן", דעמאָלט דערזעען מיר זיך אַזוי ווי דער איינדרוק וואָס די דרויסנדיקע וועלט מאַכט אויף אונדז. מיר ווייסן, אָדער נעמען אָן, אַז יעדע זאַך איז אַ פּועל־יוצא פון אַ פריִערדיקער סיבה, ממילא ווערט אויך אונדזער ווילן, וואָס טראָגט שוין איצט דעם כאַראַקטער פון אַן אָביעקט, דעטערמינירט פון אַ סיבה. מיר זענען, הייסט עס, שוין נישט פריי; אונדזער ווילן איז שוין געבונדן צו דער סיבה וואָס קירעוועט אים.

עס קען קיין ספק נישט זיין, אַז אָנהייבנדיק מיט די חז"ל ביז די שפּעטערדיקע יידישע פילאָסאָפן איז די טענדענץ אין דער ריכטונג פון בחירה חפשית, פון פרייען ווילן, כאָטש ס'איז נאַטירלעך מען זאָל אויך געפינען געדאַנקען און אויסדרוקן וואָס ווייזן סימנים פון אַ דעטערמיניסטישן געדאַנקען־גאַנג. אַלמי איז גענייגט צום דעטערמיניזם, כאָטש, ווי געזאָגט, ער איז נישט דאָגמאַטיש אין דעם. פון אַ פּראַגמאַטישן שטאַנדפּונקט לוינט זיך אפשר גיכער צו גלייבן אין בחירה חפשית. דאָס פירט צו גרעסערער אחריות פאַר דעם וואָס מיר טוען און שטראָף און באַלוינונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קענען דעמאָלט האָבן אַ לאָגישע מאָטיווירונג, לכל הפחות אויף וויפל מיר האָבן צו טאָן באַוווסטזיניק מיט צילן און כוונות. אַלמי מיינט אַז עס „לוינט זיך" בעסער צו גלייבן אין דעטערמיניזם און אויך זיינע אַרגומענטן שטיצן זיך אויפן שכל הישר.

אין זיינע שמועסן וועגן פרייען ווילן פירט דער מחבר אַ זאַכלעכן וויכוח מיטן פילאָסאָפיש־אַנאַליטישן יידישן שרייבער ראובן אַגושעוויטש, ע"ה. איך האָב דערפילט ממש אַן אַקט פון גערעכטיקייט אין דעם וואָס ער האָט ראובן אַגושעוויטשן אַריינגענומען אין זיין בוך. ער איז געווען אַ גרינטלעכער למדן און אין דער זעלביקער צייט טיף אַנגעלערנט אין אַלגעמיינער פילאָסאָפיע. ער האָט אָנגעשריבן דריי ביכער אין יידיש, אַלע

דריי פון עכטער דענקערישער קוואַליטעט, מיט אַן אייגענעם טאָן און אַ גרויסער בעל־מסביר. צו 56 יאָר איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַ באַזוך און ליידער דאָרט געשטאָרבן. און כאָטש מיר האָבן זייער ווייניק פון דעם מין שרייבער אין יידיש, דאָך איז ער געבליבן טרויעריק־אומבאַקאַנט. אַפילו אַזעלכע וואָס האַלטן תמיד די האַנט אויפן דופק פון דער יידישער בוך־פּראָדוקציע האָבן — ווי איך האָבן אויסגעפונען אין עטלעכע פאַלן — פון אים נישט געהערט.

דאָס ברענגט, אגב, אַרויס נאָך אַ כאַראַקטעריסטיק אַלמיס. ער איז, ווי עס זעט אויס, ממש אַ דאָרשטיקער לייענער. זיין אַריינגעטאָנקייט אין אַלץ וואָס ווערט געשריבן אין יידיש לאָזט זיך שטאַרק פילן אין זיין שרייבן. זאָל שוין אין איין וועגס דערמאָנט ווערן זיין באַציִונג צום לשון, צו זיין שרייב־אינסטרומענט, יידיש. זיין לשון האָט אין זיך דעם גלאַנץ און דעם זאַפט פון יידישן אידיאָם. ער פאַרמאָגט אַ וואָרצלדיק יידישן וואָקאַבולאַר און ער מאַניפּולירט מיט אים אין עלאַסטישער בייגעוודיקייט. אָפט שטאַמט זיין הומאָר — און ער האָט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר — נישט אַזוי פון דעם וואָס ער באַמיט זיך צו זיין וויציק, נאָר פון דעם חנעוודיקן פאָלקלאָר וואָס ליגט אין דער עכטקייט פון זיין יידישן אויסדרוק.

די זאַמלונג עסייען וואָס קומט צו אונדז אונטערן נאָמען **איך געראַנגל פון אידייען** איז געוויס פּילזייטיק, אַז מען זאָל דערזען דעם שרייבער, אַלמין, זיין תוך און זיינע מעגלעכקייטן, אויף וויפל ער דריקט זיי אויס אין זיין פּראָזע. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ רייכע, באַוועגלעכע אידייען־וועלט איינגעפאַסט אין דער ראַם פונעם קרעאַטיוון שמועס.

(„פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק;
„דאָס פרייע וואָרט", בוענאָס איירעס, —
פעברואַר, 1958).

# האַרמאָניע פון פילזייטיקייט

פון

## מרדכי יפה

### I

### אַלמיס סטיל און אינהאַלט

פילזייטיקע שרייבער זענען ביי אונדז היפש פאַראַן. מ׳קאָן אַפילו זאָגן, אַז דער רוב שרייבער שאַפן אין פאַרשיידענע געביטן פון דער ליטעראַטור, הגם קוואַליפיצירט ווערט יעדער שרייבער דורך איין געביט, וואָס דאָמינירט ביי אים אין תוך און איכות. בלויז געציילטע שרייבער, ווי, למשל, שלום אַש, האַלטן זיך אַ גאַנץ לעבן אין איין געביט, האָבן פאַר זיך אַ הויפּט־וועג פון וואַנען זיי האָבן אָנגעהויבן און וויכן קיינמאָל נישט אָפּ אויף אַנדערע אומוועגן און סטעזשקעס. דער רוב שרייבער זענען פּאָליפאָניש, פילזייטיק, פאַרשיידנאַרטיק און „צעוואָרפן״.

פאַרוואָס דאָס איצט נאָכאַמאָל דערמאָנען?

ראשית, ווייל אַלמי איז היי־יאָר אַ טאָפּלטער יובילאַר: 65 יאָר לעבן און 50 יאָר שאַפן, ס׳הייסט, אַז עס איז פּונקט 50 יאָר זינט ער האָט דעביוטירט אין וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג״ מיט אַ ליד. והשנית, ווייל א. אַלמי איז טאַקע איינער פון די פילזייטיקע שרייבער.

65 יאָר לעבן איז אין דער היינטיקער צייט אַ „דערגרייכונג״, און בפרט ביי שרייבער, וואָס גייען, כידוע, אַוועק פאַר דער צייט. 50 יאָר שאַפן איז אַ צווייטע דערגרייכונג.

דאַרף מען זיך דאָ האַלטן אין דעם נוסח פון „דיינו״. אויב אַ שרייבער האָט ביז זיין 65סטן יאָר אַרויסגעגעבן אַ פינף און צוואַנציק ביכער

— דיינו, איז שוין גענוג, אַז ער זאָל האָבן זיין בכבודיקן אָרט אין דער ליטעראַטור. אויב דער שרייבער איז געווען פּילזייטיק אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן — דיינו. אויב מיר ווייסן נאָך נישט ווו דער שרייבער איז אָריגינעלער, שלימותדיקער, כאַראַקטעריסטישער, אָבער אין יעדן געביט ווו ער האָט געשאַפן און געווירקט, ווייזט ער זיך אַרויס מיט זיינע מעלות, אייגנזאָגונגען און אייגנהאַלטונגען — דיינו. אויב ער איז אין דער קאַטעגאָריע פון די „צעוואָרפענע", וואָס האָבן פאַרט דעם כוח צו זיין פון די אָפּגעקליבענע, און זיינע זאַכן האָבן דעם זכות צו זיין סינטעטיש — דיינו.

על אחת כמה וכמה, אַז אין משך פון די 50 יאָר שאַפן האָט זיך אַלמי ביי אונדז אַרויסגעוויזן ווי אַ דיכטער און דערציילער, ווי אַ זשורנאַליסט און אַן עסייאיסט, ווי אַ נאַציאָנאַל־סאָציאָלאָג און אַ ליטעראַטור־קריטיקער, ווי אַ פּובליציסט און הומאָריסט. אַז הגם ער האָט טאַקע, ווי ער גופא האָט מיר געשריבן, „דאָס גליק — אָדער אומגליק — צו געהערן צו די צעוואָרפענע שריפטשטעלער", איז אָבער פאַראַן צווישן זיינע ווערק אַ שלל עסייען איבער ליטעראַריש־קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, און הומאָריסטישע רעאַגירונגען אין דער פאָרם פון דערציילונג, ליד און פעליעטאָן; פּאַראַדיעס און רעליגיעזע מעדיטאַציעס; שאַרזש און עקסקורסיעס אין דער אָריענטאַלישער פילאָסאָפיע און פּאָעזיע; טיף־פאַרטראַכטע, פון פּעסימיזם דורכגענומענע, לידער און — חוזק אַפילו איבער זיך גופא; אַז אין בפירוש טויזנטער אַרטיקלען איז פאַראַן דער באַזונדערער איינדרוק און אויסדרוק פון די פאַרשיידנסטע אַקטועלע, טאָג־טעגלעכע ענינים און פּראָבלעמען און אויך פון די גרויסע פּאַסירונגען און געשעענישן — און דאָס אַלץ איז דינסט און פאַרדינסט, קרן און ריווח, פּראַצע און גענוס, רשות היחיד און רשות הרבים. הכלל, אַן אייגנס פון 25 ביכער און טויזנטער נישט־געזאַמלטע זאַכן, וואָס זענען אויפגעקומען נישט דורך אַ שרייבערס קאַפּריזן און סתם שטימונגען, נאָר האָבן זייער האַפטיקייט און זייער צוזאַמענבונד מיטן גאַנצן סאָציאַל־נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק.

*
**

א. אַלמי איז באַזונדער פּראָדוקטיוו. אמת, דער ענין פון כמות איז נישט אַלע מאָל קיין באַווײַז, אַז עס איז וואָגיק אויך אין איכות. אדרבא, אויב מ׳זאָל פון אַ סך שרײַבער אַראָפּנעמען אַ סך זאַכן, וועט זיך ערשט אַרויסווײַזן, אַז עס איז צוגעקומען וואָג... קאָן מען בײַ אַלמין געפינען אַ סך „נישקשהדיקע״ זאַכן און אויך אַ סך זאַכן פון דער ערשטער מדרגה. אָבער מ׳קאָן נישט געפינען אַ זאַך, וואָס איז שלאַבעריק און נאַכלאַזיק אָנגעשריבן. ער איז פון די, וואָס קאָנען אויפכאַפּן אַ פּינטל וואַכעדיק לעבן און אָנטאָן ס׳פּינטל אַ קרוינדל. ער איז פון די, וואָס לאָזן נישט אַריבער דעם גבול פון אַלץ וואָס זיי שרײַבן, דעם אָפּטן גאַסט, וואָס הייסט לאַנגווייל. איר וועט נישט אַלע מאָל מסכים זײַן מיט דעם, וואָס ער זאָגט און ווי ער זאָגט. איר וועט האָבן אײַער מיינונג. אָבער איר וועט נישט קאָנען אָפּפרעגן זײַן מיינונג, וואָס איז תמיד קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז מ׳דאַרף נישט האָבן קיין רש״י. און דערפון וועט איר דרינגען, אַז יעדער איינער קאָן טאַקע האָבן זײַן אייגענע מיינונג, אָבער ער דאַרף אויך זײַן טאָלעראַנט צו יענעמס מיינונג, וואָס איז ערלעך אַרויסגעזאָגט און באַגרינדעט מיט זײַנע מאָטיוון, אַרגומענטן און זאָל זײַן אויך אַפילו סברות און השערות.

און אויב מ׳זאָל דורכשטודירן אַלמיס טויזנטער אַרטיקלען, קאָן מען זען די ליניע, וואָס פאַרגאַנצט די צוואָרפּנקייט: אַז אַלמי איז נישט בלויז אַ פּעליעטאָניסט פון שטימונג און קאַפּריז, נאָר אויך איינער פון די פּאַראינטערעסירטסטע און אַקטועלסטע רעאַגירער, וואָס באַהאַנדלט זאַכן מיט לאָגיק און אויך מיט האַרץ. ס׳איז נישט בײַ אים קיין ענין פון יוצא זײַן, גאָר פון מוציא זײַן — אַרויסטראָגן אַ באַשיימפּערלעכן אמת, אָנשטאָט די סתם פּאַרעוועע אמתן: דורך חוזק דערשלאָגן זיך צום סאַמע ערנסט (וואָרום חוזק איז דאָך דער סינאָנים סײַ פון אָפּלאַך און סײַ פון שטאַרקייט): דורך פאַרלייקענען באַווײַזן די אייגענע אמונה: דורך שלילה — באַווײַזן און באַגרינדן דעם חיוב.

און ער איז געבענטשט, אַלמי, מיט דעם, וואָס ער איז אַ גוטער פּאָלעמיקער, וואָס קען זיך מתווכח זײַן און קעמפן פאַר זײַנע מיינונגען: אָבער ער קען אויך זײַן אַ פּאַרי־רעכענער, וואָס מאַכט פאַרגלייכנדיקע

רעכענונגען פון דער ווערט און דעם קורס פון פּאָליטישע, געזעלשאַפטלע־כע, קולטורעלע און ליטעראַרישע ענינים און פּראָבלעמען.

***

און וואָס איז א. אַלמי אין סך־הכל? ער איז נישט פון די שרייבער, וואָס מ׳קען זאָגן וועגן זיי אַז ער איז ב ל ו י ז, נאָר א ו י ך דאָס און דאָס און נאָך וואָס: אַ דיכטער (ער האָט דאָך אָנגעהויבן מיט לידער) פון אייגענעם מאָטיוו און טאָן, דורך זיינע פינף ביכער לידער האָט ער עפּעס אַרויסגעוויזן, וואָס איז אייגן און אַלעמענס. למשל, זיין „חנהלע לערנט לשון־קודש" און אַנדערע לידער זענען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון עכטע פאָלקסלידער, ווו מ׳גיט אַפילו נישט אָן דעם נאָמען פון דעם מחבר... ער איז אַ דערציילער, וואָס איז אין זיינע דערציילונגען „מיט זיך און מיט אַנדערע". אַן ערשט־קלאַסיקער פעליעטאָניסט, סיי „ווען ס׳גלוסט מיך צו לאַכן", און סיי ווען ער וויל וויינען, זאָגן און אַריינזאָגן. אַן עסיי־איסט, וואָס באַהאַנדלט „מענטש און וועלט", „מענטשן און אידייען" — הכלל, דעם עיקר מענטש. אַ מין פּיאָנער, וואָס האָט ביי אונדז גענומען אויפקלערן די ענינים פון ספּיריטואַליזם, כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָע־זיע, דעם וועג פון די געטער, און דאָס הייסט די מיטאָלאָגיע פון מצרים, יאַפּאַן, אינדיע. אַ הומאָריסט און פּאַראָדיסט, וואָס זיינע פּאַראָדיעס פון יידישע שרייבער האָבן זיך קונה שם געווען. אַן עסייאיסט פון ליטעראַרי־שע און אַנדערע נסיעות. אַ ליטעראַטור־קריטיקער. אַ מחיהדיקער מעמואַ־ריסט. און אַפילו, ווי שוין דערמאָנט, איינער פון די גלענצנדיקע פּאָ־לעמיקער.

און דאָס הייסט אַ פילזייטיקער שרייבער. און דאָס הייסט אַזאַ שריי־בער, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן אין זיינע אייגנקייטן, אין זיינע געמיינזאַמקייטן, אין זיין סטיל און לשון, אין דעם סינטעז פון הומאָר און ערנסט, אין זיין אַרויסרופערישקייט און סטי־מול, אין זיין א. אַלמי־באַוויז און דערוויז.

(„לעבנס־פראַגן", תל־אביב, אויגוסט־סעפּט., 1957)

## II

## „לעצטע געזאַנגען" פון א. אַלמי

אַז אַ שרײַבער איז פּילזײַטיק איז אַ מעלה און חסרון. די מעלה איז, וואָס ער איז עקסטענסיוו, אויסגעברייטערט; דער חסרון, וואָס נישט אַלע מאָל איז ער אויך אינטענסיוו. ס'הייסט, אַז ער האָט נישט אַלעמאָל דעם כוח אויסצונוצן אַ ל ע פּנימיותדיקע כוחות און מעגלעכקייטן.

בײַ אונדז איז פּרץ געווען דער כאַראַקטעריסטישער פּילזײַטיקער שרײַבער. אָבער אַפילו בײַ אים באַלאַנסירט נישט די עקסטענסיווקייט און אינטענסיווקייט אין אַ גלײַכער פּראָפּאָרץ.

איז שוין פאַרענטפערט די פראַגע הלמאי בײַ א. אַלמי — אײנער פון אונדזערע פּילזײַטיקע שרײַבער — האָט די פּילזײַטיקייט נישט דערגרייכט אַלע פּונקטן. אָבער עס איז קשה, וואָס ער איז נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ פּילזײַטיקער שרײַבער, וואָס האָט געהאַט פּאָזיטיווע און דערהויבענע פּונקטן.

וואָרעם א. אַלמי האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן עטלעכע און צוואַנציק ביכער, וווּ ער ווײַזט זיך אַרויס ווי אַ דיכטער, דערציילער, עסייִסט, ליטעראַטור־קריטיקער, פּעליעטאָניסט, הומאָריסט, פּובליציסט און אויסטײַטשער פון דער כינעזישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, פון בודאַיִזם און דערקלערער פון די מיטאָלאָגיעס פון מצרים, יאַפּאַן, אינדיע. ער איז אויך געווען בײַ אונדז דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן וועגן אַזאַ אויסטערלישן ענין ווי ספּיריטואַליזם.

זײַן אָקאָרשט־דערשינענעם בוך לידער („לעצטע געזאַנגען", בוענאָס־איירעס, 1954) באַווײַזט ווידער, אַז ער האָט זײַן דרך אין דער ייִדישער פּאָעזיע. דאָס האָט ער באַוויזן אין זײַנע פריִערדיקע לידער־ביכער, וווּ עס זענען געקומען צום אויסדרוק די פאַרשידנאַרטיקסטע מאָטיוון. אין זיי האָט זיך אַרויסגעקענטיקט אָפּטימיזם און פּעסימיזם, פאַרניינונג און באַיאָונג, מעדיטאַציע און לירישקייט, דער אויסדרוק פון נשמה און געדאַנק.

וואָס האָט אַלמי אין זײַנע לעצטע לידער דערגרייכט? אין לעצטע

לידער גיט מען ס׳רוב אַ ס״ה פון דעם, וואָס מען האָט אָנגעדייט און טייל־ווייז דערוויזן אין די פריערדיקע לידער. ס׳קאָן זיין אַן איבערבייט אין דער טעמאַטיק, לויט די אומשטענדן פון דער צייט, אָבער די פסיכיק, די מענטאַליטעט, דער דיכטערישער כוח, דאָס פינטל איכישקייט מוז דער־פירן צו אַ געוויסן דערוויז. א. אַלמי האָט דערוויזן מיט זיינע לעצטע לי־דער, אַז ער איז געבליבן דער זעלביקער מעדיטאַטאָר און ליריקער ווי אין זיינע לידער מיט צענדליקער יאָרן צוריק. ער האָט נאָר נישט געזוכט קיין המשך צו זיינע הומאָרפולע, שפילעוודיקע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון, ווי למשל זיין פּאָפּולער ליד „לשון קודש״ האָט דערגרייכט די מדרגה, וואָס קיין זינגער און רעציטירער דערמאָנט נישט דעם נאָמען פון זיין מחבר. דאָס ליד גופא איז מיט זיין חנעוודיקייט און האַרציקייט געוואָרן אַן עכט פאָלקס־ליד — אָבער דער מחבר עקזיסטירט נישט...

אין זיינע „לעצטע לידער״ זעט מען ממש דעם האַרבן אַריבערגאַנג פון טענה, פּראָטעסט און קללה צו ברכה און בטחון. וואָרעם די ערשטע צוויי אָפּטיילן פון די לידער באַהאַנדלען אונדזער קאַטאַסטראָפע, אונדזער אומגליק, וואָס איז שוין געגנוג באַשריבן געוואָרן און איז נאָך אַלץ נישט אויסגעשעפּט געוואָרן. יעדער איינער גיט צו און — נעמט מער אַראָפּ פון דעם, וואָס קאָן געזאָגט ווערן.

א. אַלמי שטייט פאַר דעם בורא־עולם „מיט פאַרבראָכענע הענט״. ער איז נישט שטיל פאַרשוויגן ווי פאַר אַן „אל מלא רחמים״, וואָס מען הערט בלויז קוים אַ שלוכץ, נאָר רעדעוודיק און מאָנענדיק און אַפילו שעל־טנדיק דעם גזר־דין, וואָס גאָט אַליין איז אין דעם שולדיק. ער שילדערט ווי דאָס שפּיל — גאָטס שפּיל — גייט אָן. „די זון פלאַמט פריילעך ווי אַ פאָן אויף דעם צעשמעטערטן בטחון״. „די הימלען רימען אַלץ גאָטס כבוד, זיין חסד, שיינקייט און זיין גבורה, בעת עס בלוטיקט ס׳האַרץ פון מגן־דוד און ס׳וויינען זעקס מיליאָן פון קבורה״. ער שילדערט ווי אַ ייד הייבט אויף צו גאָט אַ ברענענדיקן „מחזור״ און הייבט אויף זיין קול און זיין געביילטע פויסט אַנטקעגן גאָט: — דו אכזר! דיין רשעות, אל צבאות, האָט זיך אַנטפּלעקט דורך דיינע פינצטערע שליחים פון בערלין!״ און דאָ קומט די „פאַרטונקלונג״ אין מלחמה, ווו עס לעשן אויס זיך נישט נאָר די

לבנה און שטערן, פּענצטער און לאָמטערן — נאָר פאַרלאָשן איז אויך אין אונדז דאָס ליכט, דער עמוד אש, פון אבות.

ער שילדערט די געטאָ מיט איר שריפט, וואָס דערציילט פאַרצייטישע באַלאַדן: חיילות... מחנות, אנטיוכוס... נבוזראדן... טריומף־געשריי פון פּרס און רוים... דער בלוטיקער גערמאַן — דער פייניקער און צוימער — אויך ער קאָן נישט פאַרצוימען מיט אַ האַנט דעם אוניווערז. „וואָס איז אַ מויער פאַרן פאָלק, וואָס האָט צעבראָכן די צוימען אַלע צווישן מענטש און מענטש און גאָט; צעטראָגן איבער גאָרער ערד גאָטס נאָמען און בטחון און איינגעקריצט אין אייביקייט: אחד?! און באַלד קומט דער „שמע ישראל" — ס'אייביקע געשריי, וואָס רויטער איז פון בלוט און ווייסער פון דעם שניי, גרינער פון דעם בוים און שוואַרצער פון דעם טויט, טיפער פון דעם הונגער, שאַרפער פון דער נויט, קעלטער פון דעם חלף, הייסער פון דעם בליץ — געוויין, געזאַנג און ציין־געקריץ. דאָס קול פון מדבר און פון שייטער־פלאַם, דאָס קול פון פאָלק, וואָס איז אי לייב אי לאָם, אַ האַר און קנעכט, אַ שטאָלצער און פאַרשפּאָט, צען טויזנט מאָל געטויט — און אייביק דאָך ווי גאָט".

דער זעלביקער פּראָטעסט און בטחון איז אויסגעדריקט אין די אַנדערע לידער: „וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?" „דער שטאָט־משוגענער", „גענע לאָטע" און „איוב", וואָס „שטייט פאַר גאָט אַ שטאָלצער און מאָנט חשבון ווי אַ האַר".

דער אָפּטייל „אַליין און באַנאַנד" דערמאָנט דאָס תהילימל אויפן טיש, וואָס ליגט אָפן און אַליין און האיש — דער מענטש איז נישטאָ... ס'איז אַ טאַנץ פון דער טענצערין אין דער ברענענדיקער וועלט, אַ טאַנץ פון צער וואָס לאַכט, וואָס וויינט אין פרייד, אַ טאַנץ — נישט דאָ געדאַכט... דאָס זענען „ביכער", ווו דער דיכטער טרעט אויף טויטע ווערטער פון די דורות — אַזויפיל שיינע רייד, אַזויפיל חכמה, אַ בוך אויף בוך — און עס איז קיין פרייד נישטאָ! — דאָס זענען „מוראַשקעס", וואָס איין גורל איז באַשערט פאַר מילב־ און מענטשן־ריזן: ס'קאָן יעדע ווייל צעטרעטן אונדז אַ פוס פון אויבן... און אומעטום איז דער זעלבער טרויער, אַ קרבן ברענט אין יעדן פייער. אויף יעדן בוים הענגט אַ באַפרייער...

אָבער אַנדערש איז שוין דער דיכטער אויף זיין אינדזל פון זיין „אמר רבי יוחנן הסנדלר״. דאָ האָט ער אין אַכצן לידער אויפגעבראַכט דאָס געשטאַלט און דעם געזאָג פון רבי יוחנן הסנדלר — אָט דער שוסטער, וואָס איז נאָר אַן אַנדייט פון דעם, וואָס איז נטרא; און ער איז בכלל דער פירוש פון אַ יעדן רבי יוחנן, וואָס לערנט אונדז דעם פשט פון אַרבעט, מידות, עטיק.

אדרבא, לאָמיר זען ווי דער דיכטער שילדערט רבי יוחנן שוין אין ערשטן קאַפּיטל:

אבר רבי יוחנן הסנדלר,
זאָג רבי יוחנן דער שוסטער:
די תורה אַן ייִדן,
איז ווי אַ שוך אָן אַ מוסטער.

אַ ייִד אָן דער תורה,
איז אַ באָרוועסער קריכער,
וואָס צעבלוטיקט די פיס זיך
און זיין גאַנג איז נישט זיכער.

רבי יוחנן לאַסטשעט
מיט ליבע די לעדער — —
ויאמר: שיך און שטיוול
גייט אָנגעטאָן יעדער.

אָבער נישט דער שטיוול,
נישט דער שוך איז דער עיקר;
דער עיקר דער גאַנג איז —
צי אַ גלייכער, צי שיכור.

און נישט אַזוי דווקא
דער גאַנג — ווי דער אופן:

טייל פּיס טרעטן לאַנגזאַם
און אַנדערע לויפֿן.

ויאמר... דעריבער
טו איך אייך זאָגן:
ווער ס׳שפּאַנט און ווער ס׳אײַלט זיך,
וועט אַלץ איינס נישט דעריאָגן.

נישט שפּאַנען, נישט אײַלן,
נישט וואַקלען זיך שיכור;
דער עיקר — דאָס וויסן,
דער ציל איז דער עיקר.

נישט דער שטיוול איז שולדיק,
אויב דער וועג איז אַ שלעכטער,
נאָר דער פוס און דער שכל,
וואָס דאַרף זײַן זיין וועכטער.

נישט די תורה איז שולדיק
אין דעם שלעכטס, דעם געדיכטן —
נאָר דער מענטש, וואָס ער ווייסט נישט
זײַן וועג ווי צו ריכטן.

דורך זײַנע אַכצן לידער פון רבי יוחנן הסנדלר האָט דער דיכטער דערגרייכט אַ מדרגה פון פאַרחיובן דאָס לעבן. ס׳איז דער גרעסטער חיוב פון אַ דיכטער.

(„לעבנס-פראַגן״, תל-אביב, מערץ, 1955)

# אַ בריוו וועגן „חשבון און סך־הכל“

פון

ד״ר יוסף בערנפעלד (פּאַריז)

זייער חשובער א. אַלמי: איך האָב באַקומען (צוגעשיקט פון אַר־גענטינע) אייער בוך „חשבון און סך־הכל“ — און איך וויל אייך שרייבן און איך וועל אפשר אַ סך שרייבן. בעט איך אייך: זייט מיר מוחל.

איר זענט — קיין בייז אויג נישט! — געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל: איר האָט געהאַט דאָס מזל צו שרייבן וו ע ן איר האָט געוואָלט און וו אַ ס איר האָט געוואָלט, און קיינמאָל האָט איר נישט געשריבן אויף קאָמאַנדע — נישט פון אַ רעדאַקטאָר און נישט פון אַ פּאָליטישער, אָדער אַן אַנדער קליקע. איר זאָגט, אַז איר זענט אַ „געבוירענער“ שרייבער און אַז איר קענט נישט שרייבן אַנדערש ווי נאָר אַזוי ווי איר מוזט שרייבן. און ס׳איז גוט אַזוי. נאָר וויפל „געבוירענע“ שרייבערס איז מיר אויסגעקומען צו זען, וואָס זענען געקומען אונטער די רעדער פון אַ רעדאַקציע, אָדער פון אַן אַנדער מאַשין און זענען דערנאָך געוואָרן „מוז־שרייבערס“? אָבער זייער מ ו ז איז געווען אַן אַנדערער ווי ביי אייך. זיי האָבן נישט געהאַט דאָס מזל אייערס, צו קענען אַרבעטן פאַרן שטיקל ברויט אויף אַ פּאָסטן, וואָס זאָל זיי מאַכן אומאָפּהענגיק אַזוי ווי אייך. די השגחה האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר זיי, ווי זי האָט אייך אָפּגעהיט! — אויב איר גלייבט נישט אין דעם, נו, איז עס אייער אייגענער ווילן, וואָס האָט אייך אָפּגעהיט, אַז איר זאָלט אייך נישט „פאַרשמירן“. זיכער אַזוי: — ווילן און — וויסן — און אַ ביסינקעלע „צופאַל“. אָן זיי וואָלט איר נישט געווען געקענט שרייבן אייער לעצט בוך (און די פריערדיקע).

איך זע, אַז אין דעם גאַנג פון לעבן גייט איר אייך אייער אייגענעם

זועג און איר לאָזט אייך נישט אַראָפּפירן פון אים. איר האָט נישט מורא
צו זאָגן דאָס, וואָס איר „מוזט״ זאָגן — און זאָל עס אַפילו אַרן די אַב־
דערע און זאָל עס אַפילו אייך אַליין וויי־טון. וויפל טוען דאָס ביי אונדז?
אָט לייען איך ביי אייך (און איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס זענען נעווען די
ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב דערזען אין אייער בוך, ווייל עס האָט
זיך (אויך „צופעליק״) געעפנט אויף דער זייט 15, ווען איך האָב באַקו־
מען דעם פּאַקעט: „ביי מיר איז אַלעמאָל געווען וויכטיקער דער מענטש
אינעם שרייבער, ווי דער שרייבער אינעם מענטש״ — און איך פרעג מיך:
ווען איז אַזוינס ביי אונדז געהערט געוואָרן? (און ביי וועמען דען וואַלט
מען דאָס געדאַרפט הערן, אויב נישט ביי אונדז?). וואָס איז דאָס פאַר אַ
צוגאַנג? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סינטעז פון עטיק און עסטעטיק? נאָך
מער: „יענע״ — די עסטעטיק, הייסט עס — זאָל גאָר דאָמינירן? אַב־
דערע שרייבערס ביי אונדז וואָלטן זיך געהיט דאָס צו זאָגן, אַפילו ווען
זיי וואָלטן געטראַכט אַזוי ווי איר. און וואָס ווען אייערע לייענערס זאָגן?

אַ גליק, וואָס איך האָב געהאַט אַ „רבין״, וואָס האָט מיך געלערנט,
אַז מען טאָר נישט אָפּטיילן דאָס ווערק פון דעם מחבר. ער איז אַפילו
געווען נאָך „שאַרפער״ פון אייך. ער פלעגט זאָגן: אַז ערשט נאָך דער
קאָנפראָנטאַציע פונעם דיכטער מיט זיין „גוטער״ דיכטונג, האָט ער גע־
ווּסט, צי איז זי אין דער אמתן גוט, צי איז זי גאָר שלעכט, כאָטש
זי איז „גוט״. ס׳איז דען אַ קונץ צו שרייבן אַ „שיינע״ (און מיט דעם
מיינט מען דאָך: אַ „גוטע״) פּאָעמע? מען דאַרף דערויף בלויז צייט און
טאַלאַנט — און דער גרעסטער לאַידאַק וועט מאַכן אַ „גוטע״ פּאָעמע.
די קריטיקערס וועלן זינגען לויבגעזאַנגען און עס וועט זיי אַפילו נישט
קומען אויף דער מחשבה, אַז זי איז איין גרויסער שקר. „קאַלאָקאַגאַט־
היאַ״ איז פאַר מיין רבין געווען עפּעס אַנדערש ווי פאַר די העלענער;
דעם טראָפּ האָט ער געשטעלט אויפן צווייטן טייל פונעם וואָרט; אַ גוט
ווערק קען ווערן געשאַפן נאָר פון אַ גוטן מענטש, דאָס הייסט: פון אַ
ריינעם מענטש — און דעמאָלט איז דאָס ווערק ממילא שיין.

איך האָב מיר גוט פאַרשריבן אין מוח אייערע ווערטער אויף זייט
15 פון אייער בוך, כדי איך זאָל מיך תמיד קענען דערמאָנען, אַז ביי אונדז
איז דאָ איינער אַ שרייבער, א יי ן שרייבער, מיט אַזאַ „נאַיוון״ צוגאַנג

ביים אָפּשאַצן גייסטיקע שאַפונגען, און צווייטנס: איך זאָל קענען שטענ־
דיק קאָנפראָנטירן א. אַלמין מיט דעם, וואָס אַלמי וועט נאָך שרייבן.

איך פרעג מיך: צי נעמט זיך נישט אייער אופן פון אָפּשאַצן אַ
קינסטלעריש ווערק — אייער עטישער צוגאַנג אויך פון אייער עסטעטישן
געפיל? איך בין געווען גאָר שטאַרק פאַרחידושט, ווען איך האָב געלייענט,
ווי אַזוי איר זענט געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנער. איר זאָגט, אַז די סיבה
דערפון איז געווען אייער עקל, ווען איר האָט — קינדווייז — דערזען
ביי אייך אין שטוב ווי ס׳קאַפּעט בלוט פון דעם רויען פלייש אויפן זאַלצ־
ברעטל. פון דעמאָלט אָן האָט איר נישט מער געקענט עסן קיין פלייש.
אָט־דאָס שרעקלעכע בילד איז געשטאַנען פאַר אייערע אויגן און איר זענט
קראַנק געוואָרן. איך הער אַזוינס צום ערשטן מאָל, אָבער די־אָ סיבה איז
פאַר מיר אַ סך נאַטירלעכער ווי די סיבות פון די „עטישע וועגעטאַריאַ־
נער״. ווען איר האָט דערנאָך, אַ סך שפּעטער, געהאַט צו טון מיט די שאַצ־
קיס און אַנדערע פון זיין מין — האָט איר זיך, בין איך מיר
משער, געמיאוסט פאַר זיי אַזוי ווי דעמאָלט פאַרן שטיק רויען
פלייש... ווען איך לייען אייער בוך, זע איך, ווי עס פירט אַ גלייכער וועג
פון יענעם ערשטן איבערלעבעניש ביז צו די דערמאָנטע „ליטעראַרישע״
איבערלעבענישן... אויך נאָך מעשה־שאַצקי זענט איר געוואָרן קראַנק אַזוי
ווי דעמאָלט קינדווייז, און אַ שטיק צייט האָט איר נישט געקענט נעמען
די פּעדער אין דער האַנט אַריין...

**
*

איין באַמערקונג וועגן ראָבאַקן — וועגן זיין ביטול צום אויטאָדי־
דאַקט... (דאַרף איך אייך ערשט זאָגן, אַז אַן אויטאָדידאַקט איז פאַר מיר
נישט דאָס וואָס ער איז פאַר ראָבאַקן?). איך וויל זיך דאָ נישט אַריינ־
לאָזן אין אַ שמועס וועגן די דיפּלאָמירטע, — איבערהויפּט ג עוויס ע
דיפּלאָמירטע, וואָס די חוצפּה איז ביי זיי גרעסער ווי זייער אינטעלעקט,
ווי זייער וויסן און פאַרשטיין... מיך פאַראינטערעסירט דווקא דער אויטאָ־
דידאַקט, דער וואָס האָט זיך אַליין געשניטן אַ וועג (נישט אַלע וועגן)
און וואָס האָט זיך אַליין געשאַפן אַ סיסטעם; ער האָט זיך אַ סך געלערנט,
און דאָס וואָס ער קען, קען ער גוט. איר, ביים לערנען, זענט אַזש געקו־

מען „ביז הודו“ און נאָך ווייטער. דאָס ווייס איך פון אייער בוך: איר האָט געהאָפט, אַז „דאָרטן“ וועט איר אפשר געפינען אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן אייך געעקבערט: ווער בין איך? וואָס איז די וועלט? ווער פירט זי? צי פירט מען זי בכלל? און וואָס וועט זיין דערנאָך? — אָבער ווי אַזוי זענט איר אַהין געקומען? ווי אַזוי האָט איר גע־ווּסט, אַז איר דאַרפט אַהין גיין? וויפל וועגן זענט איר געגאַנגען און געבלאָנדזשעט? ווי אַזוי האָט איר סוף כל סוף געוווּסט אַז איר זענט „אויפן גוטן וועג“? מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ „געשיכטע פון אַן אויטאָ־דידאַקט“, די געשיכטע פון אַזאַ אויטאָדידאַקט וואָלט געקענט זיין דאָס שפּאַנענדיקסטע, דאָס באַלערנדיקסטע בוך, פול מיט זוכענישן, מיט קאָנ־פליקטן, מיט ספיקות, האָפענונגען, מיט יאוש און מיט גליק. איך וואָלט מיך געפרייט, ווען דער מחבר פון אַזאַ בוך זאָל זיין א. אַלמי (און אפשר האָט איר עס גאָר שוין געשריבן?).

צום סוף נאָך אַ פּאָר ווערטער: וועגן אייער סאַטירע און הומאָר: מיר האָבן נישט קיין סאַטיריקערס. מיר האָבן וויצן־מאַכערס. נאַדיר איז נישט געווען קיין סאַטיריקער, ווי מיר פאַרשטייען דאָס, — ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אהבה צו קיין שום זאַך אויף דער וועלט. די וואָרע סאַטירע נעמט זיך פון גרויס ווייטיק: ווען דעם סאַטיריקער טריפט דאָס בלוט, ווען ער זעט, ווי דאָס „הייליקסטע אויף דער וועלט“, דאָס וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב, ווערט געטרעטן מיט די פיס. איר האָט דריי מעלות, וואָס אַנדערע האָבן זיי נישט( נישט די אַלע דריי מעלות אינאיי־נעם). איך האָב זיי פריִער אָנגערופן, און איצט וועט איר זען, וואָס איך בין אויסן געווען מיט דעם. קודם די איינע, וואָס מען קען זי נישט גענוג שאַצן: איר זענט אין אייער שרייבן נישט אָפּהענגיק פון קיינעם נישט. ווייטער: ווען איר זעט אַ נבלה, מאַכט עס אייך קראַנק: זי פאַרשווערכט דאָס גוטע און דאָס שיינע, וואָס איז פאַר אייך הייליק און וואָס איר האָט עס ליב. איז אַזוי: איר האָט עטאָס און איר האָט פּאַטאָס, וואָס וואַקסט אַרויס פון יענעם. איר האָט, דריטנס, וויסן: נישט קיין סטאַנדאַרדי־זירט וויסן, וואָס יעדער איינער קויפט זיך אין דער אָדער אין יענער שול, נאָר איר האָט עס אַליין אייך דעראָבערט. און אַ חוץ דעם האָט איר נאָך עפּעס (איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט; איך האָב נישט געוווּסט,

אַז איר האָט געשריבן פּאַראַדיעס) — פּאַראַדיסטישן טאַלאַנט. וועט איר אונדז איצט ברענגען די יידישע סאַטירע, געבוירן פון כעס און ליבשאַפט, פון וויסן און ווייטיק, פון חכמה און חוזק? אַזאַ סאַטירע וואָלט געקענט מיטהעלפן א ו נ ד ז צו באַפרייען — און „באַפרייען" א יי ד אַליין אפשר אויך?

בין איך מסכים מיט אַלץ, וואָס איר שרייבט אין אייער בוך? (אַ נאַריש וואָרט, דאָס „מסכים"). ניין. דער עיקר איז אָבער דאָס, וואָס עס געפעלט מיר יאָ. און צוליב דעם האָב איך אייך געשריבן אַזוי פיל.

פּאַריז, 10טער פעברואַר 1959

# איובדיקער חשבון פון מענטש

## (וועגן א. אַלמיס „חשבון און סך־הכל")

פון

נ. שמן (קאַנאַדע)

ופינה אני מכל עסקי... אין סאַמע מיטן פון דאגות און עסקנות בין איך פלוצלינג פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ בוך — אַ בוך מיט חשבון — אייגנטלעך חשבונות, בלשון רבים — און סך־הכל וואָס עס גיט אונדז דער באַרימטער אַלמי: אַ חשבון מיט זיך, מיט קאַלעגן און מיט דער וועלט.

אַלמי דעקט אויף — און טאַקע אין דער פאָרעם פון מעדיטאַציע — די געפילן פון האַרץ, נשמה,ליידן במעמקים אין די טיפסטע ווינקלען פון זיינע עמאָציעס און טראַכטענישן.

איך האָב תמיד ליב צו לייענען אַלמין; כ׳האָב ליב זיינע עסייען, זיין פּאָלעמיק, זיין זשורנאַליסטיק, זיין פּעליעטאָן, זיין ליד; ווען נאָר איך קריג אין האַנט זיינס אַן אַרטיקל, זיינס אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג, זיינס אַ בוך (און איך באַדויער וואָס ווייט נישט אַלע ביכער געפינען זיך ביי מיר), לאָז איך עס קיינמאָל נישט אַרויס פון האַנט ביז איך פאַרענדיק עס. ביי אַלמין געפין איך תמיד קלאָרע פאָרמולירונג און קלאָרע שטעלונג אין אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס ער באַהאַנדלט און אין אַלע זעענישן וואָס ער זעט.

אַלמי זאָגט זיך אַרויס אָפן און אָן פּחד, לשמהדיק און ממילא אויפריכטיק, כאָטש ער ווייזט אַרויס אַ טענדענץ פון פּאָלעמיק־ליידנשאַפט. אין שרייבן פאַרמאָגט ער די דיסציפּלינירטע געצוימטקייט, כאָטש ער שרייבט מיט גרויס פאַרנעם וועגן אַלץ וואָס ער פילט אינטויִטיוו. ווייל

אַלמי פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן טאַלאַנט, דעם קינסטלערישן אויפ־בּרויז, לעבעדיקייט אין אַלע חושים — און דאָס אַטראַקטירט און אימפּאָ־נירט אַ לעבעדיקן מענטשן. זיין שאַפן איז באַהויכט פון אַ לעבעדיקייט, פילפאַרביקייט און פיל־געשטאַלטיקייט — און דאָס אַלץ האָב איך געפו־נען אין זיין „חשבון און סך־הכל״. יעדע שילדערונג, יעדע דערציילונג, יעדע דערמאָנונג, יעדער געדאַנק קומט אַרויס אַזוי לעבעדיק, נישט גע־קוקט אויף די פּרטימדיקייט. דער אַלגעמיינער געדאַנק ווערט נישט פאַר־לוירן אין די איינצלהייטן.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן זיינע איצטיקע רשומות, ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק דאָס לעבן פונעם שרייבער. זיינע קאָנפעסיעס, אין דער פאָרעם פון השתפּחות־הנפש, קומען אַרויס אין רשות הרבים פונעם לייענער.

„איך האָב מיטאַמאָל — שרייבט ער — דערפילט אַז מען דאַרף פריִער זיין גאַנץ אין ווילן און אין באַשלוס כדי אונטערצייִען אַ גאַנצן סך הכל — דורך וועלכן ווענזטלעך גאַנץ צו ווערן און גאַנץ צו שטאַרבן״.

„אָבער דאָס — גיט ער צו — קען ער נישט און קיין יחיד קען עס נישט טאָן, דערצו נאָך אַ יחיד ווי ער, וואָס ער אַליין איז ווי אַ מיניאַטור־וועלטל אין דער גרויסער וועלט — צעבראָכן ווי זי, אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין, ווי זי איז, הגם ער שמייכלט...״ (ז׳ 15).

יאָ, די זכרונות זענען אַ דאָקומענט פון אַ שרעקלעכן נשמה־געראַנגל ביים קינסטלער און דענקער, וועלכער שרייבט פאַר דער וועלט, איז תמיד אין געזעלשאַפט און דאָך לעבט ער עלנט, איזאָלירט, איינגעשלאָסן אין זיין ענגן תחום און עס גלוסט זיך אים, ווי אַ רעליגיעזער מענטש, אויס־שרייען זיין איזאָלירטקייט „מאין יבוא עזרי״ — עזרי מאם ד׳! ער קען דאָס אָבער נישט — און געפינט בלויז טרייסט ביי זיין שרייבטיש, מיט דער קרעאַטיווער פען, אין וועלכער ער געפינט אמונה, געטלעכקייט, גן־עדן.

די זכרונות זענען אויך אַ קאָנפעסיע, אַ פולע אויטאָביאָגראַפיע, ממש אויפגעדעקט זיין פּריוואַט, אינטים לעבן. — און אין מיין עניוות־דיקייט וויל איך דאָ שטעלן די פראַגע: צי עס איז נייטיק צו דערציילן טאָקע דעם אמת, אַזעלכע אינטימיטעטן? מיר געפינען אין ר׳ יעקב עמדינס

זכרונות, געוויסע אַנטפּלעקונגען, וואָס זענען נישט־צניעותדיק. אָבער אויך אויף מגילת־ספר (דאָס איז דער נאָמען פון עמדינס מעמואַרן־בוך) האָט מען געפרעגט, צי ער האָט טאַקע פאַר דער עפנטלעכקייט געדאַרפט איבערגעבן אַזאַ אינטימיטעט. — אפשר יאָ! אפשר האָט אַן ערלעכער שרייבער די רעכט צו דערציילן דעם אמת. אפשר דאַרף אַ שרייבער האָבן די רעכט אַראָפּצורעדן און אַרויסצורעדן פון האַרץ און זאָל די וועלט קע־נען דעם גאַנצן מענטשן מיט זיין גבורה און שוואַכקייט. דער עיקר איז, צי דער קינסטלער איז ערלעך, אויפריכטיק, צי גיט ער עס איבער אינעם געהעריקן לשון, קינסטלעריש, דער לייענער זאָל באַווירקט ווערן.

אַלמי, ווי מיר קענען אים, איז תמיד דער קינסטלער־שרייבער וואָס מאָנט ביי זיינע קאָלעגן מענטשלעכקייט און ערלעכקייט, און ווען נאָר ער דערמאָנט אוממענטשלעכקייט ביי זיינס אַ קאָלעגע, שווייגט ער נישט. ער איז נישט פון די שווייגער. ער פאַרשווייגט ז י ך אויך נישט, אויב נאָך אַ חשבון־הנפש געפינט ער ביי זיך אָט־די שוואַכקייטן, רוט ער נישט און ער איז גרויסמוטיק גענוג צו זאָגן פאַר דער עפנטלעכקייט אָשמנו... „אויך איך בין נישט פריי פון זינד" — ער איז נישט מילד צו זיך, פונקט ווי ער איז נישט מילד צו אַנדערע זינדיקע.

אַלמיס „פרי׳ע יאָרן" זענען פרעכטיק געשילדערט. זיין זכרון איז גרויס און זיין טאַלאַנט גיט לבוש דעם זכרון. אַזוי „די האַנט", אַזוי די אַנדערע שילדערונגען. באַזונדערס אימפּאָנירט ער מיט דער שפּילעוודי־קייט פון זיין לשון און סטיל.

אין דער „האַנט" זעט ער די סימבאָלישע יד חזקה פאַר וועלכער ער ציטערט און ער ווייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנטלויפן — פון דער אַלמעכטיקער האַנט וואָס האָט דיך אַריינגעשטויסן אין לעבן אַריין. אין זיין שילדערן וואַרשע מיט איר אָרעמקייט זעט דער לייענער פאַר זיך וואַרשע, ער הערט וואַרשע, ער האָט פאַר זיינע אויגן די געשטאַלטן פון־נעם אָרעמען קוואַרטאַל, דאָס לעבן און קאַמף פון די אָרעמע הייף.

****

קיין אַמעריקע איז אַלמי געקומען אין 1913 — און באַלד אַריין מיטן גאַנצן פוס, ראשו ורובו אין דער יידישער פרעסע — און ער שילדערט

זיין עפּאָכע אין דער ייִדישער פּרעסע פון אינעווייניק; ער שילדערט די גאַלעריע פּערזענלעכקייטן, רעדאַקטאָרן און שרייבער אין דער ייִדישער פּרעסע. אַלץ געמאָלן אַזוי לעבעדיק, קאַלירפול — און דער פועל יוצא? וואָס קען דער לייענער לערנען? מאי קא משמע לן? דער מוסר־השכל? — יאָ, דער ציניזם, וואָס האָט מוראדיק באַאיינפלוסט די ייִדישע געזעלשאַפט. מען האָט געשריבן אין ייִדיש און געקוקט מיט ביטול אויף דעם לשון פונעם פאָלק; אַגיטירט פאַר פרומקייט און אַליין ווייט געווען דערפון, געשפּאָט און אָפּגעלאַכט פון אמונה, ציניש געחוזקט פון די ייִדישע מאַסן, — איז ווי אַזוי האָבן זיי געקענט דערציִען אַ באַוווסטזיניקן דור פאַר אמונה און גאַנצער ייִדישקייט.

אַלמי שעמט זיך גאָר נישט דערציילן, אַז צווישן די רעדאַקטאָרן האָבן זיך געפונען קאָרטן־שפּילער, (יונה בן אַמיתי — יאָהאַן פּאַליי), אַביסל אונטערגעשמדט, און זייער שרייבן איז בלויז געווען לשם פּרנסה. עס איז נבהל ונשתומם צו ווערן פון דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די רייען פון די פען־קנעכט. — איז אַ ווונדער וואָס דער ערשטער ייִדיש־רעדנדיקער דור איז אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אונדזער זאַך, פאַר דער זאַך פון באַוווסטזיניקער ייִדישקייט, טראַדיציע, שפּראַך וכו'.

נישט בעסער איז געווען אין ראַדיקאַלן לאַגער. ער שאַנעוועט נישט די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן — די פירער און רעדאַקטאָרן פון דער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער פּרעסע. דער עיקר נעמט ער זיך צום דעקאַן פון דער פרייער פּרעסע, צו ש. יאַנאָווסקין, לאַכט אָפּ פון זיין גדלות און פון זיינע רעדאַקטאָרישע נאָטיצן, וועלכע ער האָט פאַר „צעשוווּמענע, צעצויגענע פּלוידעריי אין ווויליונגערישן טאָן, אָן סטיל, פּלאַך..."

אין „חשבון און סך־הכל" גיט אונדז אַלמי אַ צאָל טיפּזיניקע עסייען וועלכע האַלטן וואַך דעם מוח און פירן אַריין דעם לייענער אינעם היכל המחשבה. אויך אין זיינע זכרונות כאַפּן זיך אַריין עסייאיסטישע מאמרים, ווי למשל זיין סינטעז צווישן עטיק און עסטעטיק, רחמנות און אכזריות און ביי אים קומט דער „דע את אלקיך" פונעם „דע את עצמך". ער פּילט אָט די סינטעטישע היינו־הך דערקענטעניש, ווי ער זאָגט:

„דער ווידערווילן פון דעם עסטעט אין מיר צו דאָס מיאוסטע און

אָפּשטויסנדיקע האָט מיך געשטויסן צום קאַמף' — אָבער, ער, ווי יעדער בן אדם, איז אָפּט נישט שטאַרק גענוג מנצח צו זיין אין דער שלאַכט, ווי מיר זעען עס אין זיינע זכרונות ווען זיין רייפער יוגנט, זיין אינטי־מען לעבן, זיין טראַגיזם אינעם קאַמף מיט זיך — און די פּרקים זעגען דאָך דער ווידוי, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן פאַר דער וועלט, אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין אינעם זקנה־עלטער (אַריבער די זעכציק). ריכטיק, ער האָט געקענט און געדאַרפט אַרויסלאָזן אייניקע פּרטים און דאָס איבער־לאָזן צום יודע מחשבות, ביי וועמען אַלץ איז כתוב וחתום, ווייל נאָר ער, דער "יוצרם" און "יודע יצרם", איז באַרעכטיקט צו האָבן אין זיין ספר הזכרונות אַלץ וואָס מענטש פאַרגעסט אָדער וויל פאַרגעסן, כי זוכר כל הנשכחות... ליבע־אַפּערעס ווי קינסטלעריש זיי זאָלן נישט געשילדערט ווערן, אויב זיי האָבן צו טאָן מיטן קינסטלער, באַרירן זיי די קרויז פון הויך־שעפערישקייט.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די לעצטע צוויי עסייען, צוליב זייער ברענענדיקער אַקטועלקייט נאָך היינט צו טאָג: זיין פּאָלעמיק וועגן זשיטלאָווסקין און אַשן.

שוין דאָס קעפּל: "דאָס רעטעניש זשיטלאָווסקי" זאָגט אָן אויף אַל־מיס צוגאַנג צו זשיטלאָווסקין. ער איז נישט קיין חסיד זשיטלאָווסקיס און ער איז נישט קיין קעגנער. אַלמי ברענגט אַרויס זייער אָביעקטיוו־קלאָר די סתירות אין זשיטלאָווסקיס שרייבן, אין זשיטלאָווסקיס פילאָסאָ־פיע, טעאָריע און פּראַקטיק. ער מינימיזירט אָבער נישט זיין ווערט פאַר יידיש. עס איז אַ פולשטענדיקע און אַן פּניותדיקע אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן וואָס האָט אַ צייט מרעיש עולמות געווען.

אַלמי האַלט נישט פון דעם אַקסיאָם: אין משיבין את הארי לאחר מיתה. מען מעג יאָ אָפּרעגן, אויב מ'זעט נישט אויסגעהאַלטנקייט, ער גייט אָבער נישט אַריין אינעם פערזענלעך־צעריסענעם לעבן זשיטלאָוו־סקיס — און אין דעם זעט מען גראָד יאָ דרך־ארץ פאַר דעם ארי לאחר מיתה... ווען ער לעבט, וואָלט אים געשטעלט געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי דער טעאָרעטיקער פונעם יידישיזם האָט געקאָנט לאָזן זיין הויז הפקר פאַר פולשטענדיקער אַסימילאַציע.

וואָס שייך שלום אַשן, איז אַלמי מכמה טעמים שטרענגער, נישט

אַכטנדיק אויף זיין ליבשאַפט, פּיעטעט און רעספּעקט צום מייסטער פונעם „שטעטל".

ער לערנט מיט אונדז דאָס קאַפּיטל אַש פון אַלף ביז תיו, אַ האַלבן יאָרהונדערט שטורמישע קאַריערע פון אַ ייִדישן שרייבער, פון „גאָט פון נקמה", מילה־סקאַנדאַל, ביז די נוצרי־ווערק. ער זוכט אַן ענטפער אויף די קשיות וואָס מען האָט געשטעלט וועגן דעם וואָרט־מייסטער שלום אַש און ער באַדויערט וואָס ער דאַרף זיין צווישן זיינע קעגנער, אָנקלאָגער, באַשולדיקער, אָנשטאָט פּאַרטיידיקער.

אַלמי פּאָלעמיזירט מיט אַ צאָל פון זיינע פּאַרטיידיקער און דער עיקר שטעלט ער זיך אָפּ אויף די זכרונות פונעם באַוווסטן ראָמאַניסט שלמה ראָזענבערג, דער אַרכי־פּאַרטיידיקער פון זיין קרוב שלום אַש.

צום סוף:

מיר האָבן בשום אופן נישט געקענט איבערגעבן דעם גאַנצן תמצית פון אַלמיס סך־הכל — אַפילו נישט אויף דעם קאָנדענסירטסטן אופן. אויף דערויף דאַרף מען זיין אַן אַלמי, אַ וואָרט־מייסטער וואָס באַהערשט דאָס וואָרט, און דער שרייבער האַלט, אַז ער איז נאָך ווייט פון דער דאָזיקער מדרגה און שרייבערישן באַרוף. מיר האָבן בלויז אַרויסגעבראַכט די אַלגעמיינע שטריכן און כוללדיקע סומירונגען וזה שכרי.

אויב אָבער מיר זאָלן אָננעמען דעם כלל, אַז אַ ווערק ווערט געמאָסטן לויט דער מאָס פונעם אָפּקלאַנג ביים לייענער, איז אַלמיס ווערק פון די שטאַרקסטע און זיינע זכרונות —די געוואַגטסטע. פּאַרהוילנקייט ווערט נגלה פאַר דעם לייענער, פאַר דער עפנטלעכקייט. דער קינסטלער האָט געוואַגט אויפצודעקן זיין נשמה און האַרץ מיט דער גאַנצער אינטימיטעט. וועט עס זיכער בלייבן אַ דאָקומענט פון אַ שעפעריש־ייִדישן מענטשן אין דער שטורמישסטער תקופה אין דער ייִדישער און אַלגעמיינער געשיכטע.

(„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 24טער נאָוועמבער 1959)

# אָ. אַלמי־ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט

פ ו ן

יעפים ישורין

# א. אַלמים ווערק אין ייִדיש

## די צווייטע עקזיסטענץ

**אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ספּיריטואַליזם.** פאַרלאַג „קאָסמאָס", ניו־יאָרק — מאָנ־טרעאַל, 1921. 104 זייטן.

## ביי די ראַנדן

**לידער.** פאַרלאַג „עכאָ". ניו־יאָרק, 1923. 92 זייטן.

## אין עליאָשס קעניגרייך

**שטיפערישע יוגנט־לידער.** פאַרלאַג פּנחס גראַבאָרד, וואַרשע, 1924. 112 זייטן.

## די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע

פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 1925. 102 זייטן.

## פאַר די ליכט

**לידער.** וואַרשע, 1927. 100 זייטן.

## די רייד פון בודאַ

פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927. 180 זייטן.

## ייִדישע פּאָוסטאַניע־מעשיות

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1927. 110 זייטן.

## מענטש און וועלט

**עסייען.** פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1928. 176 זייטן.

## פּאַראַדיעס

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1928. 185 זייטן.

## הומאָרעסקעס און שאַרזשן

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1928. 150 זייטן.

## אויפן וועג פון די געטער

**מצרים, אינדיע, יאַפּאַן, אינדיאַנער.** פאַר־לאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1929, 320 זייטן.

## ווען ס׳גלוסט מיך צו לאַכן

**פעליעטאָנען.** פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1930. 258 זייטן.

## ליטעראַרישע נסיעות

**עסייען.** פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1931. 500 זייטן.

## מיט זיך און מיט אַנדערע

**עפּיזאָדן און דערציילונגען.** פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1932. 196 זייטן

## געקליבענע לידער

פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1933. 292 זייטן.

## מענטשן און אידייען

**עסייען.** פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1933. 232 זייטן.

## קריטיק און פּאָלעמיק

פאַרלאַג ש. צוקער, וואַרשע, 1939. 262 זייטן.

## געזאַנג און געוויין

**געטאָ און חורבן־לידער, אויך אמר רב יוחנן הסנדלר.** שרייבער־פאַרלאַג. ניו־יאָרק, 1943. 48 זייטן.

## מאָמענטן פון אַ לעבן

**זכרונות, בילדער און עפּיזאָדן.** אַרויס־געגעבן פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּויליש יודן אין אַרגענטינע. בוענאָס־איירעס, 1948. 253 זייטן.

## לעצטע געזאַנגען

בוענאָס איירעס, 1954. 79 זייטן.

## אין גערעַנגל פון אידייען

**עסייען.** בוכגעמיינשאַפט ביי דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט. בוענאָס איי־רעס, 1957. 226 זייטן.

**חשבון און סך־הכל**
קאַפּיטלען פון מיין ספר החיים (זכרונות און מחשבות), בוענאָס איירעס, 1959. 359 זייטן.

## אין העברעיִש

**בין סיני לאולימפּוס**
אַן אָפּקלייב פון א. אַלמיס עסייען, אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון שלמה שנהוד. י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב, 1960. 268 זייטן.

א. אַלמיס קורצע דערציילונגען, איבער־געזעצט אין העברעיִש (פון אהרן ווייס־מאַן).

**צרור הומור**
(תל־אביב, 1956):
מירה׳לע
האמנים הקולטיביים
בורסות
מכנסים
צמחונות
בר מינן שברח
אהבתי הראשונה

**בנות צחוק**
(תל־אביב, 1958):
האיש המוסרי
אהבתי אנרכיסטית
הרב הירוק

## אין ענגליש

**Our Unfinished World**
A Philosophy of Life in Discourse, Story and Fable. Arco Publishing Co. New York, 1947. 205 pp.

**Eternal Frontiers**
International Press. New York, 1939.

## אין פּויליש

**Legendy Zydowskle o Powstaniu - 1863**
Przelozyl S. Hirszhorn. Widawnictwo E. Gitlina. Warszawa, 1929. 90 str.

## בראָשורן

**Anti-Semitism - Why?**
Eagle Publishing Co. Montreal, 1937. 16 pp.

**פּאַן־אָריענטאַליזם**
וועגן אַ נייער אָריענטאַציע אין דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. בידערמאַן־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1939. 23 זייטן.

**די ייִדישע קאָמאָנוועלט**
בשותפות מיט ד״ר ש. בערנשטיין און דניאל פריש. אַרויסגעגעבן פון דער אַמע־ריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. וואַשינגטאָן, ד. ק., 1945. 23 זייטן.

**די גרעסטע ייִדישע אויפגאַבע**
אַרויסגעגעבן פון דער אַמעריקאַנער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע. וואַשינגטאָן, ד. ק. 1945. 8 זייטן.

**אונטערגאַנג אָדער אויפלעבונג**
פּאָלעמיק מיט פּראָפ׳ לואי פינקעלשטיין וועגן עליה און ירידה. אַרויסגעגעבן פון

דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַני־
זאַציע, ניו־יאָרק, 1946. 16 זייטן.

**My Credo**
Published by The Spinoza Institute of America. New York, 1948. 32 pp.

**The Strange Death of Baruch Spinoza**
Sci-Art Publishers, Harvard Square, Cambridge, 38, Mass. 1952. 16 pp.

**תעלומת מותו של שפינוזה**
הדפסה מיוחדת מ„הדואר". ניו־יורק, תשי"ב — 1952. 16 זייטן.

## א. אַלמיס הקדמות צו ביכער פון אַנדערע שרייבערס

**באָגין, שלמה**
געשיכטע פון עוואָלוציע אין רעליגיעזן געדאַנק (א. אַלמי: אייביקע פראַגן). פאַר־לאַג „שטימע", ניו־יאָרק—גלובאָק, 1937. ז' 3—8.

**בידערמאַן, איטשע וו.**
שפּענער. דראַמע אין פיר אַקטן מיט אַן אַריינפיר פון א. אַלמי. פאַרלאַג „טעאַ־טער־שפּיגל", ניו־יאָרק, 1924.

**ביק, אברהם**
גרונט־פרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַ־ליזם. (א. אַלמי: אַ הימל פאַרן מאַרק־סיזם — הקדמה). ניו־יאָרק — לאָדזש, 1938. ז"ז 7—17.

**מאַנפריד, לאַזאַר**
„אונטער איין דאַך". א. אַלמי: לאַזאַרוס מאַנפריד — דער האַרמאָנישער. פאַרלאַג בוכפאַלק, ניו־יאָרק, 1949. ז"ז 8—15.

**מערקור, וואָלף**
מערקוריאַזן (מיט אַ פאָרוואָרט פון א. אַלמי). פאַרלאַג: נעבעכאַליין, פילאַדעל־פיע, 1948. ז"ז 5—7.

**מערקור, וואָלף**
„די וועלט איז כּעלעם". א. אַלמי: דאָס צווייטע כּעלעם. אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פוילישע יידן אין אַר־גענטינע, בוענאָס־איירעס, 1960, ז"ז 7־10.

**קוזנעץ, חיים**
פון איינעמס אַ טאָגבוך (מיט אַ פאָר וואָר־טער פון א. אַלמי). פאַרלאַג מ. גאָלד־פאַרב, וואַרשע, 1931.

## פּובליקאַציעס, רעדאַגירט דורך א. אַלמי

**1909 — 1912**
יום־טוב בלעטער לכבוד פסח, שבועות, סוכות און אַנדערע יום־טובים פאַר די וואַרשעווער פאַרלעגערס ב. שימין און א. גיטלין.

**1910 — 1912**
הומאָריסטישע אָפּטיילונג פון וואַרשע־ווער „מאָמענט".

**1914 — 1916**
„ברוקלין־בראַנזוויל פּאָסט".

**1921**
„דער קוואַל", מאָנטרעאַל — ניו־יאָרק.

**1922**
„די עפּאָכע", מיט י. י. סיגאַל און א. ש. שקאָלניקאָוו.

**1936 — 1938**
(מיט־רעדאַקטאָר)

**"Human Society"**
Published by Spinoza institute of America, New York.

## נאָמען און פּסעוודאָנימען:

אייגנטלעכער נאָמען: אליהו חיים שעפּס.
אַדאָפּטירטער נאָמען: א. אַלמי.
פּסעוודאָנימען: עליאַש, אַלי עלין, א. בן־שלמה, ש. אליהו, א. תשבי, ד״ר ב. גיט־לין, ד״ר א. עלקין, חיים רייזלין, אליהו זיידלער, חיים אשלי, ל. יאַש, א. י״ש, אסור זיידלער, אל אַלמאַזאַ.

## א. אַלמיס לידער מיט מוזיק

**גלאַטשטיין, י.**

לובלין, 1916: פאַר װעמען?

**גאָלוב, סאָלאָמאָן**

ניו־יאָרק, 1922: עס בעט די װעלט.

**געלבאַרט, מיכל**

ניו־יאָרק: איינינקער אַליין, די גערע לאַ־טע, 1942.

**געלבאַרט, מיכל**

ניו־יאָרק, 1961: „נייע געזאַנגען״, פאַר־לאַג „מעטראָ מוזיק קאָ.״, ניו־יאָרק: קלאַפּ, העמערל; הייליק.

**װיינער, לאַזאַר**

ניו־יאָרק, 1942: די גערע לאַטע.

**נאַרדי, מ.**

תל־אביב, ישראל, 1954: יעקב גייט.

**נאַכבוש, נח**

ניו־יאָרק: אמר רב יוחנן הסנדלר (רע־ציטאַציע און ניגון).

**פּינטשיק, פּ.**

ניו־יאָרק, 1949—1952:

דער שומר

װאָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?

אַלע זענען מיר פּאָעטן

רב יוחנן הסנדלר

נח

**קיפּניס, מ.**

װאַרשע, 1911:

פאַר װעמען?

**קעיל, יוליוס**

ניו־יאָרק, 1943—49—53:

אַ חלום

מזמור שיר לשוסטער

טאַנץ טענצערין

לך לך

וישמח משה

אשרי האיש

לאָמיר זינגען

**שניאור, מ.**

װאַרשע, 1913:

לשון־קודש (אויך „חנהלע לערנט זיך לשון־קודש״, געװאָרן אַ פאָלקס־ליד, מו־זיק רעאַראַנזשירט דורך מ. ירדני, ניו־יאָרק, 1945).

## װעגן א. אַלמי — אין געשיכטלעכע, מעמואַריסטישע און עסייאיסטישע װערק

**אַשעראָװיטש, מ.**

דער „פאָרװערטס״. 75 יאָר יידישע פּרע־סע אין אַמעריקע. נ. י., 1945. ז׳ 61.

**באַטאַשאַנסקי, יעקב**

אַ קליין ביסעלע ביאָגראַפיע. מ. ל. האַל־פּערן. בוענאָס איירעס, 1932. ז׳ 10.

**באַטאַשאַנסקי, יעקב**

יידישע ליטעראַטור און אירע גרופּי־רונגען אין ניו־יאָרק. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. װאַרשע 1933. ז׳ 153.

**באַטאַשאַנסקי, יעקב**
מאַמע יידיש. בוענאָס איירעס, 1949. ז׳ 64.

**באַטאַשאַנסקי, יעקב**
משה לייב האַלפּערן. פּשט. בוענאָס איירעס, 1952. ז׳ 98.

**באַטאַשאַנסקי, יעקב**
די פאַרלאַגן און די ביכער, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. יאָרבוך פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס־איירעס, 1954. ז״ז 243, 244.

**ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.**
דער אינהאַלט פון גראַם. לידער און עסייען, באַנד 2, פאַרלאַג „צווייגן״, נ. י., 1932. ז׳ 93.

**ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.**
יידישע ווערטער פון העברעישן אָפּשטאַם. לידער און עסייען, באַנד 2, פאַרלאַג „צווייגן״, נ. י., 1932. ז׳ 112.

**ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.**
פון יונה הנביא ביז יאָסל לאָקש פון כעלם. חלום און וואָר, עסייען, נ. י., 1956. ז׳ 148.

**ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.**
דוד עדעלשטאַט. חלום און וואָר, עסייען, נ. י., 1956. ז׳ 461.

**בראַנשטיין, יחזקאל**
אינאיינעם און באַזונדער. תל־אביב, י. ל. פרץ פאַרלאַג, 1960.

**גלאַנץ־לעיעלעס, א.**
א. אַלמי. וועלט און וואָרט, נ. י., 1958. ז״ז 222—226.

**גלאַנץ־לעיעלעס, א.**
אַלמיס לידער. וועלט און וואָרט. נ. י., 1958, ז״ז 226—232.

**גראָבאַרד, ב.**
אַ פערטל־יאָרהונדערט [א. אַלמי] נ. י., 1935. ז׳ 188.

**י. ד.**
א. אַלמי — ביאָגראַפישער סקיץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., מאַי 17, 1957.
חשבון און סך־הכל, בוענאָס־איירעס, 1959, ז״ז 9—12.

**וויטיעס, משה**
וועגן עסייען און עסייאיסטן. עסייען וועגן ליטעראַטור. נ. י., 1958. ז׳ 164.

**וויינפּער, ז.**
אַלמי־עליאַש־שעפּס. יידישע שריפטשטעלער. באַנד 1, נ. י., 1933. ז״ז 109—114.

**וויינפּער, ז.**
ב. ריווקין. יידישע שריפטשטעלער. באַנד 2, נ. י., 1936. ז׳ 81.

**זאַק, אברהם**
קנעכט זענען מיר געווען, באַנד 2, בוענאָס־איירעס, 1956. ז״ז 118, 168, 169.

**טאָפּעל, יהודה**
פאָרוואָרט. דוד איגנאַטאָוו. אָפּגעריסענע בלעטער. בוענאָס איירעס, 1957. ז׳ VII.

**טענענבוים, ש.**
כאַאָס און האַרמאָניע (א. אַלמיס „געזאַנג און געוויין״). שניט פון מיין פעלד. עסייען און דערציילונגען. נ. י., 1949, ז״ז 295—299.

**יאַנאַסאָוויטש, יצחק**
דאָס יידישע לעבן אין פוילן אין דעם ווייטן און נאָענטן אַמאָל. יאָרבוך פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס איירעס, ב. א., 1954. ז׳ 269.

**יאָפּע, מרדכי**
א. קאַראַלניק. רינגען אין דער קייט. נ. י., 1939. ז׳ 207.

**יאָפּע, מרדכי**
א. אַלמי. רינגען אין דער קייט. נ. י., 1939. ז״ז 215—233.

**ירדני, מ.**

א. אַלמי. אינטערוויוס מיט ייִדישע שרייבערס. ניו־יאָרק, 1955. ז״ז 79—88.

**לאַנדינסקי, ש. י.**

אַריינפיר. לידער פון אַ פליכטלינג. נ. י., 1945.

**ליבערמאַן, חיים**

די נשמה פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ביכער און שרייבער. נ. י., 1933. ז׳ 3.

**לעווי, יוסף הלל**

בערל לאָקער. געזאַמלטע שריפטן, בוך 2, לאָנדאָן, 1958. ז׳ 73.

**לעווי, יוסף הלל**

שכנא זאגאן. געזאַמלטע שריפטן, בוך 2, לאָנדאָן, 1958. ז׳ 81.

**לעווי, יוסף הלל**

א. אַלמי. געזאַמלטע שריפטן, בוך 2, לאָנדאָן, 1958. ז״ז 170—179.

**לעהרער, לייבוש**

מענטש און אידייע. פאַרלאַג מתנות, נ. י., 1960. ז׳ 305.

**מאָזעס, מענדל**

„דער מאָמענט״. פון נאָענטן עבר. אַלוו׳ ייִדישער קולטור קאָנגרעס. באַנד 2, נ. י. ז״ז 247—261. נ. י. 1956.

**מאָזעס, מענדל**

„דער מאָמענט״. פון נאָענטן עבר. באַנד 2. די „מאָמענט״־מיטאַרבעטער, נ. י., 1956.

**מוקדוני, ד״ר א.**

צבי, נח פרילוצקי און ש. ל. קאווא, אין וואַרשע און אין לאָדזש. באַנד 1, בוענאָס איירעס, 1955

**מוקדוני, ד״ר א.**

הומאָר אין דער וואַרשעווער ייִדישער פרעסע (שעפּס־אַלמי), אין וואַרשע און אין לאָדזש. באַנד 1, ב. איירעס, 1955. ז׳ 290.

**מיניקעס, חנן י.**

ייִדישע שרייבערס (בילדער־אַלבום). ניו־יאָרק, 1917.

**מייזיל, נחמן**

אַ נייער ליטעראַרישער פאַרמעסט. געווען אַמאָל אַ לעבן. בוענאָס איירעס, 1951. ז׳ 74.

**ניגער, ש.**

י. ל. פרץ. בוענאָס איירעס, 1952. ז״ז 400, 421, 473, 474, 481, 505.

**סומער, נחום**

מענטש און וואָרט. נ. י., 1950. ז״ז 38, 45, 79, 88.

**פראַנק, ד״ר הערמאַן**

א. ש. זאַקס — קעמפער פאַר פאָלקס אויפלעבונג. נ. י., 1951 (א. אַלמי).

**צייטלין, אלחנן**

אין מיין טאַטנס שטוב. וואַרשע, 1939. ז״ז 361—367.

**קאָהן, יאָסל**

א. אַלמיס דיכטעריש־פילאָסאָפישער אמת. ביים ראַנד פון אָנהייב. נ. י., 1960. ז״ז 156—179.

**קאָרנהענדלער, יחזקאל**

אַ גאַסט פון יענער וועלט. טאָלסטאָי און די ייִדן (אַלמיס אַרויסטריט), פאַריז, 1955.

**קעידזש, ד״ר יוסף**

צוויי הונדערט יאָר ייִדישע אימיגראַציע אין קאַנאַדע. מאָנטרעאָל, 1960.

**רייזען, אברהם**

א. אַלמי. עפּיזאָדן פון מיין לעבן. דריטער טייל, ווילנע, 1935. ז״ז 307, 316.

**ריינוויין, אברהם**

דער ייִד אין קאַנאַדע. טאָראָנטאָ, 1925.

**שוואַרץ, י.**

דער שוואַרצער פלעק פון דער ייִדישער גאַס. נ. י., 1925. ז״ז 5, 6, 7, 8, 9, 11, 12, 13, 14, 15, 16, 17, 18, 20, 21, 23, 24, 25, 26, 27, 28.

**שוואַרץ, י.**

אַ זיי־געזונד צו די לעזער פון דער ייִדי־שער גאַס. דער שוואַרצער פלעק פון דער ייִדישער גאַס. נ. י., 1925. ז״ז 46, 48.

**שטיינוואַקס, פּנחס**

סילועטן פון אַ דור. נ. י.—ב. א., 1958. ז״ז 147, 152.

**שטיינוואַקס, פּנחס**

א. אַלמיס געזאַנגען. סילועטן פון אַ דור. נ. י.—ב. א., 1958. ז״ז 192—196.

**שערמאַן, אליעזר**

